STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00823

# YUNGE YORN

Israel Jacob Schwartz

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Deborah Lurie, Linda Slotnik & Shirley Slotnick*
*in memory of*
*Yehuda Leib Slotnik*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. שוואַרץ: יונגע יאָרן

י. י. שוואַרץ

# יונגע יאָרן

## פּאָעמע

פֿאַרלאַג צבי קעסעל ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון יידישן צענטראַל־
קאָמיטעט אין מעקסיקע. מעקסיקע — 1952.

I. J. SCHWARTZ.

# AÑOS DE JUVENTUD

## POEMA

IMPRENTA MODERNA
GARCIADIEGO 28
MEXICO, D. F.

# ווידמונג

דאָס דאָזיקע בוך איז געווידמעט צום ליכטיקן אָנדענק פון די קדושים וטהורים:

## יעקב זאב און איטע פושקאַר

אומגעקומען אין טאָג פון חורבן און צאָרן פון דער יידי־שער ליטע.

דאָס זענען געווען מענטשן פון פאָלק, וואָס האָבן גע־וואָרצלט אין יידישקייט און געצויגן זייערע זאַפטן פון די אַלטע ווייטע פאַרגאַנגענע דורות. פרומקייט און מידות־טובות זענען ביי זיי געווען נישט בלויז אַ געבאָט פון דער תורה — אַ מצות אנשים מלומדה — נייערט איינגעזאַפט און איינגעברענט אין זייער גאַנצן ליכטיקן מהות.

דאָס זענען געווען מענטשן מיט גרויס דרך־ארץ פאַרן וואָרט. מיטן וואָרט איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן און מיטן וואָרט האָט די וועלט אַ קיום — און וואָרט איז קדושה. זייער וואָרט בין אדם לחברו, שוין אָפגערעדט פון בין אדם למקום, איז געווען ערליך, ווירדיק און הייליק.

זיי זענען געווען שטאָלצע יידן, שטאָלץ אין זייער עניוות און אין זייער הכנעה. זיי האָבן מקבל באהבה געווען דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע פון לעבן. די יורשים און ממשיכים פון אַ תורת־אמת, די תלמידים פון דער לאַנגער קייט פון גרויסע רביים. גאַנצע יידן, שטאַרקע יידן, וואָס אַפילו אין מיידאַנעק האָבן זיי דעם צלם־אלוקים נישט פאַרלאָרן און דאָס רשעות האָט ניט געקענט צעטרעטן זייער מענטשלעכע ווירדע און שיינקייט.

און אַזוי ווי דאָס דאָזיקע בוך איז לזכר פון אונדזער אָפּ־געווישט ליכטיק לעבן פון דער ערד פון ליטע — אַזוי זאָלן אויך מיינע ווערטער דינען ווי אַ נר־נשמה פאַר די דאָזיקע אויסגעלאָשענע לעבנס. מיט יראת־הכבוד —

דער מחבר.

זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן מיין דאַנק צו דעם ליבן און האַרציקן מענטשן, דעם ליב־האָבער פון יידישן וואָרט, צבי קעסעל, וואָס האָט דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון בוך, ווי אויך צו זיין איידים, דעם גוטן חבר און פריינט טוביה פושקאַר.

מיין האַרציקן דאַנק אויך צו די טייערע חברים און פריינט פון מעקסיקע, מאיר בערגער, מרדכי קאַראַנאַ, ואחרון אהרון, צום ליבן פריינט און דיכטער יצחק בער־לינער, וואָס האָט געהאָלפן אין דער טעכ־נישער אויסשטעלונג פון בוך.

י. י. ש.

# אינהאַלט:


די שטוב — 11 — 17
א ליטוויש שטעטל — 18 — 27
די מאַמע — 28 — 39
אַ ליטווישער רב — 40 — 60
קינדהייט — 61 — 77
יידן — 78 — 93
פון דאָ און דאָרט — 94 — 108
יום־טוב און וואָך — 109 — 128
ווינטער — 129 — 150
די שכנים — 151 — 167
פעלקער און זייערע געטער — 168 — 185
די ישיבה — 186 — 202
ישיבה־יאָרן — 203 — 221
צעשיידונג — 222 — 235

# יונגע יאָרן

# די שטוב

די שטוב איז לאַנג און שמאָל מיט נידעריקע באַלקנס —
און אַז דאָס קינד וואָס איז אַליין אין יענער רגע
הייבט אויף זיך אויף די שפּיצן פינגער צונעם פענצטער,
אַרויסצוקוקן אויף דער דרויסנדיקער וועלט — שלאָגט אָן זיך
זיין אויפגעריסן בליק אָן וואונדער. צווישן דובעלטן —
אַ גלאָזאָפּאַרצאַמטע קליינע וועלט, מיט ברייטע קייטן
פון רויט און בלוי פּאַפּיר געפלאָכטן. שוועל פון פענצטער,
אויף איין פלאַך מיטן אויג, איז בערגלדיק פאַרקיילעכט
און צוגעדעקט מיט ווייסער וואַטע. ס'שטייען גלעזער
מיט רויטער פליסיקייט אין ווייסקייט איינגעגראָבן.
(אַנאַליעם, ס'זאָל דער פראָסט די שויבן ניט פאַרהויכן)
עס רויטלען זיך דאָרט גרויסע קיילעכדיקע עפּל
און הענגלעך זשוראַווינעס פריש און גלימצערדיק
אין דעם וואַטאָווענעם שניי צעוואָרפן. ס'קליינע עופהלע
פאַררייסט דאָס קעפּל העכער, קוקט צום דרויסן — זעט ער:
עס הענגען פון דעם דרויסיקן געזימס אַרונטער,
פון כל המינים גרעב און לענג, די ליכטלעך אייזיקע,
ווי שאַרפע ציינער, אָנגעצונדענע פון זונליכט
אין בלענדיקע קאָלירן; ליכט און ליכטלעך טריפן,
די טראָפּנס צאַפּלען האַסטיק, ראַשיק, פלאַמענדיק:
און גראַגערדיקע ראָבן, שוואַרץ ווי שוואַרצער סאַמעט,
זיי טומלען ווי משוגע, האַפּקען, טענצלען, ריען זיך
אין אויפגעבלאָזן־שמוציקלעכן שניי. גאָר פּלוצים
רייסט זיך פון דאַך אָן אַוואַלאַנש פון שניי אַרונטער
און פאַלט צום גרונט אַראָפּ אין פריידיקן האַרמידער —
און אַלע פליגלדיקע כאַפּן און צופליען.

אין שטוב איז וואַרעם. ס'שלאָגט פון וואַנטאויוון מיט חמימה

און ס׳שמעקט מיט זשיװיצע פון אָנגעזעגטע שייטלעך,
װאָס ליגן אויפן אױװון אין די גלייכע שטויסן
ביז אונטערן סופיט; דאָס האָלץ איז פייכט און יאָדערדיק,
און דאָ און דאָרטן לויפן אָן מאַסיװע טראָפּנס
װי געלע שװעריע טרערן. אויף דער װייסער באַנק
װאָס לויפט לענגאויס דעם אויװון, ליגט די קאַץ און דרימלט,
אַ גרויער בייגל אַ צענויפגעדרייטס, װאָס מורקעט.
אַ גרויסע רויטע הון דרייט אום זיךביים קאַטוכעל,
פּיקט פויל און שלעפּערדיק די קערנדלעך פון גערשטן.
זי האָט נאָר װאָס דער װעלט געשאָנקען אַ מתּנה:
אַ לעבעדיקע לענגלעך-פּולע איי, װאָס װייסלט זיך
מיט טויזנט חנען אונטן אין צעעפנטן קאַטוך.
די זון האָט זיך אַריינגעריסן דורך די דובעלט
און ס׳שװענקט דאָס ליכט די װייסע ברעטערנע פּאָדלאָגע;
עס װערט פון יעדן ברוינעם גערשט אַ גאָלדן ברעקל,
און איטלעך פעדער פון דער הון — געשייערט קופּער.
דאָס קינד װאָלט זיין אַ בעלן מיט דער איי אַ שפּיל טאָן,
פּרובירט זיך צושאַרן צו דעם קאַטוך — די הון אָבער
שטייט װי אַ שומר אויף זיין װעג: אַ שאַרף קרום אויגל,
אַ זונג מיט אַ געבייזער און אַ פּאַך מיט פליגל:
חלילה וחלילה! — רוקט ער זיך פּאַמעלעך
צום װאַנטאויװון און צו דעם בענקל מיט אַ זייטל:
װאָס מאַכט עפּעס אַ קאַץ? נאָר זי די שװערע באַלעבאָסטע,
צעעפנט שאַרף צװיי דינע שפּעלטלעך פון די אויגלעך,
צװיי שפּעלטלעך מיט צעפלאָסענעם בורשטין פּאַרגאָסן;
די ראָזע אויערלעך פּאַרשפּיצט, דאָס שאַרפע פּיסקל
פּאַררייסט זיך אין אַ ראָז שאַרף ציינדלדיקן גענעץ,
די לאַפּקעס שטרעקן זיך שװאַרץ-ביינדלדיק מיט נעגל:
דו בעסער טשעפּע ניט!

איז ניט — האָט ער אַ דאגה!

נאָר כּדי זיי צו באַװייזן, ער איז ניט חלילה
ביי זיך אַראָפּגעפאַלן — זשמורעט ער דאָס נעזל
און פייפט אַרויס פון זיך אַ שאַרף אַ קעציש היסען.

ער קוליעט זיך, ווי ס'טוט די הון, אויף בײדע פיסלעך
און שפאַנט אין קרומע קרײַזן און מאַכט נאָך איר פּזמון.
די הון בלײַבט שטײן אַ רגע אויף אײן אײנציק פיסל,
האָקט אָפּ דאָס זינגען, קוקט מיט חשד פון קרומען אויגל;
די קאַץ אָבער, ווי ניט איר מײנט מען דאָס, זי הערט ניט,
האָט זיך צונויפגעדרײט אין לעבעדיקן בײגל
און מורקעט שלעפּערדיק.

פאַרנעמט ער זיך אין צווײטן חדר:
דאָס זונליכט דאָרט איז אײנגעהאַלטענער, געצאַמטער
פּליסט אײדל, אָפּגעקילט, אין מזרחדיקן פענצטער.
די דרום־וואַנט איז בלינד. דער אַלטער וואַנטזײגער
מיט דעם פאַרגעלבטן קײלעכדיקן ציפערבלאַט,
מיט שווערע וואָגעס מעשענע אויף לאַנגע קײטלעך,
קלאַפּט זיכער, הויך, מיושבדיק זײַן אַלטן טיק־טאַק.
בײַם סאַמע פענצטער שטײט אַ טישל, נישט געהובלט
און נישט פּאָלירט; פון רעכטער זײַט — אַ שווערע זאַפּע
באַצויגן מיט צעראַטע; מיט דער וואַנט אַרונטער —
אַ גלאַציקע, אַ טונקל־רויטע קלײדער־שאַפע.
פון צווײטער זײַט פון טישל, קעגנאיבער זאַפּע,
אַ גרויסער ספרים־אַלמער אויף אַ האַלבער וואַנט
מיט ברײטע פּאָליצעס וואָס בויגן זיך פון שווערקײט.
די ספרים זײַנען לאַנג און ברײט און דיק, מיט רוקנס
פון ברוינעם און פון שוואַרצן לעדער אײנגעשטעמפּלט
מיט זילבער און מיט גאָלד. עס טראָגט פון זײ מיט אַלטקײט
מיט שטויב מיט אײנגעבאַקענעם, און חלב־פלעקן.
נאָר פון דעם אונטערשטן שופלאָד פון קלײדער־שאַפע
גײט אויף אַן אידעלער און וואונדערלעכער ריח:
אַ דינער ריח פון אַן אײנגעשרומפּטן אתרוג
און ריטלעך פון אַ הדס, נעגעלעך און פעפער
און לאָרבער־בלעטער פון דעם אַלטן בשמים־ביקס.

אַ, אַלטע היים, מײַן אָרעמע און כשרע, פון איבער
אַ האַלבן הונדערט יאָר צוריק! אַ צײַט געווען —
ווען ס'האָט דער קאָכיק־פלײַצנדיקער שטראָם פון לעבן
פון האָרץ און זינען זינען דיך אַרויסגעשטויסן; נישטיק,
פאַרוועלקט, פאַרבלאַסט, ביסטו געווען אין מײַנע אויגן.

נאָר איצט, ווען ס׳פּאַלט דער הימל צו דער ערד אַרונטער,
ווען ס׳טרייסלען זיך פון אונדזער ערד די פונדאַמענטן,
און אונדזער לעבן ליגט פאַרבלוטיקט און פאַרפייניקט,
צעפּליקט, צעפּיצלט, איבער אַלע זיבן ימען —
איצט לעבסטו אויף אין מיר אין שטראַלנדיקער זעאונג
מיט אַלע חנען און אין גנאָד פון ערשטער קינדהייט.
די נשמה גאַרט צום ערשטן ליכט, הגם ס׳איז קלאָר מיר,
אַז ס׳צאַפּלט זיך דאָס ליכט פון דורות אין זיין שקיעה.
דאָס האַרץ הענגט אויף דער וואָגשאָל פון דער וועלט און בלוטיקט,
און פאַרבט די וועלט אין רויט. גענוג אַן אַלטער פּסוק,
אַן אָפּגעבראָכן שפּליטער פון אַן אַלטן ניגון,
אַ געלע בלאַט אין ציטער פון אַ בוים אַרונטער —
און ס׳עפענען זיך אַלע טויערן פון טרערן.
דער גוף ווערט אויפגעטרייסלט אין אַ שטיל געיאָמער,
אַן קול, אַן קלאַנג, און אַלע ביינער מיינע וויינען.
וועל איך די אויגן אָפּווענדן פון בלוט און חורבן,
וועל גיין צוריק צום ערשטן קוואַל פון לייד און פרייד;
אין אמת פון אַ ריין און כשר לעבן זוכן
אַ מיין, אַ זעאונג און אַ טרייסט.
דעם קינד ווערט אומעטיק
און קערט זיך אום צום ערשטן זונפאַרפלייצטן חדר.
ס׳איז שטיל דאָרט ווי געווען. אַלץ הויערט אינעם זונליכט
און אין די איינגעשטעלטע רואיקע פיר ווינקלען.
דער ברייטער בייכיקער קאָמאָד מיט שבת־לייכטער,
דער אויסגעהאַפּטער „מזרח" אונטער גלאָז, דער שפּיגל,
וואָס הענגט קרום־אָפּגעשטאַנען פון דער וואַנט אַרונטער
און שפּיגלט אָפּ משופּעדיק דעם גאַנצן צימער;
די צוויי קאַנאַפּעס מיט געבלימטן ציץ באַצויגן,
וואָס שטייען ווי אַ גרויסער אומגעקערטער דאַלעד;
אַזוי האָט אויסגעזעזן די וועלט אין דעם קינדס אויגן
אין יענעם ערשטן ווייטן ליכטיקן פרימאָרגן.

צו יענעם ווינקל, וואו עס שטייען די קאַנאַפּעס,
האָט אים געצויגן אַ מאַגנעט, און אין דער זעלבער צייט
האָט אַ געהיימער כוח אים צוריקגעהאַלטן,

געפּענטעט זיינע פּיס. געהאַט האָט דער מאַגנעט
די צורה פון אַ טאַץ אַ מעשענעם, אַ שווערן,
וואָס איז געשטאַנען אויף אַ שטול. און אויפן טאַץ
האָבן געלויכטן און געגליט אין רייכע פאַרבן
צוויי שאָלן גלעזערנע, און פולע ביז די ראַנדן —
צוויי שאָלן מיט געפּרעגלעכטס. איין שאָל — רויטע קאַרשן,
די גרויסע אָנגעגאָסענע און שווערע קאַרשן,
וואָס טוקן זיך אין טיפע טונקלרויטע זאַפטן;
די צווייטע שאָל — מיט אײדעלע מיט צאַרטע מאַלינעס
אין רויזקאָליר, וואָס שפּילט אין פליסנדיקן זונליכט.
דער ריכטיקער מאַגנעט. ווען ס'האָט די מאַמע, פריער
אַריינגעבראַכט די לאָדישעס פון קאַלטן פירהויז,
האָט זי אים מיטן לעפעלע אַ שמיר געגעבן
אויף זיינע ליפּן אַז ס'איז ליכטיק אים געוואָרן
אין ביידע אויגן. איז אָבער פאַראַן אַ צרה:
אים האַלט צוריק אַ בלינדע, אַ געהיימע מורא.
ניט ווייסנדיק אַליין, האָט ער אין דעם פרימאָרגן
פון יענעם ווינקל זיך געהיט. עס ליגט דאָרט איינער,
אַן אויסגעצויגענער אין פולער לענג אויף אַ קאַנאַפּע,
אַ צוגעדעקטער מיט דער קאָלדרע ביז די אויגן.
דער קאָפּ איז איינגעגראָבן אין די הויכע קישנס,
די אויגן צוגעמאַכט. עס קען דאָס קינד ניט וויסן,
צי שלאָפט דער מענטש, צי ניט? אָט דוכט זיך, שלאָפט ער,
באַוועגט ניט מיט קיין גליד, דער גוף איז ווי פאַרשטיינערט;
אַ רגע שפּעטער — און דער אויבערשטער טייל קערפּער
הייבט אָן צו אַרבעטן: עס קלאַפּט, עס זעגט, עס כריפּעט —
און האַקט זיך ראַפּטאָם אָפּ; דער מענטש ווערט ווידער רואיק,
לאָזט נאָך און ווערט אַנטשוויגן.

דער מאַגנעט איז גובר:
דאָס קינד שטעלט קליינע טריט, פאַרלייגט די הענט אַהינטער,
וואָס דאָס באַטייט, אַז ער איז גאַרנישט, גאַרנישט אויסן —
נאָר ס'פירט אים יעדער טריט צום שטול אַלץ נעענטער.
אָט איז ער שוין ביים סאַמע שטול. ער שטייט אַ רגע
מיט אויג און אויער אָנגעשפּיצט אויף דער קאַנאַפּע —
ס'איז שטיל, ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן. כאַפּט ער צו זיך

מיט בײדע הענטלעך צו די שאָלן מיט דער „לאַבונג״:
ער שטעקט די פינגער אין די שאָלן, שעפּט די קאַרשן
און מאַלינעס אַרויס און שטאָפּט אין מויל זײ האַסטיק.
די זיסע שמעקעוודיקע זאַפט פאַרשמירט דאָס פּנים
אין קלעפּעדיקן רויט און ראָז; די פינגער רינגען
און טריפן שווערע טראָפּנס אויף די שיך און זאַכן
און אויפן דיל. ס'איז גוט!

נאָר דאָ דערשפּירט ער, פּלוצים,

עס האָבן הענט אין זײנע האָר זיך אײנגעפלאָכטן.
עס האָט דער מענטש זיך אויפגעזעצט. אַראָפּגעפאַלן
איז ביז אין העלפט די רויטע קאָלדרע: ס'העמד צעקנעפּלט,
פון וועלכן ס'בלאַסט אַרויס אַ יונגער גוף, די בײנער —
ווי שאַרפע רײפן; ס'שלאָגט מיט היץ פון דינעם קערפּער,
מיט שאַרפן מיט צעוואַרעמטן סאָסנאָוון שמירעכץ.
עס רינגלען זיך די ברוינע האָר אין גרויסע רינגען
און בליצן דורך מיט פונקען גאָלד באַהויכט פון נאַסקײט.
נאָר מוראדיק, ניט הײמלעך גליען שווער די אויגן,
צוויי גרויסע בלויע אויגן — קוואַלן פליסיק פײער —
פון וועלכע ס'שרײט אַ שטום געשרײ פאַרעקשנט,
געשרײ פון יונגן בלוט, וואָס ווערט פאַרצערט פון פײער.
עס האָבן טויט און לעבן זיך באַגעגנט: יענער
מיט די פאַרקרעמפּטע, לאַנגע, זוכנדיקע פינגער
און דער וואָס האָט נאָר וואָס די אויגן אויפגעעפנט.
ער האָט ניט ווי געטאָן, געהאַלטן פאַר די האָר בלויז,
געפּאָרשט, געזוכט, געברענט מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן.
און ס'האָט דאָס קינד זיך ניט געריסן: איז געשטאַנען
מיט שטײפע פיסלעך אײנגעשפּאַרט אין דער פּאָדלאָגע
און אויסגעשטרעקטע קלעפּיקע און רויטע הענטלעך —
געשטאַרט מיט וואונדער און מיט שרעק אין צווײטנס אויגן.
און צווישן די צוויי קעפּ — דער שטול, דער טאָץ, די שאָלן,
מיט די פאַרגאָסענע די בלוטיקרויטע זאַפטן.

דאָס איז געווען דער ברודער משה לײב. אַ בחור
פון דרײַצן־פערצן יאָר, וואָס האָט אויף דער קאַנאַפּע
דערצויגן זײנע לעצטע טעג. אַ שײנער, אַ גראַטענער —

## די שטוב

דער ערשטער בעסטער אין תנ"ך און בלאַט גמרא,
דער ערשטער אויפֿן פעלד פון ייִנגלשע מלחמות —
געפאַלן דורך אַ נאַרישער אַ בלינדער סיבה,
און ס'האָט גאָטס קלאָרע ליכט געהאַלטן זיך אין לעשן.
ווען ס'איז די שול אין איבערבוי געשטאַנען — איידער
די שווערע און פירעקעכדיקע באַלקנס האָבן
זיך צוגעדעקט מיט ברעטער — האָט דער יונג באַוויזן
צו אַלע זיינע חברים גרויסע וואונדער:
געשפּרונגען אין דער הויך פון איין קלאָץ אויפן צווייטן,
געפלויגן ווי אַ פויגל דורכן פוסטן חלל;
אַ פלי, אַ שוועב — און שטייט שוין אויף אַן אַנדער באַלקן
ביז ער האָט איינס אַן איבעריקן שפּרונג געגעבן —
איז ער צום ליימיקן און שווערן גרונט געפלויגן,
און ס'איז דער האַרטער גרונט געפלויגן אים אַנטקעגן.

# אַ ליטווישׁ שטעטל

...און איצט, ווען ס׳נעמט מיין טאָג זיך צו׳ם אָוונט נייגן —
גייט איבער ס׳האַרץ מיט בענקעניש אין שטילער שעה
נאָך דעם וואָס איז געווען און איז שוין מער ניטאָ,
נאָך ווייטער קינדהייט וואָס איז לאַנג פאַרפלויגן;
נאָך יענע זעאונגען פון ריינסטן גאָלד געשפּונען,
וואָס האָבן אויפגעשיינט, געשפּילט ווי פּערזן פון אַ ליד
אין צאַרטן ציטער; אויפגעבליט און אָפּגעבליט
און ווי די פאַרבן פון אַ זונפאַרגאַנג צערונען.

עס לעבט, געדייט דער ערשטער כישוף אין זכרון,
דער ערשטער רוף פון לעבן, ערשטער ציטער־קלאַנג;
ס׳האָט אַלץ זיין ריח און קאָליר און זיין געזאַנג,
ס׳גייט קיין זאַך ניט אין גאַנג פון צייט פאַרלאָרן.
פאַראַן אַ שעה, ווען אַלץ טויכט אויף און קומט צום לעבן:
די וועלט ווערט ווידער יונג. עס טוט דיך אַ פאַרפלייץ
מיט בילד, מיט זעאונג און מיט קלאַנג, מיט ערשטן רייץ
און טוט מיט טרייסט און רחמים דיך פאַרוועבן.

ווען כ׳שעם זיך ניט — וואָלט איך זיך צו דער מוזע ווענדן:
אָ מוזע טרייע, ס׳ליגט מיין אַלטע וועלט צעשטערט.
וואו נעמט מען כוחות און וואו נעמט מען מוט, אַז ערד
און הימל האָבן זיך פאַרלייגט אונדז צו פאַרלענדן?
אָ מוזע יידישע פון איכה און פון תהילים
מיט ווערטער — פייערן געצונדן שוואַרץ אויף ווייס,
מיט וויזיעס — בליצן איינגעשמידט אין אייז,
מיטן צעבראָכן האַרץ וואָס לאָזט זיך קיינמאָל שטילן!

ביסט מיטגעגאַנגען אין דעם לאַנגן וועג פון וואָגל,
געשמאַרצט מיט אונדזער פיין, געברענט אין אונדזער בראַנד;
אַרויסגעשלוכצט אונדזער געוויין פון לאַנד צו לאַנד,
געטראָגן טרייסט און טרערן אין די פולע לאָגל.
איז דאָ אַ פלאַץ, ווו דו האָסט ניט מיט אונדז געטראָטן,
איז דאָ אַן אָרט, ווו דו האָסט ניט מיט אונדז געברענט?
נאָר אומעטום האָבן געטריפט מיט טרייסט די הענט
און אומעטום געבראַכט אונדז שוץ און שאָטן.

דו ביסט אַמאָל־אַמאָל פאַרביי מיר דורכגעגאַנגען,
דערזען מיך אַ צעטראָטענעם אין אייגן בלוט —
האָסטו געזאָגט: לעב אין דיין בלוט! לעב אין דיין בלוט!
און ס׳האָלט דיין שפרוך זינט דעמלט מיך געפאַנגען!
אָ ווונדערלעכע! סאַראַ ברכה האָסטו מיר געגעבן —
איך וואַלגער זיך אין בלוט, עס גרייכט שוין ביז צום האַלדז,
עס ברענט די ערד, דער הימל פלאַמט, דאָך לעב איך אַלץ,
פון אַש און חורבן שטיי איך אויף צום לעבן!

ווי ס׳ציט זיך אַ בלינד קינד מיט זיינע הענטלעך,
מיט ציטערדיקע איינגעשפאַרטע הענטלעך צו דער זון —
אַזוי אַ צי איך מיך מיט אַלע מיינע חושים
צו דיר, מיין ליכט פון ערשטן קוואַל פון קינדהייט
און יונגן פלאַם! אַ טייל פון יענעם פייער
האָב איך פאַרשווענדעריש פאַרזייט אויף אַלע וועגן
פון ברויזנדיקער יוגנט; נאָך אַ טייל האָבן די ווינטן,
די רויע ווינטן פונעם לעבן צאָרנדיק פאַרטריבן
אין פוסטע וועלדער און אויף וויסטע פעלדער;
גיב גאָט, דאָס לעצטע וואָס מיר איז געבליבן
זאָל ברענען לויטער, קלאָר און זיך ניט לעשן
כל־זמן ס׳איז מיר באַשערט.

דאָס האַרץ גייט איבער,
פאַרטייעט זיך אין דעם געוויין פון דעם פאַרפייניקטן,
זוכט ווערטער אויסצוגיסן זיך און עס געפינט ניט;
אַז אַלע ווערטער זיינען אויסגעברענט פון זייער תוך

אין אָנגעזיכט פון אונדזער צער און פּיין און בראָך —
זיי זיינען ווי די פּוסטע שאָלעכצן פון ניס,
וואָס קלאַפּן רעש'ן, גראַגערן — און זאָגן גאָרנישט.
אַז אָפּגעטאָן איז פרייד פון אונדזער וואוינונג
און ס'ווערט דאָרט נישט געלאַכט און נישט געזונגען.
אַ טעמפּקייט, גרוי און שווער האָט אונדז פאַרוויקלט
און פרעסט, ווי ראָסט ווי טויטלעכער, די הערצער.
דאָס זונליכט וואַרעמט נישט און גיט קיין ליכט נישט
און אין די פּנימלעך פון פּיצל עזפּהלעך,
וואָס יונגע מאַמעס פירן אויף שפּאַציר אין וועגלעך —
איך זע אין זיי די צוקונפטיקע שלעגער
און די געשלאָגענע, די פּייניקער און די געפּייניקטע,
דאָס אַלטע בילד דאָס אייביקע, זינט וועלט איז וועלט,
פון קין און פון הבל.

נאָר ערגער פון אַלץ איז:
די שנאה וואָס דאָס גרויסע רשעות פון דער וועלט
האָט איינגעפלאַנצט אין אונדז צו זיך אַליין
און אונדז פאַרסמט די בלוטן און געהירן.
פאַראַכטונג, שפּאָט און גייסטיקע געפאַלנקייט,
צו שפּייען זיך אַליין מיט גאַל אין פּרצוף־פּנים,
ביז צו באַרעכטיקן אויף זיך אַליין דעם דין
און בייזן גזר פון שונא. ס'איז אַ קללה
וואָס איז אין תוכחה אַפילו ניט פאַראַנען.
דאָס איז די ברענענדיקע וואונד, וואָס אייטערט,
די בייזע קרעץ וואָס האָט זיך איינגעפרעסן
אין אונדזער לייב און לעבן און נשמה.

...נאָר דעמאָלט איז די וועלט געווען נאָך יונג און לויטער,
די ערד האָט פעסט און זיכער זיך געשפּרייט אונטער די פיס,
געוויקלט זיך מיט טעפּיכער פון גראָז אין זומער
און מיט אַ דעק אַ וואַרעמער פון שניי אין ווינטער.
די ברוינע שוואַלבן האָבן אָנגעהאַלטן נעסטן,
פון יאָר צו יאָר, אונטער די אַלטע שינדל־דעכער
פון די געהויקערטע, אין דר'ערד אַריינגעוואַקסענע

קליינע קלעצער־שטיבער; דערפֿריט דאָס אויער
פֿון קליינע קינדער ידישע מיט זייער צוויטשער
און פֿריידיקן געפּלוידער. (אָ, די קליינע קינדער,
די בערעלעך און וועלפּעלעך און לייבעלעך,
און אַלע אַנדערע פֿון חיות הייליקע,
די איינציקע אין גאַרער וועלט, וואָס היטן אויף
די וויזיע די אוטאָפּישע פֿון אַמוצס זון,
ניט צו פֿאַרדאַרבן, ניט צערייסן און פֿאַרצוקן —
און גייען אָפּ מיט בלוט, צעדיסענע, פֿאַרצוקטע
פֿון פֿרידריכס און פֿון גאָטפֿרידס). שבת-שירה,
ווען מיר, די קינדער, פֿלעגן וואַרפֿן קאַשע אינעם שניי,
שיריים פֿון דעם זאָטן טשאָלנט, פֿאַר די פֿייגלעך —
איז שוין די זון געשטאַנען הויך אינמיטן הימל,
וואָס האָט געוועלבט זיך אין אַ שטראַלנדיקער בלויקייט,
און אָפּגעשפּיגלט זיך מיט רעגנבויגן־פֿאַרבן
אין גרינלעך־ווייסן שניי. עס זיינען אָנגעפֿלויגן
די געלע וואַראַבייטשיקעס און ברוינע שוואַלבן,
די טריפֿה חוצפּהדיקע ראָבן, די גבלה־פֿרעסער,
אין שאַרף־לאַקירטן שוואַרץ, סאָראָקעס גרויע
און כל־המינים טויבן פֿון די שכנימס שלאַקן
מיט אויסטערלישע פֿעדערן און פֿליגלען
פֿון אויג־פֿאַרכאַפּנדיקן פֿאַרב — די אַלע
האָבן געטענצלט און געשפּרונגען אויף ספּרוזשינעס,
געפּיקט, געגראָבן זיך אין שניי מיט שאַרפֿע שנאָבלען,
געצוויטשערט און געוואָרקעט און געקראַקעט.

דאָס שטעטל איז געלעגן אויסגעשפּרייט, צעשאָטן,
ווי אין אַ גרויסער העלפֿט פֿון אַן אָוואַלן שיסל.
די צפֿון־וואַנט פֿון שיסל האָט זיך אָפּגעשלאָסן
מיט הויכע בערג ביים האָריזאָנט; טיף־גרין אין זומער
און שנייאיק־ווייס אין ווינטער. אין דער דרום־זייט,
און פֿאַראַלעל מיט אָט דער וואַנט, האָט שטיל און רואיק
דער נעמאַן־טייך געשטראָמט אין זיינע ברעגעס.
אַ שטראַליק־ברויזנדיקער אין די טעג פֿון פֿרילינג,

אַ שלווהדיקער, בלויער אינעם טיפֿן זומער,
אַן אָנגעכמורעטער, ווי אײַזן גרוי, אין האַרבסטצײַט.
געטראָגן אויף זײַן ברייטער ברוסט די טיפֿע באַטן
געלאָדן ביז די באָרטן, מיטן שטראָם אַרונטער,
צו די מרחקים פֿרעמדע פֿון טילזיט און דאַנציג
די גאָב פֿון האַרעפּאַשנער קליינער ליטע:
איר איבערפֿלוס פֿון בולבע, קרויט און פֿלאַקס און גערשטן
און פֿריש־געברענטע קאַלך פֿון אירע קאַלכאויוונס.
געטראָגן אויף זײַן ברוסט די לאַנגע שווערע פּליטן
געפֿלאָכטן מיט קאָרדזשעלעס און צונויפֿגעבונדן
איין קלאָץ צום אַנדערן: די אַלטע שווערע דעמבעס,
די ריזן די פּילדורותדיקע פֿון די שטאַרקע וועלדער;
די שלאַנקערע און לענגערע פֿון זיי, די סאָסנע־ביימער,
וואָס האָבן נאָך געשמעקט מיט זייער לעבנס־פֿײַכטקייט,
מיט דורכזיכטיקע סמאָלע־טראָפּנס, ווי בורשטינען,
און האָבן נאָך אַרויסגעשיקט פֿון זיך אין וואַסער
די דינע צווייגלעך מיט די גרינע נאָדלען.

די קדושה פֿון דער ערד און מענטשנס לעבן איז דאָך חל
נישט בלויז אין אַלטן כנען־לאַנד, נאָר אומעטום, וואו ס'האָט
דער מענטש געלעבט, געליבט, געליטן און געקעמפֿט
פֿאַר זײַן טאָג־טעגלעך ברויט, דערצויגן דורות,
געגראָבן קברים פֿאַר די אַלטע טאַטע־מאַמעס
און פֿאַר די קינדער. פֿונקען פֿונעם בראַנד פֿון היכל
האָבן געוואַנדערט און געלײַטערט זיך דורך גאַרער וועלט:
דורך אַלעקסאַנדריע און סורא־פּומבדיתא,
דורך צפֿון־אַפֿריקע, לוצענא און קאָרדאָווע
און טרואַש, מאַינץ און קעלן — ביז די לענדער פֿון די סלאַוון
און דורך דער ניי־ירושלים, וואָס אין ליטע,
און אײַנגעקריצט און אײַנגעבעטנט זיך אין נשמה
פֿון מענטש פֿון יידישן. עס שטייט מיר פֿאַר די אויגן
אַ ווינטער־אָוונט אינעם שטעטלשן בית־מדרש:
אין דרויסן האָבן זיך צעווילדעוועט די ווינטן
און אָנגעהורבעט בערג מיט שניי, געפֿייפֿט, געוואָיעט,
געפּאַטשט מיט פֿלאַכטעס שניי און אײַז אין פֿענצטער —

## אַ ליטוויש שטעטל

נאָר דאָ, ביים וואַנט פון אָנגעהייצטן ברייטן אויוון
גייט אויף אַ ליבע וואַרעמקייט; דער גרויסער בליצלאָמפּ,
וואָס הענגט אַרונטער פונעם באַלקן אויף די קייטן,
באַלייכט די אָפענע משניותן, דעם לאַנגן טיש
און פנימער מיט בערד איבער פאַרגעלבטע בלעטער.
(דער מזרח פון בית־מדרש ליגט אין שאַרפן שאָטן,
עס פינקלען נאָר אין רויט: די מעשענע מנורה
און שטיקלעך גאָלד פון דעם געהאָפטענעם פרוכת.)
דאָס זיצן יידן ביי דעם פרק. יידן דעמבענע,
פאַרוואָרצלטע פון דורי־דורות אין דעם באָדן
און נאָנטע מיטן טייך און וואַלד. די יידן פון די באָטן,
די פלינקע שטאַרקע רודערער, די קאַלכברענער,
די סמאָלע־טרייבער פון די נאָנטע טיפע וועלדער,
מיט קאָרקן ווי די קאָרע פון אַ בוים, פאַרשרפהט
פון זון און ווינט, פון שנייען און פון רעגנס,
מיט שווערע און מגושמדיקע הענט ווי קלעצער;
דער שמיד, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשמידט אין קוזניע
מיט רויטע אָנגעגליטע אויגן פונם פייער
מיט שוואַרצע סאַזשע־שטרייפן אויף די הענט און פנים;
דער קרעמער און דער קרעטשמער און דער שניידער —
אַ פּאָר מנינים יידן זיצן ביים משניות
און זיינען עוסק אין „נזיקין“, אָדער „זרעים“.
די היטלען די באַראַשקענע און פוטערנע פאַרשאַרצט
איבער די שטאַרקע שטערנס; אויפגעלעבט די פנימער,
פאַרטאָן אין שכלדיקער האַנדלונג פון דער משנה.
ביי ווען ס׳ציט אַ שמייכל צווישן באָרד און וואָנצעס,
און ווען אויג צעשפּילט זיך פון אַ קלוגן איינפאַל.
און נאָכן לערנען בלייבט מען זיצן אויף די ערטער,
מ׳זעט בחוש, ס׳איז שווער זיי מיטן פלאַץ זיך שיידן:
איז ווער ס׳שטאָפּט אָן זיין שוואַרצע ליולקע מיט מאַכאָרקע,
ווער ס׳ציט אַר־יס דאָס שקעטל מיטן שמעקטאַבאַק
און איז מכבד שכנים. ס׳גייט אַ שמועס אויפגעלייגט,
און ס׳קייקלט זיך דער בלויער רויך פון פּאַפּיראָסן
און קרויזט זיך אַרום בליצלאָמפּ.

באַלד נאָך פסח,

ווען ס'פלעגט דער טייך אַן אויפגעעפנטער זיך שפרייטן
אַ שפּאָגל־נייער, אַ צעברויזטער ביז די ברעגעס,
שוין אַן דעם מינדסטן סימן פון אַ קריע —
פלעגט אָנהייבן צו קאָכן אויפן ברעג די אַרבעט
פון פרי־באַגינען און ביז שפּעט אין בלויען אָוונט.
ס'איז אָנגעגאַנגען דער רעמאָנט פון שווערע באָטן,
וואָס זיינען פאַרן ווינטער אויף געטאָקטע וואַלצן
געווען אַרויפגעצויגן אויף דעם ברעג דעם הויכן.
די פייערן געווען צעלייגט לענג־אויס די באָטן
און קעסלען סמאָלע האָבן גלאַנציק־שוואַרץ געבלעזלט,
געקוואַקעט ווי די פרעש. עס האָבן העק און האַמערס
געבליצט אין זון און אָפּגעשפּריצט מיט פונקען,
און אָפּגעהילכט אין פרישער פרילינגדיקער לופט
מיט בראשיתדיקער פרייד. דער וואַלד אַנטקעגנאיבער
האָט זיך געררויכערט אין אַ בלוילעך־גרויען נעבל
און פריידיק, קלאַפּ נאָך קלאַפּ, געענטפערט מיט זיין עכאָ.
און יידן באַרוועסע מיט טלית־קטנס איבער הויזן
האָבן געסמאָלעוועט, געקלאַפּט, געזעגט די ברעטער,
געשלאָגן טשוועקעס אין די באָטן. וואַסער־שוואַלבן
האָבן געפלאָטערט און געשלאָגן מיט די פליגלען,
געבויערט נעסטן אין אַ שאַרפן אָפּריס פונעם ברעג.
און איבער אַלץ האָט זיך דער קובל פונעם הימל
געבויגן ליכטיק, שטראַלנדיק אין ערשטער בלויקייט
און ס'האָט געשמעקט מיט אויפגעריסן ערד און וואַסער,
מיט נאַנטן סאָסנע־וואַלד און אויפגעקאָכטער סמאָלע.

אָ, קלאַנגען, ריחות און קאָליר פון פריער קינדהייט
מיט זייער ערשטן טיפן איינקריץ אין באַוואוסטזיין
פון וואַקסנדיקן קינד! דער רוף פון דער קוקאַווקע,
וואָס האָט געהאַט איר נעסט אין ווייַנענדיקע ווערבעס,
וואָס אין דעם ווינקל פון דעם גויאישן בית־עולם
ניט ווייט פון אונדזער שטוב. דער אויסגעצויגענער
העל־זינגעוודיקער קלאַנג פון אַ געעפנט טיר,
וואָס איז געשטאַנען צוגעמאַכט דעם גאַנצן ווינטער —
און פּלוצים האָט זיך מיט נייעם קלאַנג איינאיינעם

אַריינגעריסן אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע
אַזאַ מין בלויקייט און אַזאַ מין ליכטיקייט,
וואָס כ'האָב ביז דעמאָלט ניט געזען. דורך נייע פענצטער,
צום ערשטן מאָל פאַר מיר געעפנטע, האָט זיך געשטרעקט
אַ זאַמד אַ גאָלדיקער מיט בערגלעך און מיט טאָלן;
(דער מדבר, וועלכן איטלעך שטעטל האָט פאַרמאָגט
און יינגלעך יידישע זיינען געווען מיט אים באַקאַנט
נאָך איידער זיי האָבן אים אַנטדעקט אין חומש.
פון מדבר פלעגט מען גראָבן זאַמד לכבוד-שבת,
דאָס אויסשפּרייטן אויף דער ברעטערנער פּאָדלאָגע,
און דאָרט פלעגן מיר, יינגלעך, אין די פרייע שעהן
פון ווייסן ווינטער אויסשאַרפן געטאָקטע גליטשן
און גיין אויף זיי „שמונה-עשרה" מיט פאַרמאַכטע אויגן).
אַ ווינקל פון דערמאָנטן גויאישן בית-עולם
מיט אינדזלען גרינעביימער און פאַרשוואַרצטע צלמים.
די שאַרפע ריחות פון דער ערד אין אָנהייב פרילינג,
ווען ס'איז דאָס קינד צווייפוס פון דר'ערד אינגאַנצן
און שעפּט אַריין אין זיך מיט אַלע שאַרפע חושים
דעם ריח און קאָליר פון פייכטע גרינע גראָזן,
פון ערשטע געלע בלימלעך און צעגרינטע דערנער
און פון דעם ביטערן פּילון. אַ ביסל שפּעטער
דער אויפגאַנג פון דער מאַמעס גערטנדל ביים הויז:
די גרינע שאַרפע ציבעלעס מיט אויפגעשפּיצטע עקן,
די לענגלעכע טיף-גרינע בלעטלעך פון די בוריקעס
מיט טונקל-רויטע אָדערלעך אַדורכגעצויגן;
דער ליכטיקערער גרין פון קרייזלדיקע מערן
און פרענדזלדיקע באָב, וואָס פלעכטן זיך און קריכן
אויף רונדע שטעקנס און די פלאַנצן אוגערקעס
און ריבעלעך און רעטעכלעך — איעדער איינער
מיט זיין באַזונדערן קאָליר און טעם און ריח,
אַפילו אין דעם אָפּברוך פון אַ שטיין אַ דומם
אַנטקעגן זון האָבן געלויכטן בונטע פאַרבן:
גרין-גאָלדיקע און בלויע און פיאָלעטע פאַסן.

און ביסלעכווייז און טריט-ביי-טריט און צניעותדיק

פלעגט זיך דער פרילינג אויסשפרייטן זיך שטעלן
אין פולן בלי און קראַפט: עס האָבן זיך געהויבן
די קאָרן־ און די גערשטן־פעלדער פאַר די אויגן;
עס האָבן אויפגעבליט די הימל־בלויע בלומען
אין יונגן קאָרן און די ראָזיקע — אין גערשטן.
אַרויס פון שטעטל מיטן שליאַך וואָס פירט צו מזרח
זיינען די פּרוכט־סעדער פון יוסטע בעלי־גופן
געשטאַנען שוין אין בלי מיט ראָזיק־ווייסע בליטן,
געשטאַנען ליכטיקע, צעשטראַלטע און געוויגט זיך
אין גרויסער ברכה פון דער זון, און זומער־פייגלען
האָבן געפלאַטערט און געצאַפּלט און געשימערט
און גרילן האָבן הילכיק־קלינגענדיק געפידלט
אָן אָפּשטעל און אָן אויפהער אויף די גרינע פידלען.
און אַז די צאַרטע שכינה פון דעם גרינעם יום־טוב
פלעגט באַרמהערציק נידערן אין אונדזער הויז,
אויף אונדז און אַלע שטיבער יידישע פון שטעטל —
פלעגט אויך די הייסע רייכקייט פונעם זומער
באַהעפטן זיך מיט איר און זי באַגלייטן:
אין פענצטער אין צעעפנטע האָבן געזילבערט
געפרעסטע פאַרהאַנגען; די ווענט האָבן געלויכטן
אין קילער בלאַסער קאַלך; די ברעטער פון פאַדלאָגע,
געשייערט קלאָר ביז ווייס, זיינען געווען באַשאָטן
מיטן אָנגעהאַקטע שטיקלעך גרינע יעגלע;
דער באַלקן אָנגעשטעקט מיט גרין־צעבליטע צווייגן
און אויף די ברייטע שוועלן פון די פענצטער,
אין קרוגן גלעזערנע, מיט וואַסער ביז די ראַנדן,
האָבן אין מלכותדיקן פורפור זיך געגרונדיקט
די שווערע שמעקנדיקע בעז־בוקעטן,
געטריפט מיט פרישקייט; דער פירעקעכדיקער טיש
געדעקט מיט אַ בראָקאַטענעם טיף־גרינעם טישטעך
מים פרענדז מיט גאָלדענע; די לייכטער מעשענע
מיט אָנגעשטעקטע סטעאַרין־ליכט פינקלען,
גרייט פאַר דער מאַמעס האַנט און ברכה. ס'איז ניט אַנדערש:
אַז אָט וועט זיך די טיר צעעפענען פּאַמעלעך
און רות פון מואב וועט אין שטוב אַריינשוועבן

א ליטוויש שטעטל

**אַ לופּטיקע, אַ שטראַליקע, אַ וואונדערלעכע —**
וועט קומען האַלטן מיט אונדז יום־טוב!

# די מאַמע

מיט צער און ווייטיק זע איך צו די פרעמדקייט,
די אָפּגעריסנקייט פון אונדזער קינד פון טיפעניש
פון אַלטן קוואַל, אין צייט פון טויטשרעק און פאַרשעמטקייט;
דער קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן ליכטיק, קלאָר און פריש,
פון אונטערערד זיך דורכגעריסן פאַר די אויגן
געטרייסט, געמוטיקט און געשטאַרקט אין צייט פון נויט;
געצונדן זיך אין פאַרבן פונעם רעגנבויגן
אַפילו ביי די סאַמע טויערן פון טויט.
אַז ס'האָט די יונגע מאַמע דאָ איר שפּראַך פאַרלאָרן
און פרעמדע טויטע ווערטער פאַלן פון איר צונג;
אַז אָפּגעווישט איז אַלץ פון איר זכרון
און לאַנגע דורות אָפּגעטרייסלט מיט איין שפּרונג.
ווייל וואָס איז שפּראַך? געזאַנג, געוויין, נשמה,
די חכמה פון אַ פאָלק אין שפּרוך קריסטאַליזירט;
אין יעדן שפּרוך ליגט אַ באַהאַלטענע נחמה,
וואָס לויכט מיט טויזנט חנען און שעמערירט.
אָ, חכמה פון אַ פאָלק ניט זיכער מיט זיין לעבן
מיט טרער און שמייכל, ביטערניש און גאַל —
אַלץ, אַלץ אין שפּרוך און וואָרט אַריינגעגעבן,
וואָס שטראָמט און ברויזט פון לעבעדיקן קוואַל!

אין היינטיק בלוטיק יאָר פון חורבן ה'תש"ד,
אין טאָג פון ערב פסח, יום־טוב פון באַפרייאונג
און פון דעם נייעם פרילינג, איז געוועז אויף מיר
די גוטע האַנט פון זעאונג און פון חלום;
און אין געדראַנג פון אַ ניו־יאָרקער סאָבוויי־קאַר,

אין ריטמישן גערויש און שלאָג פון רעדער
האָט פלוצים אויפגעטויכט אין פולער גאַנצקייט
דאָס בילד דאָס ליכטיקע, כמעט אומגלויבלעכע,
פון ערב־פסח מיט אַ האַלבן הונדערט יאָר צוריק.
און זע: דער הימל האָט זיך אויסגעוועלבט צעשטראַלט
אין אויסטערלישן צאַרטן בלוי, אַזאַ מין בלויקייט,
וואָס ס'האָט קיין אויג נאָך נישט געזען; אַ גאָלדיקייט
פאַרשטראָמט דאָס אָרעמע דאָס קליינע הויז
פון אַלטע קלעצער; פענצטער לויכטן בלישצנדיק,
ווי לעבעדיקע אויגן, און דער קוימען רויכערט
און שיקט אַ זילבער־ווייסן זייל אין בלויקייט.
די פייגל צוויטשערן און שיסן דורך, ווי פיילן,
מיט פליגל מיט באַגולדטע, ווי אין פסוק.
די שול שטייט אַ צעעפנטע אויף אַלע פענצטער
און לופטערט אירע פריש־געקאַלכטע ווענט
מיט קילע ווינטלעך.

די ערד איז פריש און קיל
אונטער די פיס די באָרוועסע פון חדר־ייִנגל,
וואָס יאָגט זיך, שוועבט מיט פלאַטערדיקע ווינטלעך
נאָך ווייסע און נאָך ראָזע ערשטע פלאַטערלעך.
ער קלעטערט אויפן אַלטן דעמבנבוים, צו זוכן
די קליינע בלויע אייעלעך אין שוואַלבן־נעסטן.
די נעסטן אָבער זיינען הויך — איז דראַפּעט ער
אַרויף זיך אויפן דעכל פון געהילץ־קאַמער
און דאָרט אַנטפּלעקט זיך אין זיין פולער גרויסקייט
דער שטאַרקער נעמאַן־טייך; צעפלייצט און זוניק,
צעשפּרייט, ווי ווייט דאָס אויך קען נאָר דערגרייכן —
אָט ליגט ער אויסגעלייגט, אַ מעכטיקער לויתן,
און רירט זיך אין זיין גאָלד און זילבער־שופּן.
אַ יונגע יום־טובדיקע וועלט האָט זיך צעוואָרפן
און שלאָגט מיט שטראָמען שיין אין האַרץ און מוח
און פונעם יונגן קול פליִיצט הילכיק און באַגייסטערט
דער פסחדיקער קידוש מיטן אַלטן ניגון,
מיט קנייטש און טראָפּ.

אַ, אַלטער ניגון, אַנגעזאַפּט
מיט דורותדיקן שטאָלץ און צער און פרייד און טרויער,
וואָס רופט אַרויס די טרערן פון די אויגן
און דריקט צונויף דאָס האַרץ — דער אַלטער ניגון,
וואָס איז געוואָרן אָפּגעהאַקט, אַנטשוויגן,
אין אַלע הייליקע און טייערע ישובים,
וואָס האָבן זיך געטוליעט צו די שטילע ברעגעס
פון ניעמאַן און ווילִיע און דער דווינע,
פון גרויסע און פון קליינע טייכן, וועמעס וואַסערן
עס האָבן אָפּגעשפּיגלט אין דער אָוונט־בלויקייט
די צניעותדיקע יום־טוב־פלעמלעך פון די ליכט
געבענטשט פון מאַמעס יידישע, צוזאַמען
מיט גרינע און מיט רויטע שטערנדלעך פון הימל
און מיט דער פולער און געבענטשטער לבנה
פון האַלבן חודש. ווי, אַנשטאָט דעם קידוש־בעכער
אַריבער איז אויף אייך דער כוס דער בלוטיקער
פון חורבן און פאַרלענדונג! היים פאַרלוירענע
און אָפּגעווישטע פון דעם פּנים פון דער ערד —
געוויס איז הייַנטיקס יאָר, ווי אַלע יאָר, דער פרילינג
געקומען איבער דיר מיט צאַרטע ווייכע גרעזלעך,
מיט וויַיס־צעבליטע קאַרשנביימער און בעריאָזעס,
מיט פייגל און געזאַנג — נאָר דו ביסט פּוסט און חרבֿ!
(אויך דיינע זין, די יאַנאַסעס און יורגיסעס,
זיי האָבן צוגעלייגט אַ האַנט צו אונדזער חורבן —
געדענק זיי דאָס, מיין גאָט!) אַנשטאָט דעם קידוש,
זאָל גרילצן דאָרט ס׳געבלעקערץ פון שיכורים,
די ערד זאָל ווערן שטיינערן און זייער הימל —
אַ גראָבע גרויע סערמיגע.

פון וויַיטן שטראָם
פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי אין אַ שטילן חלום,
גייט אויף, פולסירט מיט לעבן און באַוועגונג,
מיט איטלעך קער־און־ווענד, מיט זשעסט און שמייכל,
מיט ליבער וואַרעמקייט, וואָס קוואַלט און שטראָמט אַרויס
פון לויטערע און קאַרע אויגן — דאָס געשטאַלט
פון איר, ווי איך געדענק זי פון די פריסטע יאָרן.

נשמה פון דער שיינער רייכער אָרעמקייט,
פאַרזאָרגערין פון יעדן איינעמס נויטן,
מיט איינגעבוירן שטאָלץ, וואָס בייגט זיך ניט פאַר קיינעם
און מיטן חוש און אויער פאַר דאָס לעכערלעכע,
פאַר אַלץ וואָס איז ניט אויפריכטיק און ליגנעריש.
אַט לעבט זי אויף פאַר מיר מיט אַלע אירע חנען:
א שלאַנקע און אַ פלינקע און באַחנט־קאַפּריזנע,
שטויסט אָפּ מיט איין האַנט און מקרב מיט דער צווייטער.
איז לייכט זיך אָנצוברוגזן — דערפאַר אָבער
אויך לייכט צו לאָזן איבערבעטן זיך. דער גאַנצער אוצר
פון שפּראַך פון יידישער אויף אירע ליפּן,
באַטעמט און צוגעווירצט מיט ווערטלעך לומדישע
און מיט אַ גוייש שאַרף און צוטרעפלעך גלייכווערטל,
וואָס איז אַ האַלבע תורה. האָט געוואוסט דעם סוד,
צו מאַכן פון אַ פּראָסטן וואָכעדיקן מיטוואָך
א טאָג פון יום־טוב. ס'איז גענוג געווען אַ שמייכל,
אַ וואָרט אַ האַרציקס פון די פיינע ליפּן
אַריינצוברענגען פרייד אין הויז און ליכטיקייט.

איך זע זי תמיד אַ פאַרנומענע מיט אַרבעט
פון פרי־באַגינען ביז אין שפּעטן אָוונט,
אין זומער, ווי אין ווינטער. יעדע אַרבעט אירע
מיט טאַלק און סדר, מיט געשיקטע קלוגע פינגער.
ביים ניי־מאַשין אין ווייסצייג און אין שווערן מולטן,
מיט פלינקע בליצנדיקע שפּיזלען, שטריקנדיק
די וואָלענע קאָלירטע זאָקן פאַרן ווינטער,
די לייכטע באַוולנע פאַר זומער; ביים אויסהעפטן
אַ לייוונט־סערוועט פאַרן טיש אין פיינע בלומען
און קונציקע אוזאָרן; אָדער גאָר ביים צוגרייטן
געפּרעגלעכטס פאַרן יאָר פון פרישע פּרוכטן:
פון ראָזע מאַלינעס און רויטע ווינפּערלעך
פון שוואַרצע קאַרשן, גרינעם אַגרעס, בלויע פלוימען
און קליינע קאַרליקלעך, סיבירער עפּעלעך,
ניט גרעסער פון אַ פלוים. אַלץ כיבוד פאַר אַן אורח

און לאָבונג, פֿאַר אַ חולה. ס׳איז געווען אַ חיות
איר נאָכצופֿאָלגן ביי דער אַרבעט. נעמט אַ שטייגער,
אַ פֿרייטיק פֿרי לכבוד אַ פֿאַראַדנעם שבת:
ס׳באַווייזט זיך אויפֿן טיש דאָס גרויסע לאָקשנברעט,
וואָס ווייט מיט קעלט פֿון פֿירהויז. ס׳אויסגעקנאָטן טייגל
נעמט זיך צעוואַקסן שנעל אונטערן וואַלגערהאָלץ
און אָט קומט אויף אַ רונדע שמעקעדיקע בלאַט
פֿון פֿרישן קילן טייג, אָן שפּיצן און אָן עקן,
נאָר רונד און גלאַט און אָן דער קלענסטער פּגימה,
ווי אויסגעגאָסן פֿון אַ פֿורעם. פֿון דעם קעלער
קומט אויף דער ערדענער גלאַזירטער ליאַק
פֿול מיט דער גוטסקייט פֿון געבענטשטן זומער:
די רויטע ברושניצעס געמאַרענירט מיט עפּל,
מיט צוקער און געווירצן. ס׳לעפֿל אַרבעט פֿלינק
און אויף דעם שטח פֿון דעם געלבן לאָקשנפֿעלד
ווערט אויסגעלייגט אין גלייכע, ווי געווירטע שנורן,
איין שנור פֿון צווייטן אָפּגעטיילט סימעטריש
אויף אַ געוויסער ברייט, דאָס באָרדאָ־רויטע גוסטקייט
מיט קערנדלעך פֿון אייז נאָך אויף די שפּיצן.
איצט שנייט דאָס מעסער שטיקלעך רויע רינדשמאַלץ,
דאָס פֿעטס איז האַרט און קערנדיק און דורכזיכטיק,
ווי געל בורשטין, פֿאַלט דאָ און דאָרט און אומעטום —
ביז ס׳איז גענוג. דערנאָך ווערט אָט דאָס אַלץ באַשפּרינקלט
מיט זאַלץ, מיט פֿעפֿער און מיט צימרינג. די געניטע פֿינגער
זיי וויקלען פֿאַרזיכטיק דאָס שווערע בלאַט צונויף
און פֿאַסן עס אַריין אין צוגעגרייטער טערלע.
די טערלע ווערט אַריינגעשטעלט אין טאָפּ אין קופּערנעם
מיט וואַסער אָנגעפֿילט, פֿאַררוקט אין אויוון
ביז מאָרגן, שבת אינדערפֿרי. איר הערט,
כ׳האָב שוין פֿאַרזוכט דעם גוטן טעם פֿון ענגלישן
באַרימטן פּודינג, קאָנסערווירט אין בלעכן,
געוואַרעמט אויפֿן פֿייער און מיט ראָם באַגאָסן —
נאָר ס׳קען זיין אַ כּפּרה פֿאַר מיין מאַמעס קוגל,
איר מאָגט מיר גלויבן.

די פּאָעטן פון איר דור

האָבן באַוויינט דעם גורל פון דער פרוי דער יידישער,
איר שווער און ביטער לעבן און דער לייב צווישן זיי
האָט אין זיין ליד געקלאָגט: „אָ, פרוי דו יידישע,
קומסט אויף אין פינצטערניש, פאַרגייסט אין פינצטערניש!”
נאָר דער פּאָעט איז אומגערעכט געווען. זיי האָבן
געטראָגן ליכט און וואַרעמקייט אין פינצטערניש,
געזייט מיט פולע הויפנס ליבשאַפט, באַרעמהאַרציקייט
און מוטערלעכע טרייסט!

מיט ציטער און דערבאַרמונג

וואַרף איך מיין בליק צוריק, פאַרנעם די אַלטע טענער
פון תפילה און געוויין און האָפענונג. פון דעם נעבל
שטייגט אויף פאַר מיר דאָס בילד פון אַלטן זיידן,
דער מאַמעס טאַטע, מיט די אויסגעוויינטע אויגן
און גרויער באָרד, וואָס איז געפאַלן אין אַ גרינקייט.
ער פלעגט אַראָפּקריכצן פונקט האַלבע נאַכט
פון אָרעמען געלעגער, אָפּריכטן „חצות”.
און פאַרן פלעמל פונם קליינעם חלב־ליכטל
האָט זיך די גאַנצע שטוב געוויגט אין שאָטנס,
אין שוואַרצע הויקערדיקע און גראָטעסקע שאָטנס,
וואָס האָבן אומגעפּויזעט ריזיק אויף די ווענט
און צוגעדעקט אַ האַלבן באַלקן; און זיין קול,
אַן אַלט געבראָכן קול, האָט וויינענדיק געקלאָגט
און זיך פאַרגאַנגען אין אַ פיינלעכער מתיקות.
עס איז געווען, ווי ס'וואָלט געוויין און צער פון דורות
זיך אויסגעגאָסן דורך זיין קול און זיינע טרערן.
ער איז געווען דער גרויסער ליבהאָבער פון תפילה,
וואָס האָט געדאַוונט מתוך אהבה, ניט מיראה.
איך פלעג מיך שרעקן פאַרן אָפּגעשלאָפטן זקן
און אויסמיידן זיין ווינקל. ס'לעצטע וואָס כ'געדענק,
וואָס האָט מיט אים אַ שייכות — איז געווען
דער שטרענגער מיליטער־דאָקטאָר פון גאַרניזאָן
פון נאָנטער שטאָט. (דער זון פון אַ באַרימטן פאָטער,
דער תמימותדיקער דיכטער פון „אהבת ציון”,
וואָס האָט אין שפּיגל פון דעם נעמאַן און ווויליע

גענזען די וואַסערן פון ירדן און כנרת,
אין אַלעקסאַנדער בערג — אַ בילד פון שניי און חרמון.)
אַ הויכער, אַ פּאַרגווייטער אין זיין מונדיר,
מיט שליפעס גלידערנע אויף זיינע אַקסלען
און מיט לאַמפּאַסן רויטע אויף געפּאַסטע הויזן
מיט באַקנבערד און אויסגעגאָלטער ראַזער מאָרדע.
ער איז געקומען אויסגעשטראַצלט אין די „בגדי שרד"
און פול געמאַכט די שטוב און אויסגעשעפּט די לופט.
אַוועקגעוואָרפן ס'היטל מיט דער בליציקער קאָקאַרדע
און צוגעשפּאַרט זיין שווערד מיטן באַגולדטן הענטל
אין ווינקל, וואו סע שטייען קאַטשערע און בעזים.
ער האָט געבויגן זיך איבערן זיידנס בעטל,
געטאַפּט זיין דופּק און אים אויסגעהערט
מיט טרייבלעך ביי די אויערן, געקלאַפּט, געפּייקלט
איבער די גלעזלעך שאַרפע ביינער מיט אַ פינגער.
די מאַמע האָט גערעדט צו אים אויף יידיש
און ער האָט אָפּגעענטפערט שטרענג אויף רוסיש
מיט שאַרפע ריישן, מיט אַ פולן מויל. דער חולה
האָט גלייכגילטיק זיך אומגעדרייט צום וואַנט:
„מישטיינסגעזאָגט, וואָס קען דער דאָזיקער מיר העלפן?"
דערנאָך איז פאַר אַ לאַנגע צייט אין הויז געשטאַנען
אַ פרעמדער ריח פון קאַזאַרמע און רפואות.

איז גוט, וואָס גאָר דאָס ביטערניש פון לעבן
און גאָר זיין בייזקייט ווערן מיט דער צייט פאַרשוואומען,
פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פאַרוויכטן שטילן טרויער —
און בלייבן בלייבט דאָס ביסל פרייד און לויטערקייט,
וואָס מיר האָבן אַריינגעזאַפּט אין זיך ניט־וויסנדיק:
אַ פיצל גליק, אַן אויפשטראַל פון אַ טרייען בליק,
אַ גלעט פון צאַרטער האַנט, אַ ווייטער פרילינג־טאָג,
וואָס האָט זיך אויפגעהיט מיט גאָר זיין זון און בלויקייט.
אַ וואָרט, אַ קלאַנג, וואָס האַלט נאָך אין וויברירן
און איז געגנוג צו שפּייזן אונדזער האַרץ און זעל
מיט טיפער גוטסקייט און מיט מילדע פריידן
אַ לעבן־לאַנג, ביז ס'שליסן זיך די מידע אויגן.

אַ טאָג אַזאַ געדענקט זיך מיר: ס'איז ערבֿ־פּורים.
אַ יונגע זון האָט יענעם טאָג געפּלייסט זיך
און האָט פֿאַרפּלייצט די שטוב מיט נייער שטראַליקייט.
די שטוב איז אויפֿגעראַמט און שמעקט מיט הייסע ריחות
פֿון פֿריש געבעקס: דרייעקעכדיקע המן־טאַשן,
וואָס באַקן זיך אין אויוון; פֿון דעם צוגעברענטן צוקער,
פֿון מאָן צעשטויסענעם מיט ראָזשינקעס אויף דין,
פֿון געלן לעקעך קאָרענעם געפּילט מיט מאַנדלען.
אויף דעם קאָמאָד אין אַ געבלומטן טעלער ליגן
צוויי זוניק־רויטע גרויסע אַפּעלסינען
אַרומגערינגלט מיט אַ סוויטע פֿון ציטרינען
צום שלח־מנות גרייט. די מאַמע האָט
שוין אָפּגעטאָן די גאַנצע אַרבעט און געזען
ט'איז גוט. איצט זיצט זי אין איר ווייסן פֿאַרטעך
אַ יום־טובֿדיקע, אַ פֿאַרפֿלאַמטע פֿון דעם אויוון
און לייענט הויך, האַלב־זאָגעוודיק, האַלב־זינגעוודיק,
פֿון „תּרגום־שני" מיט די ברייטע געלע ראַנדן,
ווי מרדכי דער יהודי און דער צורר המן
זיי שמועסן זיך דורך אין גאַלע פּסוקים.
ס'זעט אויס, אַז המן האָט געהאַט גאָר גרויסע טענות:
ער האָט אַליין געדאַרפֿט גיין איינהייצן דאָס מרחץ,
כּדי מרדכי זאָל זיך קענען אויספּאַרען די ביינער.
און מחמת אַלע פּיינע בעדער־יונגען האָבן
געכאַפּט אַן איבעריקן כּוס לכּבֿוד פּורים,
האָט המן נאָך געמוזט אים בעזימען און זייפֿן.
נאָך ערגער איז געווען ביים „סוס־המלך" —
אַ הויך דראַגונסקע פֿערד געווען, אַ מורא,
באַהאַנגען מיט פּאַמפּאָנעס, ווי מיט ציצית,
וואָס האָט געטאַנצט, געפּרייכט און זיך געהאַצקעט,
נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט. און מרדכי,
אַ ייד אַ חלוש פֿון זיין זאַק און לאַנגן תּענית,
אין קרוין פֿון גאָלד און ראַצעמאָרענער קאַפּאָטע,
האָט זיך געדראַפּעט און געדראַפּעט — נישט געקענט
אַריין אין זאָטל. זעט ער, ס'נעמט קיין סוף נישט —
האָט המן נאָך געמאַכט פֿון זיך אַ בענקל:

זיך איינגעדרייט אין דרייען און ס'האָט מרדכי
אים אויפן רוקן אָנגעטראָטן — קוים מיט צרות
אַרויפגעקראָכן אויפן פערד. זיצט מרדכי האָפערדיק
און המן פירט דאָס פערד ביים ציימל און ער טענהט,
באַוויינט זיין מזל, ווי און ווינד צו זיינע יאָרן,
דעם גרעסטן און געאַכפּעדטסטן פון אַלע מיניסטאָרן,
ס'איז גרויס די חרפּה און ס'איז גרויס דער צאָרן.
טוט מרדכי זיך אַ גלעט די פיינע באָרד געלאָסן
און ענטפערט אָפּ פון הויכן זיין אַרונטער:
זינט ווען ביסטו געוואָרן דאָס אַזאַ מין יחסן,
אַז ס'פּאַסט דיר נישט אַ מרחץ איינצוהייצן?
פאַרגעסן, אַז דיין טאַטע איז געווען אַ בעדער,
געהאַט זיין באָד אַ צוויי־דריי וויאָרסט פון שושן?
געווען, זאָל ער מיר מוחל זיין, אַ גוי אַ רשע,
דאָס עפּעלע פאַלט גאָרנישט ווייט פוןביימעלע.
ווערט המן נאָך געפאַלענער ביי זיך און בעט זיך:
סטייטש, מרדכי הצדיק — בעט ער זיך תחנונים —
עס שטייט דאָך אין די ספרים אייערע געשריבן,
„אַז ס'פאַלט דיין שונא זאָלסטו זיך נישט פרייען!"
נאָר מרדכי דאַרף נישט גיין אין בוזים נאָך אַן ענטפער:
רשע־בן־רשע — מאַכט ער — זון פון עשו הרשע —
ס'איז אָבער דאָ אַן אַנדער פּסוק אין די ספרים,
וואָס זאָגט, „אויף זייער הויכקייט זאָלסטו טרעטן",
און דאָ ווערן פאַרשטומט דעם רשע'ס טענות.
און כדי צו מאַכן נאָך די מאָס אינגאַנצן פול —
האָט המנס אייגן ווייב נאָך, זרש די מרשעת,
אים אָפּגעגאָסן מיט אַ פולן שעפל...

די מאַמע לייענט מיט אַן אויג צום אויוון,
רייסט איבער ס'לייעניש אין רעכטער רגע;
די קאָטשערע שאַרט האַסטיק צווישן בלעכן,
און, סקאָצל קומט, די פיינע המן־טאַשן
פאַרבאַקן גאָלדיק־ברוין מיט שוואַרצע קרוינדלעך..

געזאַנג און וואָרט פון אַלטע דורות קלינגען

אָט אומעטיק־באַהאַרצט און אָנגעזאַפּט מיט טרערן
און אָט אַזעלכע גוטע מיט אַ מילדן שמייכל;
און נישט אַזוי די אַלטע ווערטער, ווי דער ניגון,
די האַרציקייט פון ווייטער זינגערין.
אָט הער איך זי אין אַ פאַרנאַכט פון איינעם
אַ ווינטערדיקן שבת (כ׳בין נאָך מן־הסתם
געווען דאַן זייער קליין, נאָך נישט געגאַנגען דאַוונען)
אין שטוב איז קיל און אומעטיק. עס טונקלט.
עס ליגט אויף אַלץ די עצבות פון צעשיידונג.
זי טוליעט זיך צום ווינקל פון דעם וואַנטאויוון,
וואו ס׳טליעט נאָך דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט,
די שווערע וואָלענע פאַטשיילע אויף די פּלייצעס.
פאַרציט אַ ניגון אין דעם עצבותדיקן אומעט —
צוערשט אַ שטיל געברום, וואָס קומט פאַרשעמט, ניט זיכער
און ווי פאַריתומט, נאָר אַ ביסל שפּעטער
באַקומט איר קול קאָלאָראַטור און זיכערקייט
און האַרציקייט; די שטוב ווערט פול מיט קלאַנגען
און וואַרעמקייט, ניט אַלע לידער אירע
האָבן זיך אויפגעהיט ביז היינט אין מיין זכרון —
אַ שורה דאָ, אַ שורה דאָרט פון אַלטע פאָלקסלידער
און פון באַלאַדן; לידער וועגן טויט און ליבע
און ליד פון וואַנדער פון אַ גלות־פאָלק. אַ שטייגער:

שיינע מיידעלע, פיינע מיידעלע,
נאַדיר דיין גוט־מאָ־אָ־רגן;
זאָג דיין טאַטן און דיין מאַמען
זיי זאָלן זיך גאָרנישט זאָ־אָ־רגן.

צען העמדער ליגן אין קאַסטן
מיט די ברייטע קריי־ייִ־נען;
זאָג דיין טאַטן און דיין מאַמען
זיי זאָלן גאָרנישט וויי־ייִ־נען.

זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, ווי זיך צוגעהערט
צום אָפּקלאַנג פון דעם ליד און וואָרט און אָנגעהויבן

י. י. שוואַרץ

מיט גאָר אַן אַנדער טאָן און אינטאָנאַציע:

זיצט אַ מיידעלע אין קייזערלעכן גאָרטן
אויסגעפּוצט און אויסגעבאַרשטן,
אויסגעפּוצט און אויסגעבאַרשטן.

גייט פאַרביי אַן אַלטער יידעלע,
זאָגט ער צו איר: גוטמאָרגן, מיידעלע!
ענטפערט זי אים: גוט־יאָר, זיידעלע!

זאָגט ער צו איר: וואָס זאָגסטו מיר גוט־יאָר,
אַז איך בין געקומען דיין נשמה נעמען?
אַז איך בין געקומען דיין נשמה נעמען!

דאָס מיידל בעט זיך אָפּ ביי אים אַ רגע —
ער זאָל זי לאָזן זיך געזעגענען אַפריער
מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטערלעך און ברידער.
דער טאַטע קומט צולויפן וויינענדיק און בעט זיך:

צען טון גאָלד וועל איך געבן,
אַבי מיין טעכטערל זאָל בלייבן לעבן,
אַבי מיין טעכטערל זאָל בלייבן לעבן.

איר מאַמע וואָלט געוועז זיך בייטן מיט איר לעבן,
די שוועסטער באָטן אָן די אויגן — דימענטן —
דאָס אַלטע יידעלע איז אָבער איינגעעקשנט
און פירט אַוועק דאָס מיידעלע פון גאָרטן...

אין שטוב איז שוין כמעט אינגאַנצן טונקל,
נאָר אין די פענצטער בלויט נאָך, ווי עס בלויט באַגינען
און ס'פאַלט פון דרויסנדיקן שניי אַ בלאַסער אָפּשיין.
די הון אינעם קאַטוך טרייסלט זיך איבער,
און ס'טרעשטשען פונעם פראָסט די אַלטע קלעצער.
די קאַץ שלייכט אום זיך נידעריק צו דער פאָדלאָגע
מיט גרויסע גליענדיקע אויגן, ווי לאַמטערנעס,

## די מאַמע

און מיאַוקעט טרויערדיק. אין טיפן ווינקל,
ווייט אונטער דער קאַנאַפּע בליאַסקעט גאָלדיק
אַ שטיק צעפּוילטע ברעט פון דער פּאָדלאָגע.
די מאַמע וויקלט זיך אָלץ פעסטער אין פאַטשיילע
און טוליעט מיך צו זיך און דאָס געזאַנג גייט ווייטער:

פון שפּאַניע ברענג איך דיר מיין צימבל אַהער —
קום זעץ דיך אַנידער, קום זעץ זיך און הער.
מיין ליד איז שוין לאַנג באַקאַנט אין דער וועלט,
מען וויל זי ניט הערן, די אויערן פאַרשטעלט.

און נאָך אַ ליד, אַ וויגליד, צו פאַרוויגן
אַ קליין אַ יידיש יינגל, וואָס וועט לערנען תורה, —
זי קלאַפּט מיר צו צום טאַקט און ריטם אויף דער פּלייצע:

ס'ווערט אַנטשלאָפן דער גוף,
פליט די נשמה אַרויף,
פאַרשרייבט אירע עברות אין די ביכער;
אָבער דו, מיין קינד,
דו האָסט נאָך נישט קיין זינד,
דו מעגסט נאָך שלאָפן זיכער...

אַצינד הייבט זי זיך אויף און דעקט מיך איבער
מיט איינגעוואָרעמטער פאַטשיילע, שוויגט אַ רגע,
און מיט אַ ציטער אינעם קול און טיפער בענקשאַפט
געזעגנט זי זיך מיטן ליבן שבת־קודש:
„גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב,
„באַהיט און באַשירעם דיין פאָלק ישראל
„פון אַלדאָס בייז"... געפינט די שוועבעלעך אין קיכל
און שטרייכט זיי האַסטיק אויפן טירל פונעם אויוון,
דאָס שוועבל שפּייט און שפּריצט און זשומעט. ס'בליען אויף
אַ צוויי־דריי געלבעך־גרינע פאָספאָר־פאַסן,
דערנאָך אַ פלעמל בלוי. די מאַמע האַלט אין זאָגן,
צינדט אָן דעם לאָמפּ און ענדיקט: גוטוואָך! גוטוואָך!

## אַ ליטווישער רב

פאַר מיר ליגט אויפֿן טיש אַ פּעקל אַלטע בריוו —
די בייגעלעך פּאַפּיר זיינען פאַרגעלבט פון אַלטקייט,
נאָר ס׳איז דער כתב נאָך פריש און לעבעדיק.
אין האַלבע רונדע בויגנס אויסגעלייגט די שורות,
געדיכט, מיט שפּיציקע געצוקטע אותיות —
דעם טאַטנס כתב. דאָס לשון־קודש זיינס אין סטיל
פון „שאלות און פון תשובות", פול מיט ראשי־תבות;
ווערט וואָגיק און געניי, ווען ער באַנוצט זיך
מיט די טערמינען פון דעם רמב"מס „מורה נבוכים"
און פון הלויס "כוזרי", כ׳נעם די אַלטע בלעטלעך
און גלייך זיי אויס, גלעט אויס די איינגעפּרעסטע קנייטשן
מיט פּיעטעט און ציטער, בלעטער, קוק אַריין
און זאָג צום אומעטיקן האַרץ: שאַ! שאַ!

די בריוו זיינען גאָר אייגנטלעך קיין בריוו נישט,
ווי מיר פאַרשטייען בריוו, באַלד נאָך די ערשטע שורות
פון „מיין געזונט און דיין געזונט" און דאַנק השם יתברך,
וואָס ס׳איז קיין נייס ניטאָ — גייט באַלד דערנאָך, למשל:
ווי מיר האָבן גערעדט פון דער און דער הלכה,
וואָס אויבנאויפיק זעט זי אויס גאָר קשהדיק,
נאָר ווען מיר ווענדן אָן אויף איר דעם נייעם חילוק —
ווערט ממש ליכטיק אין די אויגן אונדזז, ודו"ק.
איך וואָלט געזאָגט: דער בריוו פאַרוואַנדלט זיך און ווערט
אַ טאָג־בוך פון אַ מענטשן, מיט זיין לייד און פרייד,
וואָס לעבט אַן אָפּגעשלאָסן לויטער לעבן
פון פּשטות און פון תמימות. אַלץ איז וויכטיק
און אַלץ האָט זיין באַדייט אין סדר פון דער וועלט

און איר פאַרנעם. צי איז דאָס אַ הלכה,
וואָס ס'קען אַ מענטש אויך אַנווענדן אין שטאָט ניו־יאָרק
אין זיין טאָג־טעגלעך לעבן, צי דאָס איז אַ מדרש,
וואָס טוט גאָר אומגעריכט אַ בליאַסק, צינדט אָן
דעם דמיון פון אַ מענטשן, רעדט צום האַרצן;
צי סתם אַ פיין געדאַנק וועגן דער שליחות
פון העכערן מין מענטש, דעם אדם־עליון, אויף דער ערד
און זיינע אויפגאַבן. און צווישן אַלעם דעם —
דערציילט זיך אין געלאַסענעם און שטילן טאָן
די טרויעריקע געשיכטע פון אַ יידיש יינגל,
וואָס ווערט פאַריתומט אין זיין פריסטער קינדהייט.
(ס'זעט אויס, דער זכר פון דעם גרויל און עלנט
האָט אַלץ, אַליין נישט ווִיסנדיק, געדריקט אים
און ביז די שפּעטע יאָרן אים נישט אָפּגעלאָזט —
האָט ער געזוכט אָראָפּצערײדן דאָס פון האַרצן
מיט יעדער איינצלהייט). צוערשט, די אָרעמקייט
פון אַ פאַרוואָרפן ליטוויש־יידיש שטעטל,
וואָס נאָגט די מאַרך אויס פון געביין. אַ מעשה נורא
פון איינס אַ הויז אַ הונגעריק אין ליטע,
מיט קינדער צווייערלייאיקע און מיט אַ שטיפמאַמע
אַ בייזער, אַ פאַרביטערטער. אַ קליין צעניאָריק קינד
פאַרלאָזט זיין „היים" און קומט אין אַ דערבייאיק שטעטל
אין וואַלגערט זיך אין קלויז. עס גייט אַ שילדערונג
פון עלנט, נויט און פון דערהאַלטן די נשמה
און שוואַכן יונגן גוף; אַביסל פון זיין טאַטנס
אַ גילדן אָדער צוויי אַ וואָך און נאָך אַביסל
פון ווייבער באַרעמהערציקע אַרום בית־מדרש,
וואָס האָבן צוגעזען דעם צער פון קליינעם יתום
און נישט געלאָזן אויסגיין אים פאַר הונגער.
אַ מעשה מיט צווי העמדער: איינס אויפן מאָגער לייב
און איינס געוואַשן; האָט זיך אויסגעלערנט
צו לייגן לאַטעס אויף די וועש און בגדים
און צירעווען די זאָקן. ווי דו זעסט, מיין זון,
שרייבט ער צום עלטסטן זון, צום ברודער מיינעם:
מיין פאָטער און מיין מוטער האָבן מיך פאַרלאָזן,

נאָר גאָט האָט איינגעזאַמלט מיך, ווי ס׳שטייט אין תהילים.
אַזוי כסדר אין די ווייטערדיקע בלעטלעך
פון פיינלעכע זכרונות; נישט געקלאָגט זיך,
נאָר וואו דער ווייטיק איז צו שאַרף און ברענענדיק
און ס׳רייסט אַרויס זיך אַ פאַרביטערט וואָרט —
פאַרכאַפּט ער זיך און שמייכלט ווי דורך טרערן
און זוכט אַ זכות אויף זיין משפחה און געפינט.
דערפאַר האָט ער געזען די ברכה — שרייבט ער ווייטער —
אין די למודים זיינע. האָט זיך אָפּגעגעבן
מיט לייב און זעל, מיט יעדן חוש, צו לערנען תורה
און ס׳האָט די תורה זיך פון אים ניט אָפּגעקערט.
דער קאָפּ איז גוט געווען און זיין השגה אָפן,
דער כוח־הזכרון שאַרף; נאָר איינמאָל דורכגעלערנט
אַ האַרבע סוגיא און באַנומען, ווי געהעריק —
האָט זי זיך איינגעקריצט אין מוח שוין אויף תמיד.
ער האָט געקויפט חברים אין זיין למוד,
זיין צער פאַרשריען מיט זיין גרויס התמדה.
האָט אויסגעוואַנדערט אין אַ גרויסן מקום־תורה
און קונה געווען שלימות. אָפּגעוואָרפן
דעם האַרשפּאַלטנדיקן פּלפּול אין זיין למוד,
געגאַנגען מיטן דרך פון הסברה און פון שכל
און איז געוואַקסן. שפּעטער, האָט אים אויפגעזוכט
דער זיידע רב צבי־הירש, אַ ווייטער קרוב זיינער,
און האָט דעם הויכן בחור, גאָלע הויט און ביינער,
מיט אומעטיקע, ברוינע, גוטע אויגן,
אַרויסגענומען פון בית־מדרש אויפן דאָרף
און אים געגעבן פאַר אַ ווייב זיין בת־יחידה.
(די „בת־יחידה" פלעגט ביי אַ געלעגנהייט דערציילן,
ווי זי, אַ בגרת פון אַ וועלכע זעכצן יאָר,
האָט באַלד אויף מאָרגן נאָך דער חתונה געלאָזט
זיך אָפּשערן די לאַנגע שוואַרצע צעפּ
און אָנגעטאָן די „פרעמדע שמאַטע", די פאַריק,
ניט אויסגערעדט זאָל זיין, מיט טרערן אין די אויגן
געזעצט זיך אין דעם וויכן זומערריקן זאַמד
צו שפּילן מיט די חברטעס אין „צייכנס".)

דער גליקלעכסטער פון אַלע אויף דער הייסער רגע
איז, ווי ס'זעט אויס, געווען דער זיידע רב צבי הירש.
ער האָט געשיקט דעם אײדים אַזש קיין קיניגסבערג
זיך שואל־עצה זיין דאָרט ביי די פּראָפעסאָרן,
מחמת די לונגען זיינען ניט געווען מיט אַלעמען.
זיי האָבן אים מיט לעבערטראָן פאַרגאָסן,
געהייסן עסן אַ סך קאַשע, פעט מיט פוטער,
פאַראָרדנט פרישע לופט און „טיכטיקע מאָציאָן" —
און ס'האָט געהאָלפן. פלעגט ער נאָך אין מיינע יאָרן,
בין מנחה למעריב, לאַנג שפּאַצירן אויסן שטעטל
אין גאַנג אין האַסטיקן און ווינטער — פלעגט ער
צעזעגן גאַנצע קלאַפטער האָלץ פאַרן בית־מדרש
און פאַרן הויז. די רונדע סענקעוואַטע באַלקעס
געשפּאַלטן קונציק און די שווערע שייטלעך,
געטראָגן זיי אין פולע נאָסע ברעמיעס
פון שפּייכלער אינעם הויז, געלייגט זיי טריקענען
אין פיינע גראַדע שטויסן אויף דער לענג פון אויוון,
ביז סאַמע באַלקן. ס'גאַנצע הויז פלעגט פול ווערן
מיט ריחות וואַלדיקע און קילער ריינער פרישקייט.
און ער, אַ הויכער, אַ צערויטלטער פון אָנשטרענגונג —
פלעגט שטיין אַ רגע, שמייכלען פאַר הנאה
און גיין צוריק צו זיינע ספרים.

פרי־באַגינען

סיי זומער און סיי ווינטער פלעגט זיך אָנהייבן זיין טאָג:
אין זומער האָט אַ שטראָם פון פרישער קילער בלויקייט
אַריינגעפלייצט אין הויז דורך די צעשפּאַנטע לאָדנס,
צוזאַמען מיט געצוויטשער פון די פריע פייגל,
וואָס האָבן זייער נעסט געהאַט אונטערן דאַך;
דאָס וואַסער אין דער קופּערנער דער שווערער קאַן
פלעגט אָנהייבן צו זשומען אויפן דרייפוס,
זיך איינוואַרעמען, זיך צוזינגען שטאַרקער, העכער;
און אין געצוויטשער און אין פריילעכן געמורמל
פון קאָכנדיקער קאַן פלעכט זיך אַריין בנעימות,
מיט שטילער האַרציקייט דאָס קול פון לערנען.
און ווינטער, ווען די רויע נאַכט איז נאָך געשטאַנען

אין פולער שוואַרצער הערשאַפט און געפייפט, געוואָיעט,
געבריאַזגעט מיט די יושקעס פונעם קוימען —
איז גוט געווען אין שלאָף זיך צוהערן צום ניגון,
האַלב עפענען די אויגן אויף אַ רגע, צוזען:
די גאַנצע שטוב איז איינגעדעקט אין שאָטנס,
נאָר אויפן טישל ביי דעם ספר ביי דעם אָפענעם
שעמרירט און שפיגלט זיך אַ רויט גלאָז טיי.
און ער זיצט האַלב־געבויגן אינעם רויטן ליכט
אין האַלבן פּראָפיל, ס'איז געקנייטשט דער שטערן
און ס'ציטערט קוים זיין שוואַרצע באָרד; דער ניגון
פליסט ווייטער יזכער, רואיק און געלאַסן.
(צומאָל רייסט ער זיך איבער, ווערט אַנטשוויגן —
דאָס קינד פילט דורכן האַלבן שלאָף, דער טאַטע האָט
זיך אָנגעשלאָגן דאָרטן אויף אַ שוועריקייט,
נאָר גאָר ניט, ער וועט בייקומען און טאַקע באַלד
דערגרייכט צו זיין געלעגער פונדאַסניי
דער שטילער ניגון מיט אַ מין נצחון:
אַהאַ, געפונען!) ס'פלעגט אַמאָל זיך טרעפן,
אַז עמיץ האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין לאָדן —
אַ גרוס פון קאַלטער דרויסנדיקער וועלט, וואָס האָט
זיך דורכגעריסן דורכן שניי און שטורעם:
אַ קצב איז געקומען מיט אַ שאלה.
עס קלאַפּן שווערע שטיוול אין דעם פירהויז
צו אָפּטרייסלען דעם שניי; אין שטוב רייסט זיך אַריין
אַ ווייסער וואָלקן פּאַרע און דערנאָך צוויי מענטשן:
דער שוחט מיטן קצב. ביידע אָנגעפּעלצט
אין פוטערס ווי די בערן און פאַרוויקלטע מיט שאַלן,
מיט היטלען פוטערנע מיט שווערע קלאַפּעס
איבער די אויערן, מיט פיס ווי גראָבע קלעצער,
אין הויכע וואַליקעס און שטיוול ביז די קניען.
אַ לונג־און־לעבער ווערט אַרויסגעשלעפּט פון קאָרב —
אַן איינגעפּאַלענע פּאַרבלוטיקט־רויטע מאַסע,
וואָס גיט אַרויס פון זיך אַ זיסלעך־איבלדיקן ריח
פון פריש נאָר וואָס געשחטן פלייש. דער שוחט נעמט
דעם גאָרגל פון דער בהמה־גסה צו די ליפּן

און בלאָזט אין אים מיט אַלע זיינע כוחות,
ביז ס׳שפּאַרן אים פון קאָפּ אַרויס די אויגן.
די לונגען גייען אויף, צעשפּרייטן זיך און וואַקסן
ווי לעבעדיק אין זייער ראָזקייט און דער שוחט —
מיט איין האַנט האַלט ער צו דעם גאָרגל מיט די רינגען
און מיט דער צווייטער — פּאַטשט ער אין די לונגען
מיט קורצע שאַרפע פּעטש; דערנאָך לאָזט ער אַרויס
דעם גאָרגל פון די ליפּן, שפּייט זיך אויס
און ווישט זיך אָפּ די ליפּן מיט די וואָנצעס.
די לונגען הויכן אויס דעם אָטעם מיט אַ היסן
און פאַלן ווידער איין אין פאָרמלאָזער מאַסע.
דער קצב שטייט אַביסל אָן אַ זייט, אין שאָטן,
מיט אַ פּאַרטאַיעטער און שרעקעוודיקער מורא
אין אָנגעטערערטן בליק; דער טאַטע שטייט געבויגן
מיט אויגן אָנגעשפּיצטע אויף דער שאלה.
דער טאַטע פרעגט עפּעס, דער שוחט ענטפערט —
און באַלד אַ ווערן אָנגעוואָרפן אויפן טיש
דער יורה־דעה הלכות שחיטה, ש״ך און ט״ז
און „פּרי־מגדים״, דער טאַטע בלעטערט האַסטיק,
געפינט וואָס ער באַדאַרף און קלערט אַ רגע
און בלעטערט אין דעם צווייטן און דעם דריטן ספר,
ער לייענט, קלערט און, ענדלעך, פריידיק: כשר!
די אָנגעשטרענגטקייט רייסט זיך פלוצים איבער,
ס׳ווערט וואַרעמער און, דוכט זיך, ליכטיקער אין הויז.
דער קצב ווערט איצט אויפגעלעבט און רירעוודיק —
ער נעמט זיין מעסער, שניידט אָפּ אַ שטיק לעבער
און לעגט דאָס אויף אַ שטיק פּאַפּיר ביים אויוון.
(אַ כשרע מתנה פאַר דער רביצן)
דער טאַטע גייט אים נאָך און וויל אים אָפּהאַלטן
און טענהט שטיל: „מ׳דאַרף דאָס ניט, מ׳דאַרף ניט״.
נאָר ער האָט אָפּגעטאָן דאָס זייניקע, און גליטשט
אַרויס פון שטוב זיך מיט אַ פריידיקן „אַ גוטן״.
דער שוחט בלייבט שוין וואַרטן אויפן דאַוונען —
איצט, אַז ער האָט זיך שוין אַרויסגעשיילט פון פוטער
באַקומט ער גאָר אַן אַנדער פּנים. וואַשט די הענט,

דער טאַטע טראָגט אים אונטער אַ גלאָז טיי,
ער מאַכט אַ ברכה, קנאַקט די שטיקלעך צוקער
און זופּט הנאהדיק. ער האָט געהאַט אַ טבע,
נאָכדעם, ווי ער פלעגט אָפּגיין פון דער קרירה,
מיט גלאָז אין האַנט זיך אָפּשטעלן ביי מיין געלעגער,
מיך מוסרן אין אַ געמאַכטן ערנסט מיט אַ פּסוק
פון קלוגן ספר „משלי", ווי אַ שטייגער:
„די טיר גייט שוין אַרום אויף אירע זאַוויעסעס
און דער פוילאַק ליגט אַלץ אונטער דער פּערענע".
„ — אי — זאָגט דער פוילער לודער — נאָך אַביסל שלאָפן
און נאָך אַביסל פּאָפן" — און ער קיצלט מיר די פּיאַטעס,
און איך, אַ ייִנגל פון אַ יאָר פיר, צי פינף,
ליג אַ פּאַרטאַיעטער מיט קאָפּ און צייִן אין קישן
און האַלט מיך איין מיט אַלע כוחות ניט צו בריקן
און ניט אַרויסשפּריצן אין אַ געלעכטער.

כ'האָב אים דערקענט, דעם טאַטן, אין די בעסטע יאָרן
פון פולער רייפקייט. צווישן מיר, דעם מזיק דעם מיזינעק
און צווישן עלטסטן קינד, אַ טאָכטער, איז געלעגן
אַ מהלך פון אַוועלכע צוואַנציק יאָר. אין שטוב
זיינען אַרומגעגאַנגען בלויז צוויי קינדער:
אַ שוועסטער, שוין אַ האַלב-דערוואַקסענע און איך.
אַ ברודער האָט געלערנט ערגעץ אין דער פרעמד,
און נאָך צוויי שוועסטער, ביידע אויסגעגעבענע.
די עלטסטע שוועסטער מיט איר מאַן דעם שוחט,
זיי האָבן אויסגעוואַנדערט אַזש גאָר קיין אַמעריקע.
די צווייטע, אַ יונג ווייבל נאָך דער חתונה
האָט לעבן אונדזער שטוב געוואוינט אין שכנות;
און שבת-יום-טוב זיינען זיי געווען אויף קעסט
ביי טאַטע-מאַמעס טיש. אין שטוב איז פריילעך.
צוערשט פלעגט ער, דער טאַטע, מאַכן קידוש
און באַלד דערנאָך דער זיידע מיטן יונגן איידים
אין אַ דועט. דעם זיידנס קול געבראָכן
און הייזעריקלעך-אַלט, דעם יונגמאַנטשיקס קול —
אַ הויכס, אַ בלעכנס. ביז די קליינע שוועסטער

מיט טרייע גוטע אויגן און געקרויזטן קאָפּ,
האָט זייער קידוש אָנגערופן: קאָנקורענציע,
דעם שוואָגערס קול באַטיטלט: ס׳געלע קול.
וואָס עפּעס געל? קען זיין, צוליב זיין בלאָנדן בערדל —
נאָר סיזוי, ס׳האָט געפּאַסט; דאָס יונגע ווייבל
האָט זיך געקרימט און רוגזהדיק געשנירט די ליפּן.
דער שוואָגער האָט דאָס אָנגענומען גוטמוטיק,
די מאַמע האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון דער חכמה,
דער טאַטע האָט צווישן איין געריכט און צווייטן
אַריינגעשמייכלט שטיל אין „מדרש־רבה".

אין יענער צייט האָב איך געמאַכט אַ נעסט זיך
הויך אויפן געלן אַלמער. מאָלט אייך, ס׳איז צוערשט
מיר אָנגעקומען מיט סכנות זיך אַרויפצעדראַפּן —
נאָר שפּעטער, איז עס שוין געגאַנגען ווי אַ מזמור.
מ׳נעמט אַ שטול, מ׳שפּאַרט אים צו צום אַלמער,
מ׳שטעלט זיך אויפן זיץ, מ׳קלעטערט אויפן אָנלען,
אויף שפּיצן פון די פיס־פינגער די באָרוויסע,
די הענטלאַך כאַפּן אָן די לייסטן פונעם אַלמער,
מ׳בלייבט אַ רגע הענגען אָפּצעכאַפּן אָטעם —
מ׳טוט אַ וואָרף אַ פוס, ווי ווייט נאָר ס׳לאָזט זיך
און ס׳ליגט דער פוס שוין אויף דער פלאַך פון אַלמער;
דערנאָכדעם טוט מען זיך אַ הייב מיט אַלע כוחות
און אָטאָ ליגט מען אויסגעצויגן אין דער הויך,
מ׳זעצט זיך אויף — און ווער איז דאַן דיינס גלייכן?
גאָר קודם וועט דיר קיינער דאָ ניט אָפּטרעטן אַ פוס,
איז איינס אַוועק; און צווייטנס, וויפל איז דער שיעור
צו האַלטן אַלץ אין איין אַרויפקוקן פון אונטן?
דאָ האָסטו באַלד די גאַנצע שטוב, ווי אויפן טעלער
היינט וואָס געפינט מען דאָרט ניט אויפן אַלמער?
אַ געלן לולב מיט די שאַרכנדיקע שפּיצן,
אַן איינגעשרומפּטן און פאַרהאַרטעוועטן אתרוג,
ניט גרעסער פון אַ נוס; דער מאַמעס ספרים
מיט אויסטערלישע צאַצקעס און געמעלעכצן;
אַ לייוונט־טאָרבעלע מיט כל־המינים קנעפּלעך,

אַ דריידל און אַ רעסל און אַ גראַגער,
(ס'איז אַלץ ירושה פון דעם ברודער משה־לייבן)
ס'איז דאָ מיט וואָס אַ מענטש זאָל זיך פאַרגעמען.
דערצו נאָך, קען מען אָפּטאָן כל-המינים שפּיצלעך
און טרוקן אָפּשניידן. למשל, שוועסטער גאָלדע
דערלאַנגט צום טיש, גאָר מעשה באַלעבאָסטע,
שפּאַצירט פאַרביי דעם אַלמער יזינגעוודיק,
באַדאַרף מען פלינק אַראָפּלאָזן אַ פּיסל
און זי אַ צופּ טאָן ראַפּטאָם אין געדיכטעניש
פון שוואַרצגעקרויזטע האָר. (דאָס מוז אָבער
געמאַכט ווערן גאָר פלינק, באַלד צוכאַפּן דעם פוס,
אויב ניט — בין איך אייך ערב, וועט ניט טויגן.)
אַ ביסל שפּעטער, ווען מ'האַלט אינמיטן צימעס,
קומט אָן דעם שוואָגערס יונגער ברודער, יאַנקל,
וואָס אַלע פלעגן זיך מיט אים אַרומכאַפּן.
אַ גאַנצע וואָך האַלט ער זיך אויף אין גרויסער שטאָט,
ער שיקט וואַגאָנעס תבואה אזש קיין פּרייסן —
און קומט אַהיים אויף שבת און אויף יום־טוב.
ער איז געווען אַ פּשוטער אַזאַ, אַ גוטער,
מיט ברייטע סקולעס, אָפּגעברענט פון זון און ווינטן,
מיט האָר פון זאַמד־קאָליר און תמימותדיקע אויגן.
(ער האָט געהאַט דריי ספרים אין זיין לעבן,
וואָס זיינען אים געווען געגנוג: תנ"ך
מיט די מצודותן און אבן־עזראס פּירוש,
גרעצס יידישע געשיכטע אין העברעאיש
און קלמן שולמאַנס „דברי ימי עולם".) פלעגט ער
אַריינקומען אין שטוב אַ היימישער מיטן גוט־שבת
און „ברוכים היושבים, קומט עסן — עסט געזונטערהייט"
און זיך אַוועקגעזעצט אונטערן אַלמער.
און מחמת ער האָט יענעם יאָר געלאָט זיך מאַכן
אַ פיינעם שוואַרצן קאַראַקולן פוטער
מיט ברייטן קאָלנער און אַ קאַראַקולן היטל —
פלעגט ער פון שיינקייט וועגן זיצן אינעם פוטער.
אין שטוב איז הייס געווען פון אָנגעהייצטן אויוון,
פון בליצלאָמפּ און פון דריי פּאָר שבת־ליכט

און פון די ריחות פון די שבתדיקע עסנס —
און ער, אַז אָנגעפּרוירענער פון שטאַרקן ווינטערטאָג —
פלעגט אים אַרומכאַפּן דער ליבער דרימל.
אין וויל ס׳איז אים ניט אָנגעשטאַנען צו באַווייזן
דעם עולם, אַז ער שלאָפט — פלעגט ער זיך קליגן
און כלומרשט צוזינגען און צובאַמקען אַ ניגון.
און דעמאָלט איז געווען דער ריכטיקער מאָמענט
אַרויפצוציען, ווי דער פישער מיט זיין ווענטקע,
דאָס פיינע קאַראַקולן היטל אויבן
צו זיך דאָרט אין מיין נעסט — און דאָ פלעגט יאַנקל
מיט איין האַנט אויפן קאָפּ זיך אויסטשוכן באמת
און מאַכן קולות, כ׳זאָל אים אָפּגעבן דאָס היטל.

דער טאַטע פלעגט אויף דעם זיך כלומרשט בייזערן
און אָנשרייען אויף מיר פון יוצא וועגן.
ער איז געווען הויך און שלאַנק געוואַקסן
מיט פיינע ריטמישע באַוועגונגען. די שוואַרצע באָרד
האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן זיך צו זילבערן;
דער שטערן אונטער יאַרמלקע מיט טיפע קנייטשן,
די ברוינע אויגן האָבן שטיל און גראָד געלויכטן
מיט גוטסקייט, איידעלן הומאָר, פאַרשטענדניש
פאַר מענטש און זאַכן. יענע אַלע שטראָמען,
וואָס ציען זיך מקדמת-דנא נאָך פאַר געזעצגעבונג —
(נאָך ביי אברהמען און ביי יצחקן אין די געצעלטן
האָט מען שוין אָפּגעהיט געזעני דעם מינדסטן דין,
וואָס ס׳וועט אַ שאַרפער תלמיד ווען מחדש זיין;
און יעקב האָט געלערנט ש״ס און פּוסקים
אין שם ועברס פילבאַרימטע אַקאַדעמיעס.)
און שפּעטער, דורך דעם קלאָרן וואָרט פון די נביאים
און דורך די טיפע לאַבירינטן פונעם גייסט,
פון אַלטן הלל אָן און ביז די לעצטע גאונים.
אפלטון און אַריסטו געפילטרירט, געהייליקט
אין גייסט אין יידישן פון רמב״ם און הלוי
און בן-גבירול; דאָס טראַגישע געזאַנג פון דורות
אין בלוט און פייער און אין זיילן רויך געבאָרן

פון איבער אַלע טייכן פון דער גאַרער וועלט,
פון טיבער ביז דער טעמזע און פון רהיין צום דניעפּער;
די עטיק פון די גרויסע שטרענגע יידן
מיט מידות און מיט פליכט פון מענטש צו גאָט
און מערער נאָך, פון מענטש צו מענטש. די אַלע שטראָמען,
וואָס האָבן זיך צענויפגעגאָסן אין איין גוס —
האָבן אַרויסגעלויכטן און געשטראָמט פון זיין מהות
אין לעבן אין טאָג־טעגלעכן פון קליינער סביבה,
אין זיין געמאָסטן און געוואויגן וואָרט,
אין זיין באַנעמען זיך מיט מענטש, מיט ייד און גוי.
עס איז געווען אין אים די גרויסע פשטות,
וואָס ברענגט אַרויס דעם גוטן שמייכל אויף די ליפּן
צוזאַמען מיט דער פיינער מידה פון עניוות,
וואָס האָט געמאַכט אים ווייכן און אַנטלויפן
פון מינסטן כבוד. און דערפאַר, צוליב דעם טעם,
זיך ניט אַרויסצוטיילן פון דער עדה יידן
אין גאַנג און הילוך — האָט ער פיינט געהאַט
דעם קאַפּעליוש רבנישן מיט ברייטע ראַנדן;
אַ שוואַרץ אַ טוכן היטל, ווינטער, פונקט ווי אַלע,
אַ לייכטס, אַ זיידנס — זומער, ריין און ציכטיק,
אַ גרויסער מקפּיד אויף דער ריינלעכקייט פון גוף —
פלעגט ער אין ווינטער דורך די גרעסטע שטורעמס
מאַרשירן יעדן דאָנערשטיק צופוס אין שטאָט
צום קהלישן מרחץ; זומער, פאַרן דאַווענען,
צום אויפגאַנג פון דער רויטער קיילעכדיקער זון,
פלעגט ער גאַנץ אָפט, מיט האַנטוך אונטערן אָרעם
אַרונטערלאָזן זיך צום ברעג פון ניעמאַן־טייך:
די גאַנצע וועלט איז נאָך געלעגן שטיל־פאַרטאַיעט
מיט אָטעם איינגעהאַלטענעם; דער וואַלד אַנטקעגן
האָט נאָך געגרויט פון טוי פון נאַכטיקן; דער ברעג
האָט זיך געשטרעקט אַ בלויער און אַ קילער
און ליידיקער — איז ער געווען דער ערשטער
די פריאיקע די גרויסע שטילקייט אויפצואוועקן
מיט קלינגענדיקן אויפברויז און געשפּריץ פון וואַסער;
אַרונטערטונקען זיך פאַר גאָר אַ לאַנגער רגע
אין טונקלבלויען שטראָם, אַרויסשווימען פון אויבן

און מעשה־קונדס שנײַדן „קלאַפּטער" אין דעם וואַסער
מיט אַלע קונצן פון אַ גוטן שווימער.
און נאָכדעם האָבן זיך געוועקט די וואַסער־שוואַלבן,
אַרויסגעשאָסן פון די רונדע נעסטן־לעכער,
געזיגזאַגט אויפן סאַמע אויבערפלאַך פון וואַסער,
געפלוידערט אויפן שאַרפן קוויטש, געשריען,
פאַרהילכט די וועלט.
זײַנע באַדערפענישן
זײַנען געווען גאָר ווייניק און כמעט ווי גאָרנישט.
פון צייט צו צייט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן —
ער פלעגט זיך נוהג זײַן צו נעמען צוויי־דריי „ציען"
און אויסלעשן דעם פּאַפּיראָס, אַ ביסל שפּעטער
פאַררויכערן פונסניי און ווידער זיך פאַרציען
און ווידער זיך פאַרגעסן אָן דעם רויכן,
פאַרטאָן אין זײַנע ספרים און רעיונות.
און נאָך אַ לאַנגן מאָרגן אָפּגעגעבן צו הלכה
פלעגט ער באַלד נאָכן אָנבייסן זיך צושפּאַרן
אויף דער קאַנאַפּע מיט אַ לײַכטן בוך אין האַנט:
גרעצס יידישע געשיכטע אין דער שפ"ר ווערסיע
איז ניט אַראָפּ פון טיש. פאַר לײַכטן לייענשטאָף —
דער „בן המלך והנזיר", די מאַקאַמאַס
פון אלחריזי און די טעגלעכע הצפירה" —
דערנאָך צוריק געגאַנגען אין בית־מדרש.
נאָך מעריב, אינדערוואָכן, איז געגאַנגען
דער פּרק פון משניות פאַר אָן עולם יידן.
און שבת אין דער פרי, כאָור, פאַר שחרית —
די סדרה פון דער וואָך פאַרטייטשט אין יידיש
געפלאָכטן מיט מדרשים אויף די פּסוקים,
און „פּרקי אבות" אין די לאַנגע זומערטעג,
פאַר מנחה, מיט איר ניגון דעם עלעגישן.
(בדרך אגב, לאָמיך זײַן אָן עדות,
אַז יענע יידן, וועלכע האָבן צוגעהערט דעם פּרק,
געלערנט מידות און מאָראַל פון „פּרקי־אָבות" —
זיי האָבן קיינמאָל ניט געפונען זיך אין מחנה
פון „פּאַטשערס און געפּאַטשטע" פאַר אַ פײַנער

גערויבענער עליה, צי פאַר מפטיר.)
ס׳האָט איטלעכער געבראַכט צו אים זיין פרייד פון האַרצן
און אויך, חלילה, זייער צער. ס׳לעבט אויף פאַר מיר
אַ זומערדיקער. ליכטיקער באַגינען:
אין שטוב איז שטיל און קיל און ס׳ווייעט אַריין פונדרויסן
אַ פריש פרימאָרגן ווינטל, פאָכעט מיט די פאָרהאַנגלעך
פון פענצטער פון צעעפנטע — און פלוצים ווערט
די שטילקייט אויפגעריסן און צעשמעטערט:
אַ ברום ווי פון אַ לייב אַ טויט־פאַרוואונדעטן
פילט אָן דעם דרויסנדיקן חלל, קומט אַלץ נענטער
און רייסט אַריין זיך מוראדיק אין שטוב.
אַ פנים — ווילד צעקרימט, די אויגן — בלינד אונטער
געדיכטן שווערן ברעם; אַ ברייטער שטאַרקער גוף
בלייבט שטיין אין עפענונג פון טיר אַ וואַקלדיקער
אין איין אומענדלעכן פאַרגליווערטן געשריי.
(מיר האָבן באַלד פון ערשטן אויסגעשריי געוואוסט —
ער האָט פון קיניגסבערג באַקומען די ידיעה
פון טויט פון זיין געראָטענעם און יונגן איידעם)
דער טאַטע נעמט אים פאַר דער האַנט און פירט אים
ווי מ׳פירט אַ בלינדן, זעצט אים שטיל אַרונטער;
דער לייבנקאָפּ פאַלט צו צום טישל אויפן ספר,
דורך דעם ווערט דאָס געשריי פאַרשטיקט און גרויליק.
דאָס איז אַ מוראדיקע שטומע סצענע:
אַ סצענע אָן אַן איינציק וואָרט, דעם טאַטנס האַנט
ליגט איינגעפרעסט אויף יענעמס שטאַרקן רוקן,
וואָס ציטערט אויפגעשטורעמט אין קאָנוואולסיעס;
ביז דאָס געשריי גייט איבער אין אַ העשן
און ס׳קלאַפּט די שמאָלע האַנט און גיט סיגנאַלן —
אַזוי אַ לאַנגע צייט, ביז ס׳הייבט זיך אויף דער קאָפּ
פון טישל און פון ספר; אויגן — רויטע וואונדן;
דער שטאַרקער גוף מאַכט וואַקלדיקע שווערע טריט
און גייט אַרויס, ווי שיכור.

דורכן זומער

דורך שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אויפן טייך
פלעגט קומען אָפּט צו לאָדעניש און צו סכסוכים.

וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דין-תורה.
„געלט, שותפות, באַטן, היזק, ריוח, קאַלכאויוונס" —
און ביידע צדדים האָבן בשום־אופן ניט געקענט
מיט גוטן דורכקומען. אַמאָל פלעגט טרעפן,
דער מאָנער צום דין־תורה איז געווען אַ גוי,
פאַרשרפהט פון דער זון און וואַסער — אַ ליטווינער.
אַריינגעקומען אינעם הויז — געבליבן שטיין
אין לייזונטענעם העמד און ברייטע פלודערן
פאַרבונדן מיט אַ קרייקע פון אַ היטל צוקער,
מיט קלימפּערדיקע קלומפּעס אויף די הוילע פיס.
ער בלייבט אַ שרעקעוודיקער שטיין ביים טיר
און ציט אַראָפּ דעם שטרויענעם פאַרברענטן קאַפּעליוש
און נישטערט מיט די אויגן אום אין יעדן ווינקל:
„וואו איז דאָ ערגעץ אַן איקאָנע, זיך צו צלמען?"
אַז ער געפינט ניט, ישובט ער זיך מיט דער דעה:
צוריק דאָס אָנטאָן אויפן קאָפּ, צי נישט? און ס'בלייבט,
אַז ניט. כאָטש עפּעס אויספירן. עס הילכן
די קלימפּערדיקע טריט זיינע אויף דער פּאָדלאָגע.
דער טאַטע ווייזט אים אָן אַ שטול — ער זעצט זיך
אויף סאַמע ברעג פון שטול, אין האַנט דער קאַפּעליוש.
דער „חושן־משפט" ליגט צעעפנט אויפן טיש
אין פולער לענג און ברייט, דערווייל נאָך צוגעדעקט
מיט ברייטן רויטן שנופּטוך. עס ווערט צוגעזעצט
אַ בית־דין פון צווײ ייִדן מיט אַ טאָלמעטשער,
און ס'הייבט זיך אָן דער משא־מתן; אַז עס קומט
צו דעם „קבלת-קנין", וואָ דער מאָנער און געמאָנטער
זיי זיינען זיך מתחייב אָנצונעמען פּסק —
ווערט דער ליטווינער אומרואיק, פאַרעקשנט זיך,
די קליינע בייזע אויגן ווערן פול מיט חשד
און מורא פאַרן כישוף, וואָס עס ליגט באַהאַלטן
אין רויטן שנופּטוך. ס'נעמט, דעם טאָלמעטשער
אַ היפּשע רגע איינצוטענהן און דערקלערן —
ביז דער ליטווינער טוט זיך טאָן דערוואָגן
דעם שנופּטוך מיט די שפּיצן פינגער אָנצורירן,
נאָר כאַפּט זיי שנעל צוריק, ווי אָפּגעבריט.

ער לייגט אויס זיינע טענות און די תביעות
צוערשט — נישט זיכער, שפּעטער, וואַרעמט ער זיך איין,
באַקומט מער צוטרוי; בית־דין שטעלט אים פראַגן —
ער ענטפערט דורכן טאַלמעטשער; די אויגן זיינע
פאַרלירן זייער בייזקייט. נאָכדעם קומט צום יידן —
ביז אַלץ ווערט אויסגעפאָרשט און אויפגעקלערט.
די בעלי־דין ווערן דערנאָך אַרויסגעפירט
פון טאַטנס חדר אין דער גרויסער שטוב אַריין
און נאָכדעם, ווי דאָס בית־דין קומט צום אויסגלייך,
דאַן ווערן זיי צוריק אַריינגעפירט אין חדר
און ס'גיט דער טאַטע זיי אַרויס דעם פּסק.
דאָס שענסטע, דאַכט זיך, איז געווען, וואָס סיי דער מאַנער
סיי דער געמאַנטער, פלעגן כמעט תמיד
מקבל זיין דעם דין מיט גרויס צופרידנקייט.
אַ פלעשל משקה פלעגט זיך באַלד דערנאָך באַווייזן
און יידן מיטן גוי דעם ליטווישן אינמיטן
זיי האָבן צוגעקלונגען יידישלעך: „לחיים"!
און דער קאָדעקס פון ווייטן אַלטן בבל
מיט זיינע טייכן — איז געקומען דאָ צום לעבן,
דערגרייכט די ברעגעס פון דעם ניעמאַן אין דער ליטע.

געדענק איך היינט די שטילע די געבענטשטע אָוונטן
אין אונדזער שטוב. אַ דאָנערשטיק, למשל:
די קליינע שוועסטער נעמט אַראָפּ פון טיש און ס'מויל
איז פול געזאַנג; (זי האָט געהאַט אַ קול צום זינגען)
זינגט שטיקער גאַנצע גאָלדפאַדנס „שולמית":
„אָ, די קאַצע אָדי, אָ די ברונע אָדי!"
און „שבת, יום־טוב און ראש־חודש דאַוון איך מיר
אַליין פאַר זיך" — מיט ברען און מיט התלהבות.
די מאַמע זיפּט דאָס ווייסע מעל פאַר חלות
און פאַטשט אין זיפּ צום טאַקט צו; איר רעפּערטואַר
באַשטייט פון פאָלקסלידער און פון אליקום בדחנס
באַרימטע לידער, ווי „די סאָכע" און „די איזנבאַן"
און שטיקער פון „מכירת־יוסף": יוסף קומט,
פאַרמסרט זיינע ברידער פאַרן אַלטן טאַטן:

"זיי עסן און זיי שלינגען אן אבר מן החי".
(דאָ בעט זיך זאָגן, איך האָב נישט געקענט באַנעמען
אויף וואָס, מישטיינסגעזאָגט, די ברידער קוואַפּן זיך:
געכאַפּט אַ קו און אָפּגעשניטן איר אַ פוס,
געפרעסן רויערהייט, געשלונגען גאַנצע שטיקער,
און ס'הינקט נעבעך די בהמה אויף דריי פיס
און לאָזט נאָך זיך אַ רויטן סליאַד אין גרינעם גראָז.)
און יעקב מוסרט אויס זיין זון אין זיידן העמדל
מיט אַ געזאַנג. „אַ, ניין, מיין קינד, דו זאָ־אָלסט דאָס
נישט זאָ־אָ־גן?" (זי האָט אַמאָל געזען אליקומען
אין ווילנע, אויף אַ חתונה ביי נאָענטע קרובים
און האָט פון אים זיך נישט געקענט גאָר אָפּלויבן).
איצט ברעכט זי אייער אין דעם פּלאַכן קראַטער
פון ווייסן מעל אין מולטער, גיסט דאָס לעפלעך וואַסער
פון שנויץ פון קאַן, פאַרקנעט די חלה, שפּעטער
זיינען שוין צוגעקומען גאָר נייע לידער:
די שוועסטער איטע־לאה איז צוריקגעקומען,
און מיטן „בייטשל" פון דער גאָלדענער מדינה.
ניט ער, ניט זי, האָבן געקענט פאַרטראָגן
דעם חלול־שבת און דעם חלול פונעם מענטשן
פון דעמאָלסטיקער נייער וועלט, דאָס ביטער לעבן
פון ערשטן אימיגראַנט אין פרעמדן לאַנד.
דאָס בעכער איז אַריבער זיינע ברעגן,
ווען ס'האָט איינמאָל אַ גרינע באַלעבאָסטע
געהייסן אים, דעם שוחט און דעם פיינעם בעל־תפלה,
צו כאַפּן דאָרט דעם גרויסן גאַלאַגאַנסקן האָן
מיט שאַרפע שפּאָרן, מיט דער רויטער שטאַרקער קאַם,
וואָס האָט מיט תקיפות געשפּאַצירט אין רעדל
פון זיינע ווייבער — און אים אָפּקוילן אויף שבת.
זיי האָבן אויספאַרקויפט דאָס ביסל אַרעמקייט
און ווי עס פליט דער פויגל צו זיין אַלטער נעסט
צוריקגעפלויגן צו איר אַלטער היים. זי האָט
אָבער גאָר אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין
געבראַכט דעם אומרו פון די נייע פרייע פליינען,
וואָס האָט זיך דורכגעריסן פון די גרויע אויגן,

געפלאָסן פון די ליפּן מיט אַ ניי געזאַנג.
אַ ליד פון ערגעץ גאָר אַ פרעמדער ווייטער וועלט,
וואָס ליגט פאַרוואָרפן הינטער הרי־חושך —
„וואו ס'לייכט די זון גאָר העל און זומערדיק
און שוואַרצע מענטשן זיינען הימלעך": נאָך אַ ליד,
אַ פריילעכס און אַן אומעטיקס אינאיינעם,
פון עפּעס דאָרט אַ פּופּע, וואָס צעברעכט זיך
אין מיטן צושפּיל: „ליטל דאָל, ליטל דאָל" —
נאָך יעדן פערז. און מהמת „ליטל דאָל".
קלינגט לשון־קודשדיק, האָט עס דער טאַטע אַדאַפּטירט
מיט פּולן נגון: „ליטול דל, ליטול דל".
פלעגט ער דעם „דל" גאָר נעמען אויף די פּלייצעס,
ווי ס'טראָגט אַ פּויערל אין מאַרק אַ זעקל קאָרן;
געקרעכצט, זיך אַזש געבויגן פון דער „שווערער משא",
דערטראָגן קוים דעם תנא־ברא צו דער מאַמען.
און דאָ קומט פאָר אַזאַ מין משא־מתן,
אַ דינגעניש: די מאַמע פרעגט, דער טאַטע ענטפערט:

וויפל טייער? — אַ דרייער!
ווי שאָך? — אַ פּאַטש!
ווי מקח? — אַ שטיקל לעקעך!
„וויסיפ"! — אַ קניפּ!

ס'זעט אויס, אַז אַלץ וואָס אים אַליין האָט אויסגעפּעלט
אין וויסטער קינדהייט זיינער — ליבשאַפט, וואַרעמקייט
און האַרציקייט — האָט ער דאָס אַלץ מיר אָפּגעצאָלט
אין פולער מאָס. געווען דערצו אַ צווייטע סבה:
איך בין געווען דער לעצטער, דער בן־זקונים
און פאַר מיין קומען זיינען אויפן וועג געפאַלן
אַ דריי־פיר קינדער. מאָזלען, סקאַרלאַטין
און אַנדערע חלאתן. נישט אומזיסט, האָט זי,
די מאַמע, אַלץ געהאַט אַ ווערטל, אַז „איין גלאָז
און איין קינד זאָלן אירע שונאים האָבן"
און „קינדער דאַרף מען האָבן אויף פאַר איינפאַל".
און איידער כ'האָב געקענט צונויפשטעלן אַ וואָרט

פון אַלף־בית — ביז איך געווען באַקאַנט שוין
מיט מענדעלין און אַלתר יקנה"ז אין „טינטעריל".
פון „איינמאָל שבעה עשר בתמוז" און אַרונטער
און מיט די גויים מיט די בייטשן, וועלכע שלעפּן
די ביידלעך פונעם טינטעריל מיט שפּאָט און חוזק:
„העי כודקאַ, זשידקי, לאַפּסאַרדאַקי"!
מיט פישקעס דער געמויערטער דער גלופּסקער באָד,
וואו מ'קען דאָס מקוה־וואַסער שניידן מיט אַ מעסער;
מיט דער האַרבאַטער און מיט פישקעס ליבע,
און זיינע אַוואַנטורעס מיטן רויטן ממזר;
אָט הינקט ער נאָכן ביידל מיט די פיס די קרומע:
„אַ ק־יי־נק דעם ממזר אין די בייניאַ אַראָן!"
דער טאַטע רעציטירט פון „פישקען" אויסווייניק:
די אויגן זיינע אויפגעשטראַלט פאַר נחת
און אויפן מויל — אַ ברייטער גוטער שמייכל.

נאָר איינמאָל דורכן יאָר האָט ער פון כבוד
זיך ניט געטאָן באַהאַלטן — אין פאַרנאַכט
פון שמיני־עצרתדיקן יום־טוב אינעם הויז:
מ'האָט אָנגעטראָגן לאַנגע טישן פון בית־מדרש,
וואָס שטייען צוגעדעקט מיט שניי־ווייסע סערוועטן.
דער בליצלאָמפּ און די סטעאַרין־ליכט ברענען
אין ווייסן העלן טאָג אַריין און שפּיגלען זיך
אין די קאַראַפן רויטן ווייז פון ראָזשינקעס
מיט אַלע איידעלע בורשטין־שאַטירונגען;
אין דורכזיכטיקע טאַצן בוריק־איינגעמאַכטס
מיט ניסלעך טערקישע; אין טיפע שאַלן טייגלעך
פון טונקלברוין קאָליר אין שווערן סיראָפּ;
אין געלבע קליינע קלעצלעך פון די אינגבערלעך,
אין הויכע שטויסן שטיקער ברוינעם לעקעך,
מיט נאַסע ראָזשיקעס פון מעסער דורכגעשניטן,
אין רוחניותדיקע פּוכקע ווייסע טאָרטן.
די גרויסע אייער־קיכלעך ברוין פאַרבאַקן
געצוקערט און געצימערינגט — אין נאָענטער שכנות
מיט דעם געהאַקטן הערינג אויף די פלאַכע טעלער,

באַשפּרינקלט, געל און ווייס, מיט אָנגעבראָקטע אייער
געקאַרבט פון שיינקייט וועגן אין קוואַדראַטן.
דאָס זיינען באַלעבאַטים זיך צונויפגעקומען,
ווי ס'איז געווען דער מנהג פון קדמונים,
דעם רב אין שול צו פירן צו הקפות;
און דאָס האָבן די מאַמע און די קליינע שוועסטער
דעם פיינעם און קאָלירטן כיבוד צוגעגרייט
פאַר דעם קבלת־פנים. ס'שמעקט מיט קאַמפאָר
און נאַפטאַלין פון יום־טובדיקע בגדים
און ס'טראָגט מיט שמירעכץ פון די שווערע שטיוול
צווישן די קאַפּאָטעס וואָרפן דורך זיך
אַ דריי־פיר סטאַנרעק, אָפּגעבליאַקעוועט פון עלטער,
פון שוואַרץ — געוואָרן גרין, און דאָ און דאָרטן
די נעט צעטרענט דורך גופים אויסגעוואַקסענע —
אַן איבערבלייב פון חתונה מלבושים —
מיט אַרבל איינגעלאָפּענע, פון וועלכע ס'שטעקן
ווי הילפלאָז, האָרעפּאַשנע שטאַרקע הענט.
די אַלטע — מיט די ציטערדיקע בערד און פיאות,
ד יינגערע — די בערד און פיאות צוגעפוצט.
נאָר אַלע זיינען אופגעראַמט און יום-טובדיק:
אַ גרויסע שמחה שטראַלט אַרויס און פלעמלט זיך
אין הייטערע און אויפגעלעבטע אויגן —
זי קוועלט אַרויס פון פריידיקן „גוט יום־טוב!"
פון זייער האַרציקן און הויכן „בורא פרי־הגפן"
און פון דעם צאַרטן צוקלינגלען פון גלעזלעך:
„לחיים, יידן, לחיים און נאָכאַמאָל לחיים!"
עס קלינגען לעפעלעך און גאָפּלען אין די טעלער —
מ'שטייט געפּראָפט אַרום די ווענט און טישן.
דער חזן — ער איז אויך דער שוחט — קלינגט אין גלעזל —
ס'ווערט שטיל. ער הוסט זיך אָפּ און נעמט אַ טאָן:
„אַזוי זאָגט גאָט: כ'געדענק דיר ס'חסד פון דיין יוגנט,
די ליבשאַפט פון דיין כלהשאַפט, דיין גיין נאָך מיר
אין מדבר, אין דעם ניט־געזייטן לאַנד".
צוערשט, איז דאָס געזאַנג ניט זיכער, קלינגט פאַרלוירן,
דער עולם איז אַ ביסל שעמעוודיק און העלפט ניט —

נאָר וואָס אַ רגע, וואָרעמט עס זיך איין אַלץ שטאַרקער
און דאָס געזאַנג מאַכט פול דאָס הויז, אַ גרויס געזאַנג,
אַ פייערדיק געזאַנג, וואָס קלאַפּט אָן באַלקן
און מאַכט די שויבן אין די פענצטער ציטערן.
און נאָך אַ שטיקל: הבן יקיר לי אפרים" —
מיטן געפּיעסטשעטן, זיך קלאָגעדיקן נגון.
און אַז עס קומט צו „גשם", דאָס געבעט פאַר רעגן,
איז שוין דער גאַנצער עולם אַנגעצונדן
מיט ברען אין שטימען, מיט די פולע מיילער
און ס׳וואַלקענען זיך אויגן אין עקסטאַז.
(דאָס זיינען אייגנטלעך די זעלבע פסוקים,
וואָס מ׳האָט די לעצטע טעג זיך אָנגעזאָגט ביים דאַוונען —
נאָר דאָרטן זיינען זיי געווען שטרענגע תפלה
און דאָ ביי דעם באַשיינטן טיש, ביים גלעזל וויין —
ווי אידעלע אַנטיקע ווינלידער.) און ווען
דער כמאַרנער אָוונט נעמט זיך אָנקלאַפּן אין פענצטער —
דאַן פלעגט דער טאַטע דער בן־בית אינעם היכל
פון שטראַלנדיקער אַלטער יידישער לעגענדע,
פון קאַרגן וואָרט און טיפזיניקן מיין,
וואָס לעבט אין שיינקייט און אין גרויס פאַרשטענדניש
און גרויס דערבאַרעמונג אויף אַלץ וואָס ס׳איז באַשאַפן
אין גאָטס געשטאַלט — דערציילן זיי דעם מדרש
פון משהס לעבן און זיין שטאַרבן אויפן באַרג.
„משה, ס׳איז געקומען שוין דיין צייט צו שטאַרבן!"
און משה טענהט, בעט תחנונים פאַר זיין לעבן:
„פערציק יאָר בין איך פאַר זיי פאַראויסגעלאָפן
ווי אַ פערד אין מדבר" — „לאָז מיך לעבן, ווי עס לעבט
אַ פייגעלע אַ קליינס, וואָס טרינקט אַ טראָפּן טוי
און פּיקט אַ קערנדל" — אַזוי דעם גאַנצן דיאַלאָג
צווישן אים און גאָט און ביז דער מיתה בנשיקה.
און ס׳שפּירן זיך פאַרשטיקטע טרערן סיי ביי אים
און סיי ביי דעם פאַרכאַפּטן שטילן עולם.
ערשט, ווען דער עולם הייבט זיך אויף צו גיין אין שול
צו די הקפות — דאַן ווערט ווידער לעבעדיק.
זיי שיטן זיך אַרויס מיט מאַנטלען אויף די פּלייצעס

י. י. שוואַרץ

אין כמאַרנעם אָוונט; נאָר די שול אַנטקעגן
שטראַלט פייערלעך מיט אַלע ליכט און בליצלאָמפּן,
ווי אַ לאַמטערן אַנגעצונדן אין דער פינצטער.

# קינדהייט

. . . די גרינלעך־בלויע וואַסערפּלאַך פון ברייטן טײַך,
אין אייביקן געלעגער זײַנעם, שטראַלט און רונצלט זיך
אין שאַרפן שניידנדיקן ליכט פון זון פון טראָפּישער,
און וואַרפט צוריק און שפּריצט מיט אָפּשפּריצן
אין אַלערליי שאַטירונגען פון שײַן און שימער.
פון צײַט צו צײַט שפּרינגט אויס פון דער צעבליצטער טיפקייט
אַ שלאַנקער פיש, אַ לעבעדיקער שופּנדיקער שטראַל,
און מאַכט אַ קליינעם רעגנבויגן אינדערלופטן
און פאַלט צוריק אין וואַסער; קרייזן שפּרייטן זיך
און ברייטערן זיך אויס, אַן עיגול אין אַן עיגול,
אין גרינער שטראָמיקייט. לענגאויס פון בײדע ברעגעס —
די שלאַנקע הויכע און מיוחסדיקע פּאַלמען,
מיט קעפּ צעשויבערטע אין שפּיצן, מיט די נעסטן
פון גרינע בײַטלען, וואָס פאַרוויקלען און באַשיצן
די גרויסע קאָקאָ־ניס; די גרינקייט — איז אַ שאַרפע גרין,
ווי ס'איז די רויטקייט פון היביסקוס־בלום —
אַ שאַרפע רויט.

כ'בין אָנגעזאַפּט מיט זון און גלוט,
עס פּאָכן מיר אין פּנים גליענדיקע פלעמלעך
און פאַר די צוגעמאַכטע אויגן גליט און שימערט.
אַ, גליענדיקע לאַנדשאַפט, אייביק ליכט פון יוגנט,
און פריש און ניי, ווי נאָכן ערשטן טאָג פון וועלט־באַשאַף
און אומבאַקאַנט און פרעמד — און דאָך אַזוי באַקאַנט
און נאָנט און אייגן פון קדמונים און קדמונים,
ווי כ'וואָלט פון דעמאָלט אָן געטראָגן דאָס אין האַרצן.
די אויסשפּרייטונג פון הימל פון דעם דאָזיקן,
וואָס וועלבט זיך אין אַ טיפער גרינער בלויקייט

מיט פערלווייסע וואָלקענדלעך: די שלאַנקע פּאַלמען,
וואָס פּעכערן גראַציעז מיט די צעשפּרייטע פּעכערס —
זיי זיינען דאָך די אייגענע, ווי די, פון די אָאַזיסן
פון מדבר־אילים און פון מדבר־צין; נאָר יענע
האָבן געטראָגן זיסע־האָניקדיקע טייטלען
אָנשטאָט די גרויסע גרינע קאָקאָ־ניס פונדאַנען.
די גליענדיקע רויטע בלומען אויף די ביימלעך,
די שטעכיקע טיפגרינע קאַקטוס־פלאַנצן,
די אַלע פלאַמיקע און שרייענדיקע פאַרבן —
ס'איז אַלץ דאָך נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון וויטן מדבר,
אַרויסגעכישופט פון פאַרגעלבטן בלאַט פון חומש.

ניטאָ קיין פריערדיקס און שפּעטערדיקס אין תורה —
האָבן געזאָגט די אַלטע. ס'אייגענע איז חל
אויך אויפן מענטשנס לעבן און די מעשים זיינע
אויף אונדזער ערד. דאָס קלוגע האַרץ ווייסט פון דערפאַרונג,
דער סוף פון זאַכן ליגט פאַרשטעקט אין זייער אָנהייב,
און אפשר הענגט דער אָנהייב אָפּ פון זיין באַשערטן סוף?
ווייל ס'איז דאָס לעבן ווי אַ רינג וואָס שליסט זיך,
אָט ווי דער פישגעמאַכטער קרייז אין וואַסער,
וואָס ס'קען דאָס קליגסטע און דאָס פלינקסטע אויג ניט כאַפּן:
וואו איז דער אָנהייב, וואו דער סוף? אַ טשאַטע מעוועס
שוועבט חנעוודיק און שפּילעוודיק איבערן וואַסער
מיט פליגלען דורכגעלויכטן ראָז פון זונשיין
און שפּיגלט זיך אין תהום. זיי דרייען זיך אין קרייזן:
איין פייגל הנדלט זיך און רודערט אויף אַ זייטל,
איין פליגל אויפגעהויבן צו דעם הימל אויבן,
דער צווייטער — צו דעם וואַסער אונטן. נאָך איינער
בלייבט פּלוצים שטיין פאַרגליווערט אינדערלופטן
אַ קליינע רגע — רייסט זיך ווי אַ שטיין אַרונטער
אין שטראָמענדיקער גרינקייט, טונקט זיך אונטער
און כאַפּט אַרויס אַ שימערדיקס אַ צאַפּלדיקס
און ווערט פאַרפלויגן מיט זיין רויב אין שנאָבל.

„וואויל יענעם, וואָס איז יונג געווען אין יוגנט" —

האָט דער פּאָעט געזאָגט. אַ גרעסערע מדרגה איז
זיין יונג אַפילו אויף דער עלטער: אויפהיטן
דעם גאַנצן חן און חסד פון די יונגע יאָרן,
אין פולער גאַנצער פרישקייט, ניט איין שטריך געמינערט,
אין שווערן גאַנג פון לעבן. טראָגן אינעם האַרצן
די אַלע וואונדער און די אַלע סודות,
וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער פאַרן פרישן בליק;
די וואונדער פון אַ לויפנדיקן וואַסער
און פון אַ שוועבנדיקן וואָלקן אינעם הימל;
אַ קאָרנפעלד אין זון, וואָס בליצט מיט פונקען
אַ קאַרשנבוים אין בלי, וואָס וויגט זיך מיטן ווינטל,
דאָס צוויטשערן פון שוואַלבן אין פרימאָרגן,
און אַלץ וואָס ווידמעט זיך אוןווימלט אויף דער ערד.
אַ יידיש קינד טראָגט נאָך איינע אַ וועלט אין האַרצן,
און אפשר מער, אַהינטער דעם וואָס זיינע אויגן זעען,
דערשפּירט ער, אומבאַוואוסטזיניק, מיט זיינע חושים
די אַלע וועלטן, וואו ס'איז אויסגעקומען זיינע אבות
זיך איינצעוואָרצלען און זיך אויסצעוואָרצלען
אין זייערע מאַרשרוטן אויף גאָטס גרויסער ערד.
די אַלע לאַנדשאַפטן, קלימאַטן, טייכן, בוימער,
זיי זיינען אים באַקאַנט, האָט ערגעץ וואו געזען זיי,
די כמאַרנע סאָסנעס פון דעם שטרענגן צפון
פּונקט ווי די מילדע פּאַלמען פון דעם בלויען מזרח
פון וועלכן ער שטאַמט אָפּ; דער ניעמאַן טייך
איז פונקט אַזוי אים אייגן, ווי דער אַלטער נילוס;
די שניי־שטורעמס פון ברעג פון ים פון באַלטישן
פונקט ווי די וואַרעמקייט און מילדקייט פון כנרת.
ס'איז אַלץ איין וועלט און איינע און דיזעלבע מענטשן
באַשאַפן דורך איין האַנט — און דאָ די לאַנדשאַפט
פון וואונדערלעכער פלאָרידאָ, איז דאָך ניט אַנדערש
ווי די פון מזרח, וואָס פון אַלטן חומש.

די סאַגאַס, שפּרוכן און לעגענדעס פון די פעלקער
געמינצט אין סאַמע אורשפּרונג — גיבן איבער
דעם גייסטיקן מהות, פאַרקנאַטן אין די בלוטן,

די נייגונגען, דערפאַרונגען און גלוסטונגען
פון יחיד ווי פון גאַנצן כלל, פון יענעם פאָלק
וואָס האָט געשאַפן זיי. פאַראַנען ביי די אַלטע רוימער
אַ שפּרוך: „איין מענטש צום צווייטן מענטשן איז אַ וואָלף״.
דאָס הייסט: דער וואָלף ליגט איינגעפרעסן אינעם בלוט
און גאָרניט קען אים העלפן שוין. איינמאָל געבאָרן מענטש —
איז ער פאַרמשפּט שוין אויף אייביק זיין אַ וואָלף.
אַ שפּרוך אַזאַ האָט קיינמאָל ניט געקענט זיך שאַפן
ביי אונדזער פאָלק. דער יידישער באַגריף איז:
דער מענטש איז ניט פיל ווייניקער פון גאָט זיין בורא
און ס׳דאַרף דער מענטש זיך גלייכן צו זיין גאָט
אין מידות און אין מעשים. וואָרהאַפטיק
ס׳גייט אָן אַ קאַמף אָן אייביקער אין מענטשן
פון יוגנט אָן, צווישן גוטס און שלעכטס,
נאָר ס׳מוז דער מענטש דאָס שלעכטס אין זיך באַזיגן
און ס׳האַרץ דאַרף זיין געלייטערט, קלאָר.
וואָס דען, דער וואָלף
איז ריינער, שענער פון די שבטים די טעווטאָנישע
און זייערע אַרויסהעלפער: דעם בראַוון פויל,
דעם לעט און דעם ליטווינער: שכנים אונדזערע —
ער רייסט און בייסט מיט ציינער און מיט נעגל,
און טרינקט זיין קרבנס בלוט, ווייל ער איז הונגעריק,
דער וואָלף אָבער בצורת דייטש און די שאַקאַלן
האָבן געשענדט, דערגנידעריקט, פאַרשפּיגן דעם מין מענטש,
אויף וויב און קינד האָט זייער אויג זיך ניט דערבאַרעמט
און זייערע וויבער האָבן צוגעזען און שטילגעשוויגן.
און קיינע פון זיי האָט זיך ניט געשטיקט, געוואָרגן
פון שווערן און געדיכטן רויך פון מענטשנפלייש,
און קיינע פון זיי איז ניט אויפגעשפּרונגען
אין מיטן נאַכט מיט אַ געשריי וואָס רייסט אין הימלען
און ניט אַראָפּ פון זינען. נאָכדעם טוען זיי
אינאיינעם מיט די מענער זייערע, די טמאים־מערדער,
די ערלי־לב און ערלי־בשר, זונטיק גיין אין קלויסטער
מיט ישו׳ס נאָמען פון נצרת אויף די ליפּן
און ס׳טוט דער כומר פּרעפּלען פאַר זיי תהלים;

ער שפּריצט זיי אָפּ מיט הייליק וואַסער און ער גיט זיי
אַ סליחה און מחילה. נאָכן שיכרות פונעם טאָג
וועט דער רוצח אין דער פינצטערניש פון נאַכט
דערהיצן זיך און קומען אויף זיין ווייב. פון דער דערהיצונג
וועט אויף דער וועלט אַ נייער דור זיך אויסבריען:
למראת־עין — קינדער, גלייך ווי אַלע קינדער,
וואָס זויגן זייער מאַמעס ברוסטן, וויינען, שמייכלען
און ציען זיך צו ליכט און פּאַטשן מיט די הענטלעך —
נאָר טומאה איז דער שורש זייערער: די טבע
פון וואָלף און פון שאַקאַל איז זייער טבע.

איך גיי דעם וועג צוריק, ווי איך וואָלט גיין אויף קברים
און ווייס ניט, ווי זיך אויסצעהיטן, ניט פאַרשוועכן,
ניט אָנצעטרעטן אויף אַ קבר; איך געדענק
און זע מיך אין אַ כאַפּטע פון גאָטס קליינע עופהלעך
אין ערשטן פרייען טאָג פון חדר. ס'איז ל"ג בעומר:
דער הימל שטראַלט און בלענדט אין טיפער בלויקייט,
די זון ברענט הייס, מחיהדיק; און גליט מיט שפּיזלען
אין ברייטן טאָל פון ווייסלעך-געלבע זאַמדן;
אַ קליינע מחנה פון בר־כוכבא'ס העלדן
אַרויסגעלאָזן, פריי פון חדר פאַרן טאָג,
מיט שווערדן הילצערנע פון שינדלען אין די הענטלעך,
מיט היטלעך פאַרשאַרצט איבער די ברוינע שטערנס,
מיט פיס מיט באָרוועסע, פאַרברוינט אבער די קניען,
פאַרהאַרטעוועט, ווי פיס פון בושלען. ס'ליגט דער מדבר
און בריט די פּיאַטעס מיט די אָנגעגליטע זאַמדן.
(דאָס איז דער מדבר, וואו מען גראָבט אָן זאַמד אויף שבת,
און ווינטער שליטלט מען זיך פונעם באַרג אַרונטער
אין ברייטן פלאַכן טאָל; אין ווינטער אָוונטן
פאַרן געבוירנטאָג פון דעם דערלייזער — ווערט דער מדבר
באַנוצט פון שכנים אויף צו שטעכן די חזירים.
אין יענע אָוונטן פלעגט פול ווערן דאָס שטעטל
מיט גרילצנדיקע מאוימדיקע קולות,
און שפּעטער ווערט דער טאָל באַלויכטן, בלוטיק־רויט
פון ברענענדיקע קוליעס שטרוי און ס'טראָגט זיך

אין קאַלטער ווינטערדיקער לופט אַ שווערער ריח
פון צוגעזענגטע חזיר־האָר.) איצט ליגט דער מדבר
אַ ריינער, אַ געכשרטער פון יענער טומאה —
די אַדליגעס און רעגנס האָבן אָפּגעשווייגקט
דאָס טריפה בלוט; די זון האָט אָפּגעטריקנט זיינע זאַמדן.
איצט לויכטן זיי און שטראַלן געלבלעך ווייס און פינקלען,
פונקט ווי צעשטויסן גלאָז; און דאָ און דאָרט אַאַזיסן
מיט אַלע צמחים פון די זאַמדן פון דער ליטע:
די ברענענדיקע קראָפּיווע מיט שאַרפע בלעטער,
דער ביטערער פּילון מיט זיינע האַרבע ריחות
און קוסטעס קיילעכדיקע שטעכלקעס, וואָס וועלן
צוניץ קומען פאַר תשעה־באָב; מיט זיינע ברואים:
די לאַנגע שוואַרצע מורעשקעס מיט דינע טאַליעס,
מאַיאָווע זשוקעס און די קיעלעך משה רבינוס,
די זיינען טונקל־רויט און רונד ווי האַלבע אַרבעס,
און איבער אַלץ די פלאַטערדיקע זומער־פייגלעך
אין איטלעכן קאָליר.

פון מדבר ביזקל ירדן —
אַזוי פלעגן מיר אָנרופן דעם בלויען ניעמאַן —
איז בלויז אַ האָזנשפּרונג. איז אָבער דאָ אַ צרה
וואָס מען באַדאַרף זיך דורכשנייד'ן אַ געסל,
מיט גערטנער גויאישע פון בידע זייטן געסל,
באַוואַכט פון גרויסע בייזע קודלעוואַטע הינט —
איז גלייכער שוין צו בלייבן דאָ אין מדבר.
און אויפן גליענדיקן זאַמד באַווייזן זיך
די לענגלעך־קיילעכדיקע שווערע אייער
געפאַרבט אין כל־המינים שרייענדיקע פאַרבן,
וואָס מאַמעס האָבן מיטגעגעבן — פאַרבן
אַזעלכע בלענדיקע און שטראַליקע אין זונליכט.
די מייניקע — זיי זיינען גאָלדיק־ברוינע,
געקאָכט אַ צייט אין שאָלעכצן פון ציבעלעס.
דאָס אויג קען זאַט זיך גאָרניט אָנפרייען מיט זיי —
די מיילער וואָסערן, די אויגן פינקלען,
נאָר ס'איז אַ שאָד די גרויסע גוטסקייט צו צעברעכן,
וואָס ליגט פאַרשלאָסן אין די בונטע שאָלעכצן.

## קינדהייט

אַ יידיש יינגל טאָר ניט נאָכגעבן דאָס האַלדז —
איז בויט מען שטעט און מויערן פון זאַמד,
און ס'קומט נבוכדנצר, מאַכט זיי חרוב.
מ'שפּילט אין פערדלעך און אין העזעלעך —
און מחמת קיינעם ווילט זיך ניט צו זיין אַ האָז
באַדאַרף מען וואַרפן גורל, ווער ס'זאָל לויפן.
און ווי עס האָט אַ יידיש קינד אַ ברכה
אויף אַלץ וואָס ער געניסט — אַזוי אויך האָבן מיר
געהאַט אַ שפּרוך אַזאַ אויף אויסצוואַרפן גורל
און אויף אַ לשון, וואָס קיין מוטערמענטש פאַרשטייט ניט:

אַנקע, דראַנקע, דרילאַ־דרו,
פּיבער, פּאַבער, פּיבער־פּו;
אַן־דראַן, רויטער סטאַן,
ווידו, ווידו, אַן אַ קאַן;
המן הרשע האָט געוואָלט
מרדכין דערלאַנגען אַ שנעל אין נאָז —
דאָרום ביסטו איין האָז.

און אויב דער פינגער פון דעם גורל־וואַרפער
האָט אָפּגעשטעלט זיך אויף אַ יינגל פון דער שורה —
איז דאָך ניט שייך מער — פלעגט ער שוין לויפן

כ'וועל זינגען אַ געזאַנג צום רבין און זיין חדר!
אַ חדר האָט געהאַט מיין רבי אויפן שולהויף־געסל,
איז דאָס געווען אַ חדר פונקט ווי אַלע חדרים,
וואו דריי מנינים יינגלעך האָבן אויסגעלעבט
די טעג און יאָרן פון דער צאַרטער קינדהייט.
דאָס שלעכטע איז דאָך אַלעמען באַקאַנט: ווער ס'האָט
געהאַט ביי אונדז אַ האַנט האָט דאָס באַשריבן,
געשילדערט אין די שוואַרצסטע פאַרבן, און געטאַדלט
דעם חדר ווי אַ תפיסה און דעם רבין ווי אַ גזלן.
כ'וועל בעסער אומגיין אויף די קברים פונפאַרצייטן
און וואו אַ בלום באַנעצן דאָס מיט טרערן
און וואו אַ פיצל ליכט דאָס צוטוליען צום האַרצן

מיט רחמים און מיט ביינקעניש. ס'איז וואָר:
ס'איז שווער געווען פאַר די יונגע לייבער
צו זיצן איינגעבויגן איבער אַלטע ספרים —
די זון און ליכט האָבן צו זיך געצויגן,
דער וואַלד און טייך האָבן צו זיך גערופן,
געשלעפּט צו זיך מיט צוואַנגען: נאָר אַ ייִדיש ייִנגל
איז שוין פון זיין געבוירנטאָג געווען געלערנט
צו טראָגן מיט געדולד דעם גרויסן פּאַק פון מצוות
און מעשים טובים — פונקט אַזוי, ווי ס'האָט זיין טאַטע,
דער קליינער קרעמער און דער שווערער אַרבעטער,
דער שמיד, דער קצב און דער קאַלכברענער,
געלאָזט זיך שניידן ביזן ביין, און צו ראש־חודש
געשיקט דעם רבין זיין שכר־לימוד. און דער רבי —
פון זיין צד האָט געטאָן זיין אַרבעט באמונה
פון פרי־באַגינען ביז אין שפּעטן אָוונט,
אַריינצוקלאַפּן תורה אין די קליינע יידן.
געווען, וואָס זאָל מען לייקענען, די שווערע קעפּ,
וואָס האָבן ניט פאַרדייט קיין שייטל עברי.
זאָל דאָ געזאָגט ווערן זיין זכות: ער איז געווען
דער גרויסער בעל־תנ"ך און בעל־דקדוק,
האָט איינגעטייטשט מיט אונדז די סדרה פון דער וואָך
און די קאַפּיטלעך „שוואַרבע" מיט געשמאַק,
געניט און פּינקטלעך און אין פיינעם ייִדיש.
ער איז אָבער געווען דער שטרענגער מקפּיד,
געהאַלטן זיך אָן מידת־דין אין אַלע דרכים
און האָט ניט איינגעפלאַנצט קיין ליבשאַפט צו דעם לימוד
ביי די תלמידים. קען זיין, ס'איז געווען דערפאַר,
וואָס ער האָט פיינט געהאַט דאָס ביטערע מלמדות
און האָט דאָס פון די ייִנגלעך ניט געקענט באַהאַלטן.
געריסן זיך דאָס גאַנצע לעבן, ווי פון קייט,
צוויי מאָל געזוכט זיין מזל אין דעם נייעם לאַנד
און ביידע מאָל האָט ס'נייע לאַנד אים אויסגעשפּיגן.
פלעגט בין־הזמנים זיך צוריקקערן אַהיים
צו זיין חזקה, אין די אויסטערלישע בגדים
און שיך מיט ברייטע נעז און האַרטן קעסלהוט

און ס׳פלעגט דער נייער רבי מוזן אָפּטרעטן.
ערשט אין די פופציקער צום דריטן מאָל געלאָפן —
און איז געקומען אל המנוחה ואל הנחלה
אויף סינסינעטער בערג.
און דאָך זיינען געווען
מינוטן, וואָס כ׳געדענק ביז היינט מיט דאַנקבאַרקייט.
אַ פרייטיק־פרי ביים מעביר זיין די סדרה,
ווען אַלע שווערקייטן זיינען אויסגעגלעט,
און ס׳ווינקט אַ פרייער האַלבער טאָג פון פענצטער.
די גרינע פּאַלמען פון דעם ווייטן מזרח רוישן
און קלינגענדיקע קוואַלן־וואַסער ריזלען
און פאַלן אין קאַסקאַדן מיטן טראָפּ און ניגון
אין הערצער אויפגעעפנטע אין גרויסן ליכט,
פון קליינע חדר־יינגלעך. ס׳קלינגט דעם רבינס קול
באַהאַרצט און ווייך אינעם געזאַנג פון דורות —
און ס׳הערט זיך צו דאָס גאַנצע חדר מיט כוונה
און פאָלגט נאָך איטלעך וואָרט פון חומש מיט אַ פינגער,
און איטלעך יינגל פלייסט זיך אויסצוזינגען שענער,
ווען ס׳קומט זיין פסוק. און אַמאָל אפילו
אין זונפאַרגאַנג פון לאַנגן זומערדיקן טאָג,
צי אין אַ שנייאיק־ווינטערדיקן אָוונט, —
דער זינגעוודיקער ניגון, וואָס באַגלייט די ווערטער
פון שופטים און פון מלכים, שפּעטער, פון ישעיה
און פון יחזקאל, פאַלט אַריין אין הערצער,
ווי ס׳פאַלט דער קאָרן אין אַן אויפגעאַקערט פעלד.
די קליינע שטיפער פלעגן זיך פאַרגעסן שטיפן,
באַצוואונגען פונעם קלאַנג פון וואָרט און ניגון.

„ווי אַ וואָרים אינדערפינצטער, שוואַך און שטום און בלינד,
„לעבסטו אָפּ די קינדהייטס־יאָרן, יידיש קינד".
אַזוי האָט מיט אַ דורות־צוויי צוריק געזאָגט
אַ גרויסער יידישער פּאָעט. איך מיין, אַז דאָ,
האָט דער פּאָעט געצאָלט זיין צינז פון וואָרט
צום קעמפערישן דור פון דער השכלה.
געוויס זיינען די יינגלעך פון „באַבראָווי־קוט",

פון צווישן וועלכע דער פּאָעט האָט אָפּגעשטאַמט,
געווען ניט בעסער און ניט ערגער, ווי פון ליטע.
די מייניקע, די ייִנגלעך פון די חדר־יאָרן,
זיינען שוין גאָרניט שוואַך און טויב און בלינד געווען —
פאַרקערט, זיינען געווען די ריכטיקע מזיקים
און גאָר אַ סך פון זיי, גיבורים־ייִנגלעך,
„מיט רייפן אייזערנע אַרום די לענדן",
בעלנים אויף צו געבן און צו כאַפּן קלעפּ;
געבוירן אויפן טייך — געניטע שווימערס
און רודערער אין די מסוכנדיקע טשאָלנעס,
געדליבעט פון אַ דעמב. די פלינקע קלעטערן ער
אויף אַלע העכסטעביימער אין דער סביבה,
די נעסטן פון דעם וורובל און דעם שוואַלב באַרויבן
און זיך אַראָפּגליטשן פון בוים און ניט צעבראָכן
די קליינטשינקע געשפּריצטע אייעלעך.
די „שמונה־עשרה" גייער אויף די גוטע גליטשן
מיט שאַרפע אויגן און געזונטע אַפּעטיטן
וואָס האָבן נאָכאַנאַנד געפּאָרשט פאַר רויב.
ווי נאָר די פרילינג־זון פלעגט זיך צעגליען
און גראָז האָט צוגעדעקט די ערד, די סעדער
פאַרוויקלען זיך אין ווייסן און אין ראָזען בליעכץ —
פלעגט באַלד זיך אָנהייבן אַ גרויס געיעג אויף גרינסן.
פאַרדאַרט־פאַרקוואַרט אַ גאַנצן ווינטערלאַנג
אָן לעבעדיקן גרינס — האָט ס'לעכצנדיקע לייב
זיך ניט געקענט גאָר זעטיקן מיט גרינעם חיות:
צוערשט די רויטע צנועהדיקע פּאָזימקעס
וואָס וואַקסן אויף די בערג, די גרינע שטשאַוו,
די ערשטע פרוכטן פון די מאַמעס גערטלעך:
די גרינע שאַרפע ציבעלעס מיט די „סטאַבונעס",
די רויטע ריבנס און די זיסע מערלעך,
אַרויסגעצויגן פון דער ווייכער ערד און אָפּגעווישט
אָן פּאָלע פונעם רעקל. נאָך אַביסל שפּעטער
פלעגן מיר זיך אויסשפּרייטן איבער די פעלדער
און ברעגנען פולע בוזעמער מיט אַרבעסשויטן,
וואָס האָבן אַזש געפידלט ווי די פידעלעך.

(ס׳איז וואָר, ניט תמיד איז עס אָפּגעגאַנגען גלאַטיק,
ס׳האָט זיך געטראָפן אין אַ בייזער שעה, דער נגזל
פּלעגט פּאַקן איינעם אַ שלימזל ביי דער אַרבעט —
דאַרף גיין דערנאָך די מאַמע פּונעם „רויבער"
זיין היטל אויסלייזן, דערצו נאָך האָט זי צוגעשטעלט
אַ ביינקל פאַרן רבין — נאָר ס׳איז ווערט געווען,
ווער קוקט זיך אום אויף דעם?) אַ הויפן רויע זאַנגען
איז אויך ניט שלעכט: מ׳מאַכט אַ פּייערל פון שפּענדלעך,
מ׳בראָט זיי אָפּ, און ס׳האָט דעם צוגעברענטן טעם
פון „קלי", וואָס אין חומש. אין די וועלדלעך,
פּונקט אויפן באַרג, האָבן מיר אַנדעקט אַן אוצר
פון קוסטעס מאַלינעס און גרינע אַגרעסן —
ס׳איז וואָר, ווי עסיק זויער איז דער האַרטער אַגרעס,
די מאַלינע איז דאַר און קוואַר און ביטער;
שייגאָצים־פּאַסטעכער האָבן געפּעדערט זיך
די גוטע אָפּצעקלייבן — און פונדעסטוועגן,
איז ניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט אויף דעם,
אַ דאַנק דערפאַר. גאָר שפּעטער זיינען אויפגעקומען
די אמתדיקע פּירות פון די גרויסע סעדער.
די —האָט מען ניט געקענט שוין זוכה זיין פון הפקר
נאָר מחמת זייער זול פּלעגן די מאַמעס קויפן
און מיטגעבן דער חברה אינעם חדר.
אַנטאָנאָווקעס מיט רויטע ברענענדיקע באַקן
מיט זויערזיסע זאַפטן אָנגעגאָסן,
ציטרינקעס גרינע, האַרטע און קאָמפּאַקטע
און גרויסע געלע עפּל, זיס און שמעקעדיק.
היינט באַרן — ס׳איז געווען איין מין פון אַלע באַרן
וואָס דאַרף און מוז דערמאָנט ווערן צום גוטן:
דאָס איז געווען אַ באַר אַ קיילעכדיקע, רונדע,
אַ באַלעגופיכע, אַ שווערע אויף איר שטענגל
און אָנגעפּאַקט מיט אַלע זיסקייטן פון טוי,
פון זאַפטן פון דער ערד און גלוט פון זונשטראַל.
די באַר פּלעגט זיך פאַררויטלען אין איר גרינקייט
און שפּאַלטן זיך פון צופיל זיסקייט; שווערע בינען
פּלעגן ניט אָפּטרעטן פון איר און זשומען, זשומען

אַ גאָלדענעם געזאַנג צו איר און צו איר האָניק,
ווען זי פּלעגט זיצן אויף איר צווייג — די סאַפּעזשאַנקע,
האָט מען גערופן זי. נאָר בעסער איז צו טרייסלען
די ווילדע עפּלביימער און די באַרנביימער,
וואָס זיינען הפקר און געהערן ניט צו קיינעם;
זיך אָנשיטן די פולע בוזימס קאַרליק־עפּעלעך
און קאַרליק־באַרעלעך, זיי טראָגן אויפן בוידעם
צו לאַגערן אין שטרוי. די גויים פלעגן אָנרייצן
אויף אונדז די בייזע הונגעריקע כאַרטן
און אָנלויפן אויף אונדז מיט סוויסטשנדיקע בייטשן,
ווי צו אַ פייער. כ'האָב געזען דאָס רשעות,
די טעמפּע גויישע רציחה אינעם „פינפטן” יאָר,
ווען איינער אַ בעל־גוף האָט אין זיין שטאָל
געפּאַקט אַ גנב. מ'האָט אין מיטן מאַרק
געבראַכט דעם גנב אַ געפּענטעטן מיט שטריק,
די הענט פאַרדרייט אויף הינטן און אַ רעדל גויים,
מיט גראָבע שטעקנס און דובינעס אין די הענט,
זיי האָבן אים געטאָן זיין רעכט. צוערשט — געשריגען,
געפאַלן אויף די קני און יעזוסן גערופן,
נאָר די דובינעס האָבן זיך צו דעם ניט צוגעהערט.
זיי האָבן זיך געהויבן רואיק, בלוט־געפאַרבן
און זיך אַראָפּגעלאָזט מיט טעמפּע נאַסע קלעפּ,
אַרויף־אַראָפּ, אַרויף־אַראָפּ, אויף עפּעס,
וואָס האָט שוין ניט געהאַט קיין צלם־מענטש.
און נאָך אַ בילד פון יענע ערשטע קינדער־יאָרן:
אַ זומערדיקער ליכטיקער פרימאָרגן,
דער טוי איז נאָך ניט אויסגעטרינקט פון די גרעזער,
מיר, חדר־יינגלעך, מיט די נאַסע פּאָותלעך
און פרישע אויגן שפּילן זיך ביים חדר
און וואַרטן אויפן רבין. מיטאַמאָל דערטראָגט זיך
אַ מוראדיק געשריי און אַ געסוויסטש פון בייטשן,
וואָס קומט פון הינטערפלויט פון גויאיש געסל.
און דורך די שפּאַלטן: שטייט אַ פלאַכער וואָגן
און אויפן וואָגן ליגן צוגעבונדן צוויי:
אַ יונגער שייגעץ אין זיין לייוונט־העמד און הויזן

און ביי דער זייט — אַ ליטווישע אַ יונגע גויה
אין בלויזן העמד, און מיט די פּנימער אַרונטער,
פוןביידע זייטן וואָגן שטייען צו צווי גויים
מיט לאַנגע כוואָסטשנדיקע בייטשן אין די הענט —
און ס׳שטייט דער מאַן און דיריגירט מיט דער קאַפּעליע.
צוויי קליינע עופה׳לעך מיט ווייסע קעפּלעך,
זיי דרייען זיך אַרום צווישן קני און קלומפּעס
פון מאַן און פון די שלעגער, שרייען, רעווען,
און העלפן מיט אין כאָר מיט יאָמערדיקע קולות —
און ס׳שניידן זיך די בייטשן מיט רציחה
אַריין אין יונגע לייבער. אַנגעלאָפן קישקעס.
די העמדער און די הויזן אויף די לייבער בלוטן
און זיי, די גויים, האַלטן אַלץ אין כוואָסטשן,
ביז סוף־כל־סוף, איז דער בן־גוזה זיך מרחם
און הייסט זיך אָפּשטעלן. מ׳בינדט זי אָפּ פון וואָגן,
זי קריכט אויף אַלע פיר, ווי אַ צעפּאַסקעוועטע חיה,
און קושט די פיס די באָרוועסע און קושט די קלומפּעס
פון כאַם, איר מאַן. דער שייגעץ אויפן וואָגן
ווערט אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער —
און קריכט אַוועק צו זיך.

אַלץ, וואָס ס׳איז דאָ אין ים
איז דאָ אויף דער יבשה, אַלץ וואָס ביי די גרויסע
איז דאָ שוין ביי די קליינע אויך. געווען ביי אונדז
די פולע אויסשטאַטונג פון די „ארבעה בנים״
פון דער הגדה, מיט פאַרשאַרפטע שטריכן.
די ברייטע האַנט, דער קמצן און דער כאַפּער,
דער קרומער קאָפּ, דער איינגעשפּאַרטער עקשן,
דער שווערער לאַסטטרעגער און פלינקער מוח,
דער שטילער און דער גוטער. ס׳יינגל וועמעס הענט
האָבן געקלעפּט צו יעדער מלאכה: גיסן דריידלעך,
אַ גראַגער אויסשניצן לכבוד פּורים,
אַ פיינעם אויסגעטאָקטן שווערדל אויף ל״ג בעומר,
און פלעכטלעך קוניציקע פאַר די לולבים —
און דער לא־יוצלח מיט די טעמפּע פינגער.

דער סוהר דער געבאָרענער פון מאַמעס לייב,
וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט געגאַרט אין חשבון
און אַלעמאָל אַרויסגעקומען דער פאַרדינער
אין ייִנגלשע מסחרים אינעם חדר.
געווען די שווערע קעפּ פון עכטן פּימסנהאָלץ,
„די סימבערוקעס און בייסטרוקעס און כאַמוקעס",
ווי ס'פלעגט דער רבי רופן זיי צום גראַם.
די אַלע קליינע וועלטן האָבן זיך געדרענגט,
געפּאַמפּערט און געשטויסן אין די ענגע ווענט
פון חדר אויפן שולהויף.
ווען די נשמה
פלעגט ווערן וויסט און מיד און אויסגעוועפּט —
פלעגט אונטערקומען באַלד אַ שטיקל יום־טוב:
די פריידיקע און ליבע האַלבע טעג
פון קליינע ימים־טובים און ראש־חודשן,
און טעג וואָס זיינען כלל ניטאָ אין לוח.
אַ שטייגער, עס פלעגט אָנפאָרן אַמאָל דער פּריסטאַוו
און ס'לאָזט דער רבי באַלד פאַנאַנדער חדר
אינמיטן האַרבן דאָנערשטיקן טאָג. דער אָדון,
אַ דיקער, אַ געפּאַקטער אין די בגדי־שרד,
קומט אָן צופאָרן מיט זיין ברייטער געלער באָרד
צעקעמט אויף ביידע זייטן פון זיין רויטן פּרצוף
און מיט דער אויסגעגאָלטער מאָרדע אינדערמיטן.
ער האָט געהאַט ביז גאָר אַ וואַזשנע הדרת־פּנים —
און מחמת ער האָט ליב געהאַט צו פאָרן
מיט גלעקלעך אין געשפּאַן פון געלן פערדל
האָט מען געקענט דערהערן אים פונווייטן:
דער אדון קומט! און אויס מיט חדר פאַרן טאָג.
היינט וואו זיינען די גרויסע טעג פון בין־הזמנים,
וואָס פאַרן יום־טוב און פונצווישן יום־טוב —
דער ערב־פּסח מיט די היימישע פּאַדראַטן:
דער רויט־צעגליטער טיפער אויוון מיט די מצות,
דער קלאַפּ פון וואַלגערהעלצער אָן די פרישע ברעטער,
דאָס רעדלען פון די רעדלעך אָן די בלעכן —

מיטן געשמאַקן ריח פון די צוגעברוינטע מצות
און קילקייט פון דער פרישער טייג פון מיירעס,
פאַרטיילט אין טייגלעך צו פאַרפוצטע וועלגערינס.
דערנאָך, דאָס ליגן גאַנצע טעג ביים אַלטן שניידער,
וואָס האָט געניית פאַר אונדז די יומטובדיקע בגדים:
ר׳ איסר האָט מען אים גערופן, מיט די רעמלעך
פון ברילן בלעכענע, אָן גלעזלעך, אויף די אויגן,
צי גאָר אַרויפגערוקט איבערן הויכן שטערן.
זיצט אויפן טיש אין יאַרמולקע און אַרבע־כנפות,
מיט פיס פאַרלעגטע אונטער זיך און האַלט אין נייען
און הערט נישט אויף אונדז צו דערציילן מעשות.
ער האָט געהאַט אַ שלל מיט מעשות צו דערציילן,
פון שדים און פון רוחות און פון וואָלקולאַקעס
(די שדים זיינע זיינען געווען גאַנץ וואוילע שדים,
זיי פלעגן ליב האָבן צו זיצן אויף אַ קוימען
און רויכערן אַ ליולקע, אָפטאָן קליינע שפּיצלעך,
און אָפט געטאָן אַפילו עמיצן אַ טובה)
און סתם מיט שכלדיקע שפּילערייען און משלים,
מיט וואָס צו שאַרפן אונדזער מוח. אדרבה, טרעפט:
אַ פויער פירט זיך מיט אַ וואָלף, אַ ציג און קעפּלקרויט
און דאַרף אַריבערגיין אַ טייך — נאָר מער ווי איינס
קען ס׳קליינע שיפל נישט אַריבערנעמען מיטאַמאָל —
ווי זאָל דער פויער נוהג זיין זיך, אַז דער וואָלף
זאָל נישט די ציג פאַרצוקן, און די ציג
זאָל ס׳קעפּל קרויט נישט אויפפרעסן? ער נעמט דאָס קרייטל —
און אויפן טיש אַ שטריך אַהער, אַ שטריך אַהין
און אָט האָט איר דאָס רעטעניש ווי לעבעדיק.
ער האָט הנאה, נעמט צוריק זיך צו דער אַרבעט
און נייט דאָס בגד.

שטייען אויף פאַר מיר
די קינדערשע, די ליבע, פריידיקע יום־טובים
אין זייער פולן חן און ליכטיקייט און וואונדער
און איטלעך איינער מיט זיין קלאַנג און פאַרב און ריח.

די ערב-פּסחדיקע זון און די לבנהדיקע נאַכט
פון ערשטן סדר, מיט מיין כוס פון רויטן גלאָז,
וואָס האָט געשפּיגלט זיך אין שיין פון ליכט און לאָמפּן,
די רויטע קאַראַפין מיט ווייַן פאַר אַרבע כוסות
און קערה מיטו מרור און חרוסת, מיטן גערגעלע —
און ניגון פון הגדה און פון שיר־השירים.
דער גרינער יום-טוב שבועות מיט זיין ליכט און שיינקייט
מיט בליענדיקן בעז און יעגלע־צווייגן
מיט מילכיקן געבעקס און מיט ציקאָריע,
און מיטן ניגון פון אקדמות און פון רות.
דער סוכות מיט זיין רוישנדיקן גרינעם לולב
און שאַרפן ריח פון דעם גרינלעך־געלבן אתרוג
און מיטן ניגון דעם עלעגישן פון בוך קהלת.
די פרייד פון יינגל ביי דעם אויפשטעלן די סוכה,
ביים צודעקן די ערד מיט פרישן געלן זאַמד,
און אויפהענגען אונטערן גרינעם סכך
די רויטע עפּל און די געלע באַרן.
אין וואַלד ביי אונדז זיינען געוואַקסן ביימלעך,
וואָס פלעגן ביים סוף זומער זיך באַדעקן
מיט קליינע פרוכטן, טונקל־רויט, מיט האַרטן שאָלעכץ,
ווי גרויסע לענגלעכע קאַרעלן — באַלבאַרעסן —
זיי אָנגערייט אין לאַנגע רויטע קייטן
און זיי באַהאַנגען אויף די ווענט פון סוכה.

...דער טאָג איז איינגעוואַרעמט, בליצט. דער אינדיאַנער טייך
אַן אויפגעאַקערטער פון פלאַטערדיקע ווינטלעך,
איז לויטער שיין און שטראַל. זיין גאַנצע אויבערפלאַך
שפּריצט שימערדיק פון אונטן און אַרויפצו
מיט רעגנס גאָלד. פאַראַן אַ שכר און אַ באַלוינונג,
פאַראַן פאַרגיטיקונג. אין אָט דער שעה
פאַר אַלע ווייטיקן פון גוף און פון נשמה,
און פאַר די אַלע וואונדן איינגעקאַרבט אין לייב
פון מאָגערער און קאַרגער האַנט פון לעבן
ביז טיף אינעם געביין. איך זע מיך ווידער קינד
און ווידער אויף די ברעגעס פונעם וויטן טייך

פון שטיפמאַמע, פון ליטע. חול-המועד סוכות:
און כ'האָב מיך נעכטן איינגעבעטן ביי דעם שמש,
אַ ייד אַ גבר, אין זיינע אַכציקער,
צו גיין מיט אים און העלפן אָנשניידן הושענות.
ס'שטייט דער באַגינען איינגעוויקעט אין ווייסע נעפּלען
און קענסט נישט זען צווי טריט פאָראויס: מיר גייען
אַרויפצו פונעם שטראָם, צו מזרח. ס'קלינגען
די נישט געזעענע כוואַליעס אָן דעם ברעג
און שטיינדלעך שפּריצן אָפּ אונטער די שטיוול,
און סטאַיעס ווילדע ענטלעך, נישט געזעענע,
זיי פליען נידעריק איבערן טייך און פּילדערן
און פלוידערן. מיר קומען ענדלעך צו צום פּלאַץ:
אַ קלומבע ווערבעס שטייט פאַרטיפט איבערן וואַסער,
רירסט אָן אַ צווייג — ווערסטו איבגאָנצן אָפּגעשפּריצט
מיט קאַלטע שווערע טראָפּנס. ס'זינגט דער אַלטער
די שטיקלעך סליחות אויף זיין הייזעריקן קול
ביים שניידן די הושענות, וואַרעמט איין זיך,
און ס'וואַקסט דער באַרג הושענות אויף זיין בגד.
די ענטלעך שרייען. און דערווייל, אַזוי פּאַוואָליע,
הייבט אָן די זון זיך שפּאַרן דורך די נעפּלען:
צוערשט — אַ סימן נאָר, אַז ס'איז פאַראַן אַ הימל,
אַ גרויסער קנאָפּ וואָס שפּאַרט זיך אין דער בלייכער ווייסקייט
און נעפּלען נעמען זיך אַלץ שנעלער אויפוויקלען,
אַ נעפּל פון אַ נעפּל; עס באַווייזן זיך
פאַרטיפטע בלויע פּאַסן הימל; פּלוצים, זע:
אַ גרויסע זון אַ העלע האָט זיך דורכגעריסן
און שמייכלט ליכטיק אויפן כמאַרנעם שווערן טייך
און אויפן גרויען סאָסנע-וואַלד אַנטקעגן איבער
און אויפן בערגל גרינע טויאיקע הושענות.
דער אַלטער הויבט צום הימל אויף ס'פאַרברוינטע פּנים,
אין ראָם פון ווייסער באָרד און פּאות אויפגעלויכטן:
„ס'וועט זיין — זאָגט ער צו מיר — אַ שיינער יום-טוב,
אַ לויב דעם אויבערשטן...”

# י י ד ן

...שטייט אויף פון אייביקער פון גרויסער שטילקייט
איר, מתים, פון דער ערד! — ווי אין יחזקאלס זעאונג
ציט אָן אויף די צעבראָכענע פאַרברענטע ביינער
אַ גאַנצע הויט! צירט אויס זיך אין די בערד,
די שוואַרצע און די ברוינע און די בלאָנדע בערד!
די זקנים — אין דער פראַכט פון זילבער־גרויקייט,
וואָס ציטערט אויפן ווינט און איבער די גמרות,
מיט געלע ספרי־תורה צוגעדריקט צום האַרצן
אין ציטערדיקע הענט; די ווייבער — אויסגעצירט
אין טערקישע פאַטשיילעס מיט די פאַסן,
די אָרעמע תכשיטים אויף די העלדזער
און מיט די „קרבן־מנחהס" אין די הענט;
די מיידלעך — יום־טובדיק פאַרפוצט אין ווייסן,
מיט רויטע און מיט בלויע שטיינגעס אין די לאָקן,
ווי צו אַ חתונה, אויפגעלעבט און רירעוודיק;
די קליינע שיינע קינדער און די עופהלעך —
געוואַשן און געצוואָגן און געגרייט צום יום־טוב.
זאָל ליכט זיך אָנצינדן אין פוסטע אויגנלעכער
און ברענען אינעם פלאַם! און זע, אַ גרויסע מחנה,
מיט יונג און אַלט ,מיט גרויס און קליין — אַ שבט,
אַן אַלטער גרויסער שבט האָט זיך אויפגעשטעלט —
געשטעלט זיך אויף די פיס! דאָס גייט איר צו הקפות
אין נאַכט פון שמחת־תורה פונעם חודש תשרי
פון ניינצן צוויי און פערציק. ס'ברענט דער הימל
אין בראַנד פון שולן הילצערנע און הייזער
פון אָרעמער, פון דורות־יידישער סלאַבאָדקע,
וואָס זיצט ביי דער ווילִיע. פלאַמען זעצן

און שפּאַרן לאַװוּס־פּייער אין דעם שוואַרצן הימל.
די גלעקלעך פון די ספרי־תורה קלינגען,
נאָר װערן אין דעם רעש פאַרטױבט. אַ גאַנצער שבט,
צען טױזנט שטאַרק, גייט אױף אין דער עקדה
אין פלאַם און רױך. און צװישן זיי דערקען איך
די אַלע יידן פון דער עדה פון מײַן שטעטל:
די האַנט די בלוטיקע האָט זיי צונױפגעיאָגט
אַהער, צום לעצטן טאַנץ: די זיידעס און די טאַטעס,
מיט זין און טעכטער, קיינעם נישט געמינערט
און קיינעם נישט פאַרפעלט. (אַ חוץ אָט יענע,
װאָס האָבן זיך געראַטעװעט, װי איך און איר,
אַליין נישט װיסנדיק, מיט יאָרן פריער)
אָט זיינען זיי, װי איך האָב זיי געקענט אַמאָל:
דער סטאָליער און דער שלאָסער און דער מוליער,
דער קרעמער און דער גערטנער און סאַדאָװניק,
דער גאַרבער און דער גלעזער און דער רימער —
די האָרעפּאַשנע יידן פון די ברעגעס טײַכן,
קאָנזשאַרטניקעס, װאָס מיען זיך ביי פּליטן,
ביי סמאָלע און שװאַרצוגעס, מיט פאַרברױנטע פּנימער
פון זון און װינט, מיט אָפּגעברענטע בערד,
מיט תמימותדיקער אָפנקייט און ריינע אױגן,
װאָס פלעגן אָנפילן די שולן פרייטיק־נאַכט
מיט אײַנגעהאַלטענער, מיט שטילער פרייד —
און אינדערװאָכן, אין די שװאַרצע װינטערנעכט,
נאָך מעריב, בלייבן אין בית־מדרש לערנען:
דער למדן — ביי אַ בלאַט גמרא מיטן תוספות,
דער פּועל — ביים „עין־יעקב" און די ספרי־מוסר.
אין שול איז ליכטיק, יום־טוב אין אַ מיטן װאָך:
עס רױשט פון אומעטום מיט אַלטער חכמה
און ס'קרײַזלט זיך דער רױך פון פּאַפּיראָס און פּאַיקע
און שװימט איבער די קעפּ. נאָר איצטער שטייען זיי
באַלױכטן בלוטיק־רױט אין העליש פייער:
דער רב, דער האַרציקער בעל־תפילה און דער שוחט,
דער ראש־ישיבה מיט די בחורים די לערנער,
די גרױע זקנים מיט די װייסע בערד און פּיאות,

די יונגעלייט, דער אָפּשפּאָר פון די אַלטע,
די מיידלעך, צוקונפטיקע מאַמעס פון אַ פאָלק,
אין בלום און האָפנונג — אַלע, אַלע שטייען גרייט
אין פלאַם און רויך. דורך בבל און דורך רוים,
דורך אַזיע און דורך אַפריקע, דורך אַלע גיהנומס,
און דורכן טאָל פון טויט פון גאַנץ אייראָפּע:
דורך שפּאַניע און גערמאַניע און די אַנדערע —
האָט ענדלעך זיי די האַנט צונויפגעיאָגט, דערגרייכט,
דאָ, אויף די ברעגעס פון ווילדע פון דער בלויער
און רויטן ליכט פון ברענענדיקע שולן
און מוסר־שטיבער — ס׳גאַנצע לעבן פון אַ פאָלק
גייט אויף אין בראַנד. און צווישן זיי דערקען איך
די לויטערע, די ליכטיקע געשטאַלט פון איר,
פון איר, מיין שוועסטער און באַגלייטערין פון קינדהייט,
ווי איך געדיינק זי אין איר ווייסן חופּה־קלייד
און ווייסן שלייער און פון אַלטן שולהויף.
דאָס איז ליגט אויף דער ערד נאָך און אין לופט איז פרילינג,
די שטערן פינקלען פרייידיק אינעם שוואַרצן הימל,
און ווייפל ווייבער — פונקט אַזויפיל פלעמלעך.
און כ׳הער דעם טאָטנס האַרציקן און שטילן קול,
וואָס ברעכט זיך ביי זיין לייענען איר כתובה,
דעם אַלטן אַראַמעאיש־דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון בבל;
און כ׳זע דער מאַמען אין איר שוואַרצן אַטלעסקלייד,
אַ טאַנצנדיקע מיטן שטריצל אין די הענט.
די פידלען וויינען, די באַנדוריי בועט,
און דער פייפיאַל רופט האָפערדיק אין פרילינגנאַכט
און רופט אַרויס אַן עכאָ פון די ווייטע וועלדער —
אויך זי, אויך זי, איז דאָ אַצינד אויף דער ווילדע,
צענויפגעפּרעסט דאָ צווישן עולם־יידן —
אַליין, אָן אונטערפירער, איז זי איצט געקומען,
נאָר כ׳זע זי אינעם ווייסן חופּה־קלייד, ווי דעמאָלט,
די שוואַרצע אויגן באָדן זיך אין טוי, ווי דעמאָלט,
נאָר ס׳איז ניטאָ קיין טאַטע און קיין מאַמע.
אַליין אַ מאַמע — טוליען זיך צו איר די קינדער
אין לעצטן ציטער... ס׳שפּילן נישט קיין פידלען —

עס פייקלען אָבער פייערדיק מאַשין־ביקסן
און ס'גייט דער פלאַם אויף צונעם האַרץ פון הימל
און וואַרפט אַ מוראַדיקן רויטן אָפּגלאַנץ
אויף מיילן ווייט: צו מזרח, מערב, צפון, דרום —
צו מזרח־צפון זייט, איבער דעם גרינעם באַרג
און אויף דעם דורות־אַלטן יידישן בית־עלמין,
וואָס ליגט און רוט אין שאָטן פון די ווערבעס;
אַביסל מער צו רעכטס — דער טאָל פון דעמבעס,
פון פוילנס נביא און מקונן, פון מיצקעוויטש,
וואו דער פּאָעט פלעגט קומען אויסגיסן זיין האַרץ:
פאַרטראַכט און אויסגעחלומט דאָרט זיין „פּאַן טאַדעאוש"
און די געשטאַלט פון יידן זיינעם, יאַנקעל;
אין מזרח-דרום ווינקל — פאַלט די שרפה
אויף פעטראַשון, מיין היים, דער חרובער, פאַרשניטענער,
און אויף וויטשון, דעם דאָרף, וואו ס'פלעגט דער אַלטער רב,
דער גאון פון זיין דור, ר' יצחק אלחנן,
דאָרט קומען אין די זומער־מאָנאַטן אויף דאַטשע;
צו מערב — אויף די יידישע געוועזענע קהלות
אויףביידע זייטן פונעם ניעמאַן — אויף די קהילות
פון סרעדניק און ווילקי, ווילאָן, גודלעווע;
און פונקט אַנטקעגן דעם סלאָבאָדקער ברעג,
אַריבער קאָוונער אַלטשטאָט און דעם ניעמאַן —
די הויכע גרינע אַלעקסאָטער בערג, צו דרום,
וואו ס'האָט אַברהם מאַפּו, איבער הונדערט יאָר צוריק,
געשריבן זיין „אהבת־ציון" און זיין „אשמת־שומרון";
נישט ער, דער זעער־קינד, און ניט דער פוילישער פּאָעט
פון טאָל פון דעמבעס, האָבן נישט פאָראויסגעזען,
אַז מוראַדיקער, גרעסער, וועט די „אשמת־ליטע" זיין
פון „אשמת-שומרון", און אַז „אשמת-פוילין"
איז גיהנומדיקער נאָך פון סדום און פון עמורה
און שרייט צום הימל. די — די שכנים אונדזערע
פון דורות און פון דורות, זיינען געשטאַנען
מיט טעמפּע אויגן און מיט צלמים אויף די הערצער
פון צווייטער זייט, מחוץ פון פייערדיקן צירקל,
און זיך די הענט געוואַרעמט אין דער קילער נאַכט —

געשטאַנען אויפן בלוט. און ס'האָט די גאַנצע וועלט,
די גרויסע קיילעכדיקע וועלט, פון עק ביז עק,
געזען דעם בראַנד, געהערט דאָס מוראדיק געשריי:
עס האָט געזען דעם בראַנד דאָס קאַפּיטאָליום
פון מעכטיקער קאָלאָמביאַ; אין דאַונינג־סטריט —
דער אַלץ־פאַרצוקנדיקער לייב פון אַלביאָן
און דער פאַרבאַנד פון פעלקער אינעם קרעמלין —
און שאַ און שטיל — ווי קיינמאָל נישט געוועזן.
אָ מענטשלעכע געפאַלנקייט און בלוטיקייט
ביז אין דער שאול־תחתיה! "כוס דו ביטערער,
האַלט אָפּ, האַלט אָפּ אַ רגע, ווייל מייז האַרץ
און מיין נשמה זיינען פול מיט דיינע ביטערנישן" —
אַזוי האָט מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק געזאָגט
דער זיסער זינגער פון ישראל — ווען ער האָט
געזען דאָס פייער און דעם בראַנד פון אַליסאַנא —
אָ וואָס, אוי וואָס, וואָלט ער געזאָגט אַצינד?
ער וואָלט אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ אין אַש,
אין אַש און שטויב און בלינד און טויב געוואָרן!

אָ, שאָטנס טרייע, הייליקע, געלייטערטע —
אַז וואויל צו די, וואָס האָבן אין דער רעכטער צייט
זיך אָפּגעזעגנט מיטן טאָל דעם בלוטיקן,
וואָס רופט זיך: וועלט. דאָס ערדישע פון אייך,
פאַרוויקלט אין טליתים און אין קיטלען
אויף בית־הקברותן פון קאָוונע און פון ריגע —
ליגט שטיל און גליווערט ביז אין סוף פון טעג.
אין ווינטער — צוגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער
פון פרישן קלאָרן שניי און זומער — איינגעהילט
אין הויכע גרינע גראָזן און ראָמאַשקעס,
אין וויכן שאָטן פון די ווייַנענדיקע ווערבעס.
עס צוויטשערן די פייגלען אין די צווייגן
אין אייביקן אין שטילן חלום פון דער ערד
און ליכט און שאָטן מיניען זיך אין שטילקייט,
אין רו און פרידן: איינס פאַר אַלעמאָל
באַפרייט פון לעבן און פון מורא פאַרן לעבן,

נאָך ערגער פונעם טויט. נאָר ווי און ווינד
צו די וואָס האָבן זייער טויט געטראָפן
פון טעמפּער האַנט פון דייטשישן רוצחים־פאָלק!
זאָל ס׳בלוט ניט שטילן ביז אין אייביקייט אַריין,
אויף זיי און אַלע זיינע דורות זאָל עס פאַלן,
אויף די געבוירענע און די נאָך ניט געבוירענע,
אויף אייביק און אויף אייביק. גיב זיי, גאָט —
וואָס זאָלסטו געבן זיי? — גיב זיי פאַרוועלקטע ברוסטן,
און שויס, וואָס וואַרפט אַרויס פון זיך דעם זאָמען.
ווער ס׳וועט פאַרבייגיין זיי, דעם פאָלק פון טמאים,
זאָל שמוצערן אויף זיי מיט זיינע ליפּן
און אָפּקערן זיין פּנים מיט אַ שפּיי און עקל!

דער בלוטיקער, דער אייביקער, דער גרויסער קאַמף,
וואָס ברענט צווישן עמלק און דעם פאָלק ישראל —
דער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דעם מדבר,
אין נעפּל פון באַרג־סיני, צווישן בליץ און דונער
ביים שבט פון די עברים, ביי זיין סאַמע ווערן —
האַלט אָן ביז היינט. ס׳האָט דער געזעצגעבער,
דער מאַן, וואָס האָט אָן וואָלקנס אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ,
פאַרזאָגט איינמאָל און נאָכאַמאָל: „זאָלסט אָפּמעקן
דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל —
זאָלסט נישט פאַרגעסן!״ — אָבער, ווי צו אונדז,
פאַרגעסן אונדז צו געבן דאָס געווער אין האַנט:
מיר זיינען אַלעמאָל אַרויס פון דעם נישט־גלייכן קאַמף —
דער קאַמף פון בוך און גייסט מיט דער דובינע, —
מיט הענט איבער די קעפּ. דורך אַלע דורות
פון דאַן ביז היינט, האָט אונדז עמלק נאָכגעיאָגט,
געריסן אונדזער לייב און אונדזער בלוט געטרונקען.
און איטלעך מאָל אין אַנדער אויסזען זיך פאַרקליידט:
אַמאָל, אַ בעדער־יונג, אַ קאַנצלער פון אַלט־פּרס,
אַמאָל, אין טראַכט אין רוימישן מיט שווערד און קיווער,
אַמאָל, אין הויכער שוואַרצער מיץ פון פרומען צלם
מיט גוטע רייד, פון מויל וואָס טריפט מיט האָניק,
אַמאָל אין חזיר־קיילער רינדפלייש מיט זיין האַק,

און אַנדערע, און אַנדערע — ווער קען זיי ציילן?
און איצט, אין אונדזער צייט און פֿאַר די אויגן
אין עפּילעפּטיקער און דעם רוצח שבת־גוי —
און וואו דער אָפּשטעל, וואו דער סוף פֿון זעאונג?

אָט שטייען זיי פֿאַר מיר: אַ פֿאָלק פֿון קדושים,
ווי איך האָב זיי געזען אַמאָל, אַמאָל
מיט פֿרישע אויגן פֿון אַ קליין אַ יידיש יינגל,
וואָס לויפֿט באַגינען פֿון אַ ווינטער־טאָג צום דאַוונען.
ס'איז נישט קיין פּראָסטער טאָג — ס'איז היינט אַ תענית,
דער תענית פֿון דעם צענטן טאָג אין טבת.
אינדרויסן איז נאָך פֿינצטער, ס'דרייט אַ שטורעם,
און פֿרישער שניי איז אָנגעהורבעט ביזן גאַרטל —
דערפֿאַר אָבער איז אינווייניק אין גרויסער שול
צעבליצט און ליכטיק, אויסגעהייצט דער אויוון,
און יידן אין טליתים און אין תפֿילין דאַוונען.
דאָס גאַנצע שטעטל יידן שטייט און דאַוונט,
און דאָס געוויין פֿון האַרציקן רעציטאַטיוו
פֿון סליחות און „עננו'ס" צופּט ביים האַרצן.
דער בעל־תּפֿילה מיטן טלית איבערן קאָפּ
צעגיסט זיך מיט התלהבות אין געוויין —
און ס'ענטפֿערט אָפּ דער דאַוונענדיקער עולם.
איך בין נאָך קליין געווען, די ווערטער קוים פֿאַרשטאַנען —
נאָר כ'האָב געשפּירט בחוש דעם גרויסן יאָמער
און גאָר די לייד, וואָס זיינען אָנגעזאַפּט
אין אָט די דורכגעוויינטע פּלעקן פֿון סדורים;
געפֿילט אין בלוט דעם גאַנצן אונטערשייד
אָט צווישן די, מיט די טליתים און די תפֿילין,
און צווישן יענע, מיט די סערמיגעס און לאַפּטשעס —
אַזוי ווי כ'האָב שוין לאַנג געוואוסט דעם אונטערשייד
צווישן מיר און די שייגאָצים פֿון מיין עלטער,
די שקצים מיט די בייטשן און די בייזע הינט.

אָ, יידן אין טליתים און אין תפֿילין!
אַ ייד, וואָס האָט מיטן „של־ראש" באַקרוינט זיין קאָפּ,

מיט „שמע־ישראל" איינגעכתיבה'ט אינעם פאַרמעט —
האָט איינגעשפּאַנט זיין קאָפּ און זיין מחשבה
אין מענטשלעכקייט און געטלעכקייט; מיטן „של־יד"
פון אויבן ביז אַרונטער האַנט, ביז שפּיצן פינגער,
אַרומגעוויקלט די רצועה זיבן מאָל
אין זיבן רינגען, אין דער צאָל געהייליקטער,
אַרונטער ביז דער האַנטפלאַך מיט די פינגער,
וואָס זוכן צו פאַרכאַפּן אַלץ; און אויף דער האַנטפלאַך
דריי פאַסן פון רצועה מיטן צייכן „שין"
פון נאָמען „שדי"; אויפן לענגסטן פינגער —
דער צייכן „יוד" פון שם־הויה; און דער גוף
פאַרוויקלט אין דעם טלית מיט די בלויע פאַסן —
האָט אָפּגעצאַמט זיך און פאַרפאַנצערט אין דער שעה
פון בייז פון דרויסנדיקער וועלט — אינגאַנצן „קודש"
און קודש איז געווען דאָס ביסל בראָנפן
און שטיקל אייערקיכל צום פאַרבייסן,
וואָס פלעגן זיך אַמאָל באַווייזן נאָכן דאַוונען,
געשטעלט פון איינעם צו זיין טאַטנס „יאָרצייט".
דער עולם פלעגט אַרונטערגיין צום טיש,ביים אויוון
נאָך מיטן טלית אויף די פּלייצעס — אויסגעטאָן
די תפילין פונעם קאָפּ — געמאַכט „שהכל"
מיט בשורות און נחמות אויפן כלל־ישראל.
און אויב זיי האָבן זיך אין שול געהאַלטן פריי —
איז דאָס געווען די האַלטונג פון אַ היימישן:
אַ מענטש, וואָס קומט דריי מאָל אַ טאָג צום טאַטן,
איז היימיש אין זיין הוין און מעג פאַרגינען זיך
צו נעמען אין זיין מויל אַביסל בראָנפן
און רויכערן אַ פּאַפּיראָס איבער אַ ספר.
צום ערגסטן האָט פון דער „השכלה" אָפּגעשניטן
דער שפּיי דער אָרעמער, דער פיל־פאַרשפּיגענער,
וואָס קומט אין וואונדערלעכער תפילה פון „עלינו",
מתקן זיין די וועלט במלכות־שדי —
דער שפּיי דער דאָזיקער פונוואַנען קומט ער,
פונוואַנען האָט ער זיך צו אונדז גענומען?
זיין אָפּשטאַם איז געוויס פון שוואַרצן מיטלאַלטער,

און זיין געבוירנפּלאַץ — גערמאַניע. ווען די זיידעס,
פון זיי, די היינטיקע גערמאַניער, האָבן
געכאַפּט אַ יידן, אים באַגראָבן לעבעדיקערהייט,
דערנאָך — אַרויסגעגראָבן אים צוריק פון קבר,
געבראָכן און געפּיצלט זיינע גלידער אויפן ראָד,
געברענט די אויגן אים מיט אָנגעגליטע שפּיזן —
און זיינס, דעם יידנס ענטפער איז אויף דעם געווען;
אַ פייערדיק געשריי פון דעם „עלינו"
מיט שפּיי פון בלוט און גאַל אין פּרצוף־פּנימער.
קען זיין, דער פאָטער פונעם שפּיי איז גאָר געווען
דער פרומער פּייטן פון די פלאַמענדיקע סליחות,
אליעזר בן־יהודה, װעלכער האָט אין ליד
דערציילט בתמימות דורכגעזאפּט מיט בלוט און טרערן,
ווי ס'האָט אַ באַנדע פון די צלם־טרעגער —
אין וואָרמז, צי אין מאַינץ — אַריינגעריסן זיך
ביי אים אין שטוב, אַ פרייטיק־נאַכט, ביים שבת־טיש,
אינמיטן זינגען זמירות — און דערהרגעט
זיין ווייב און זיינע טעכטער באַליטאַ און חנה —
און ס'איז דער שפּיי געווען זיין איינציקע נקמה...

די שנאה פון דער וועלט — אַ שוואַרצער ים,
אַ ים אַן אויפגעקאָכטער ביז די טיפסטע גרונטן —
ער קאָכט מיט גיפט און בלוט און שוימט און סמ'ט,
ניטאָ גאָר אַזאַ בריק דעם ים צו שפּאַנען.
זיי האָבן בלוט געזען אין פסחדיקן וויין,
און אונדזער בלוט דערפאַר ווי וויין געטרונקען;
זיי האָבן קינדערבלוט געזען אין אָרעמער
און צוגעברוינטער מצה — און דערפאַר
געבאָדן זיך אין בלוט פון קליינע קינדער.
צוויי טויזנט יאָר — פון זינט די גריכישע „חכמים" —
ווי ס'האָט אַ וועלט אין אויסטראַכטן בלבולים,
כדי אונדז צו פאַרלענדן, כדי אונדז אָפּצעווישן
פון פּנים פון דער ערד. וואָס האָבן זיי
נישט אויסגעטראַכט אויף אונדז? אונדז אָנגעטאָן
אין הערנער און אין עקן — „צא, צא, טמא"!

געהעצט, גע„העפ"עט און געיאָגט אין האָלדז.
זיי האָבן אונדז פאַרשדיען פאַרן ערגסטן אָפּפאַל
פון מין פון מענטשלעכן: פאַרשריען אונדז,
פאַר שרפה־צינדער און פאַר ברונים-סמ'ער...
די בעסטע זייערע, די באַרדן און די זעער,
האָבן געשריבן פּאַשקווילן איבער אונדז
און אונדזער אָרעם לעבן. מאַרלאָו'ס „ייד פון מאַלטאַ" —
אַ שד בצורת מענטש, אַ ווילדע חיה,
און ס'שטייט דער גוי און קוועלט פון אונדזער אומגליק.
דער גרויסער באַרד דער ענגלישער פון אַלע צייטן
האָט איינגעאַקערט און געזוכט אַ ידיש נאָמען
פאַר זיינע העלדן אין קאָמעדיע, און אַזוי
ווי ענגלאַנד איז געווען פונקט דעמאָלט „יידנריין",
און נישט געזען קיין צורת ייד פאַר זיינע אויגן —
איז ער געפאַלן אויף אַן עצה: אויפגעעפנט
די גרויסע ביבל מיט די טאָוולען הילצערנע —
ס'איז דאָ! אַ נאָמען פונקט ווי אָנגעמאָסטן
משׁשת־ימי־בראשית: תובל! (איר'ט געהערט?)
געבלעטערט פאַר אַ נאָמען פונעם הויפּטהעלד
און נישט געפונען — שוין צו פיין גאָר פאַרן יידן —
האָט ער אַ נאָמען אים געגעבן: „שיילאָק".
פאַר איר, דער פיינער טאָכטער, וואָס האָט וואויל געדרשנט,
האָט ער שוין דווקא יאָ געפונען אַן אַנטיקל,
אַ צאַצקע פון אַ נאָמען: „יסכה". נישט קיין אַנדערע,
ווי אונדזער וואויל־באַקאַנטע און באַליבטע דזשעסיקאַ.
איסאַי פּאָמיטש אין דאָסטאָיעווסקיס קאַטאָרגע
לייגט תפילין פרייטיק אויף דער נאַכט לכבוד שבת:
און ס'פירט טורגעניעווס „זשיד" זיין שיינע טאָכטער
צום אָפיציר איןביידל — זי פאַרקויפט צו זנות...

איך נעם צונויף זיי אַלעמען, די גאַנצע עדה,
און זעץ זיי ביי די שטענדערס אויס אין שול
אין בין־השמשות פון אַ שבתדיקן טאָג:
אין שול איז טונקל און ס'גייט אויף אַ יאָמער
פון טרויערדיקן ניגון פונעם תהילים

וואָס פאַלט ווי אַ געשריי און קלאָג פון דורות.
די אייז־פאַרשטאַרטע שויבן בלאָסן אינדערפינצטער —
מ׳קען קיין פּנימער נישט זען — גאָר פיל פון עולם
זיצט צוגעפּאַלן מיט די קעפּ צו שטענדערס
און שווייגן שטיל — אוודאי, מיט פאַרמאַכטע אויגן.
אַפילו מיר, די קליינע יינגלעך, שטיפער,
מיר זיינען שטיל אַצינד און טוליען זיך צו טאַטעס.
די גאַנצע אימה פון דער דרויסנדיקער וועלט
ליגט אויסגעלייגט אין שוואַרצן חלל פון בית־מדרש.
דער גאַנצער וויי פון וואַכיקן פון שווערן לעבן
פאַכט ווי אַ גרויסער שוואַרצער פייגל איבער קעפּ
און קרעלט מיט אייזערנע מיט שוואַרצע נעגל
אין הערצער און אין מוחות. ווען דער זקן,
דער אַלטער שמש מיטן אָפּגעהאַקטן פינגער,
וואָס איז בירושה אים פון ניקאָלאַי דעם ערשטן,
רייבט אָן אַ שוועבעלע, און ס׳שפּריצט דער סירניק
און גרילצט און זשומעט, צינדט אָן ליכט צו מעריב
און שטעלט זיי אין די רערן פונעם עמוד —
איז וואָרהאַפטיק, ווי ער וואָלט אויסגעשריען אויפן קול:
„רשעים, קריק אין גיהנום״!

אָטאָ זיינען זיי:
מיט יעדן קנייטש און ריר און מיט העוויה,
דער סמאָלע־טרייבער און די פלעכטער פון שוואַרצוגעס
אויף ברעגעס פון דעם ניעמאַן ביי די קאַלכאויוונס,
וואָס פלעגן דורכזיצן די זומערנעכט ביים אייוון
אין לייוונטענע העמדער מיטן אַרבע־כנפות;
עס פאַלט דער רויטער אָפּגלאַנץ פונעם פייער
אין ברייט פון שוואַרצן שפּיגל פונעם טייך,
און איבער דעם אַנטקעגנדיקן שוואַרצן וואַלד —
די בול־פרעש קוואַקן, זאָגן שירה אין דער נאַכט,
און ער — זאָגט תהילים. ווינטער האָבן זיי געהאַט
אַן אַנדער צווייג פאַר זייער אָרעמער פּרנסה:
געדויכערט וואודשט, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן שם,
געטראָגן אינעם נאַנטן כרך פאַרקויפן.

אַ ייד אַזאַ, פלעגט אויפשטיין פאַרן ערשטן שפּראַץ,
ווען גאָט בכבודו ובעצמו שלאָפט נאָך,
געגומען דריי פוד משא אויף די פּלייצעס
און זיך אַוועקגעלאָזט דורך שניי און שטורעם.
די קרעמער פון די פּוסטע גראַשנדיקע קרעמלעך,
מיט דריי־פיר זעקלעך גרויפּן און מאַכאָרקע,
און צוויי־דריי מעסטלעך שמיר און דזשעגעכץ —
וואָס פלעגן אויף זיין נעכט — זיי און די ווייבער —
פאַרקנעטן מוראדיקע דייזשעס שוואַרצע טייג
און גרויסע ברויטן ראָזעווע געבאַקן.
די דאָזיקע זיינען געווען די גרויסע שווייגער,
אַ וואָרט — אַ רענדל. ס'זיינען אויך געווען
דער האַלבער משכיל און דער „שאַפער" פון די וועלדער,
דער וויצלינג און דער שטיפער. אָט איז דוד סטאָליער,
אַ מזל־טוב, אינגאַנצן האַרץ און גוטסקייט,
ס'איז זיינס געווען די עליה שמחת־תורה
„עם כל הנערים" — אויסגעשפּרייט אויף אונדז זיין טלית,
דערנאָך פלעגט ער אונדז טיילן שטיקער לעקאַך
באַגאָסן מיטן שטאַרקן ברענענדיקן בראַנפן,
וואָס ער האָט ליב געהאַט — איך זאָל נישט זינדיקן
מיט מיינע רייד. אָט איז דער גערטנער יאַנקל,
אַ ייד אַ תמים און אַן עקשן ווי זיין פעלד,
וואָס האָט אַ לעבנלאַנג געהאַלטן אין איין שרייבן —
אויף וואָס נאָר ס'איז געקומען אים אונטער דער האַנט,
אויף געלע טוטלען, און אויף גראָבן פּאַקפּאַפּיר
אַ גרויסן „חיבור", וואו ער האָט באַוויזן
„השארת־הנשמה" דורך דריי פינטעלעך.
דער גבאי הענאָך: אַ געבוירענער בעל־פשרה,
באַריידעוודיק און קלוג, אַ גרויסער רודף־שלום,
מיטן בנעימותדיקן קול. געווען דער זינגער,
אַ ייד אַ באַלעבאָס, אין אויסזען — אַ ציגיינער,
וואָס האָט געקענט אַ שלל מיט לידער אויסוויינען —
פון מאַנכע פון זיי האָט אַ מיידל זיך געררויטלט —
און וואו אַ שמחה, צו אַ תנאים און אַ חתונה,
פלעגט ער זיי אויסזינגען מיט טשאַק און קנאַק.
געווען דאָס יונגע איידימל אויף קעסט

אַ דייפּנזידער און אַ מאַכער פון לאַזוריק,
(ער האָט דאָס אַלץ פון בוך אַרויסגעלערנט,
ווי אַליה, מאָטל פּייסיס ברודער) האָט שוין דעמאָלט
דערפונדן אַ מין זייף, וואָס טוט נישט זינקען,
אַזוי ווי אונדזער „זייף פון עלפנבייך". וואָס דען —
וואָס אמת איז אַן אמת, טאָקע נישט געזונקען,
נאָר ס'האָט זיך אויף דער אויבערפלאַך נאָך נישט געהאַלטן.
אַזוי — אינמיטן. נאָר, נישט קוקנדיק אויף דעם,
איז דאָס געווען אַ גרויסער אויפטו פאַר די ווייבער,
וואָס וואַשן גרעט ביים טייך. פאַרן לאַזוריק —
האָט ער געהאַט אַזאַ מאַשינקע, אויסצוהאַקן
פּירעקעדיקע האַרטע בלויע פּליטקעס —
און דאָ האָט שוין געשטעקט אַ שטיקל צרה:
פלעגט אַנדינגען דערפאַר די נאָך בר־מצווה יינגלעך,
אַ גילדן פאַר אַ האַלבן טאָג, ביי דער מאַשינקע,
און אויב אַ יינגל פלעגט אַ רגע זיך פאַרחוש'ן —
פלעגט די מאַשינקע אָט די דאַזיקע אַראָפּכאַפּן
ביי אים אַ שפּיצל פינגער. (אייניקע פון זיי,
די „קצוצי־אצבע" — האָב איך נאָך געטראָפן
אין לייוּנג־און־ברייט פון אונדזער גרויסן לאַנד)
אין דעם געזעמל זיינען אויך געווען
אַ דריי־פיר יידן־גבירים: זיך פאַרנומען
מיט וואַלד־עסקים און מיט פלאַסטערן שאָסייען.
געווען צווישן זיי אַ מין שגעון, ר' הענדל,
פלעגט ליב האָבן אַ קניפּ טאָן ביז צו טרערן —
דערנאָך מיט חנוכה־געלט דעם קניפּ פאַרגלעטן.
צי גאָר, פאַרוויקלען זיך אין שוואַרצער נאַכט,
אין ווייסן ליילעך — איבערשרעקן ווייבער...
דער שאַרפסטער און דער שכלדיקסטער צווישן זיי
געווען איז איינער מיטן נאָמען: לייבל.
אַ מיטלוואוקסיקער, אַ זשוואַווער, אַ גלוח
מיט דעם ציגאַר דעם שוואַרצן אין אַ ווינקל מויל —
ער איז געווען אַ בויער פון שאָסייען.
האָט זיך געמאַכט צו קריגן גאָר אַ פיינע אַרבעט,

נאָר ס׳איז געלעגן אין די הענט פון קאָמענדאַנט
פון נאָנטן פאָרט. אַ שאַרפער, שטרייִנגער אָדון
דערצו נאָך אַ „נקי־כפים׳ניק״. וואָס טוט מען?
אין איינעם אין אַ טאָג, האָט ער געבראַכט צופירן
אַ פיינע פּאָר האָלענדישע ראַסאָווע קי —
דאָס שטעטל איז צעגויפגעלאָפן אויפן וואונדער:
אַ צווילינג־פּאָר, צוויי מאָל די הויך און גרויס
פון אונדזערע די מאָגערע פאַרדאַרטע קי.
די פעלן זייערע — אַ זילבער־גרוי, באַזעצט
און צוגעפוצט מיט גרויסע שוואַרצע עפּל,
באַקרוינט מיט דורכזיכטיקע לאַנגע הערנער,
מיט בלויע, פייכטע תמימותדיקע אויגן —
פאַרשוינען קי, מיט קערנדיקע שטאַרקע ברוסטן
און שווערע ראָזע קוועלנדיקע אייטערס.
זיך אָנגעשפּילט מיט זיי — האָט ער געהייסן
דעם פאַרובאָק אַרויסטרייבן די פיינע קי
צום אדון אויף זיין פעלד — האָט מען די קי פאַרנומען,
געשיקט באַלד רופן זייער באַלעבאָס.
איז ער געקומען נבנעדיק און נעבעכדיק
אין די צעגלאַנצטע שטיוול, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן,
צו אויסלייזן די קי. דער קאָמענדאַנט
האָט זייער שטאַרק געבייזערט זיך, געטרעסטשעט:
אַזוינער און אַזוינער, טוט אַן שאָדן!
נאָר זי, די קאָמענדאַנטשע אויפן גאַניק —
ביי איר האָבן די אויגן זיך צעשפּילט, צעגלאַנצט,
ווען מ׳האָט די קי אַרויסגעפירט פון שטאַל.
ס׳איז איר געגאַנגען צו דערגיין דעם פולן יחוס
פון פיינער פּאָר, און וויפל? און ס׳איז אויסגעקומען
פון זיינע שטילע תמימותדיקע ענטפערס,
אַז ער האָט ס׳פּאָרל איינגעהאַנדלט פאַר אַ שבוש
און האָט חרטה אויפן גאַנצן מסחר,
ער ווייסט ניט, וואָס צו טאָן גאָר מיט דער שפע מילך
דער סוף פון דער געשיכטע איז געווען:
די קאָמענדאַנטשע איז געבליבן ביי די קי,
און ער — ביי אַ קאָנטראַקט.

די לעצטע — „ווען מען זכות
מען זאָל געניסן אין אַ שיסל קרעפּלעך" —
האָבן די לאַנגע ווינטערנעכט פֿאַרבראַכט אין קאָרטן,
געשפּילט געשמאַק דעם פֿיינעם „טערטל־מערטל",
אַריינגעצויגן ביז דער ערשטער „קריאת־שמע".
דערפֿאַר געווען שטאַרק להוט נאָך אַ מפטיר,
געהאַט אַ גרויס פֿאַרנעם, אַ ליאַדע מפטיר
אַריינצושטייגן אין אַ הונדערט גילדן,
ווער רעדט שוין פֿון אַ „מפטיר־יונה". נאָר אין תוך —
געווען מענטשן מיט פֿאַרנעם מיט ברייטקייט
און מיט אַ פֿונק אין האַרצן. האָלץ פֿאַרן בית־מדרש
אַריינגעשיקט אין גאַנצע קלאַפּטער, פֿאַר אַ נצרך —
געלייגט זיך אין דער לייג־און־ברייט צו העלפֿן,
פֿאַר „מעות־חטים" — וויפֿל מ'באַדאַרף, און מערער.
זיי האָבן קיינמאָל אין אַ ספֿר נישט אַריינגעקוקט
און דאָך — געווען די אמתע הוליאַקעס שמחת־תורה
געטאַנצט, געזונגען מיט אַן עכטער שמחה;
די זיבען קיינמאָל ביי דעם פּרק נישט געזעסן,
נאָר ביי דעם סיום, וואָס פֿלעגט פֿאָרקומען
אינמיטן ווינטער, איינמאָל אין דריי יאָר
זיינען געווען ז י י די גרעסטע מחותנים.
אַריינגעשיקט די זייטן פֿלייש און פֿעטע גענדז
די שאַרפֿע פֿלעשער שנאַפּס און פֿעסלעך ביר
פֿאַר אָט דער סעודה. ווער, אָ ווער קען דאָס באַשרייבן
די גרויסע שמחה און דעם גרויסן יום־טוב
פֿון יענער סעודה! ס'איז דאָס גאַנצע שטעטל
צונויפֿגעקומען אויסגעפּוצט צום יום־טוב.
די ווייבער האָבן זיך געמיט, געפּרעגלט בוריקעס
און טייגלעך, טרוקענע און נאַסע, טאָרט געבאַקן
און לעקאַך קאָרענעם און גרויסע שטריצלען
מיט ראָזשינקעס און זאַפֿראַן. ס'איז די סעודה
געווען אין שול אין וויבערשער: אַרויפֿגעבראַכט
די טישן און די ביינק פֿון אונטן, פֿון בית־מדרש.
די בליצלאָמפּן האָבן געברענט מיט שמחה,
געדעקט די טישן מיט די ווייסע טישטיכער

מיט דעם צענויפגעבראַכטן טיש-געשיר
פון יום־טובדיקע אויסגעפוצטע באַלעבאָסטעס,
די סאַרווערקעס פון גרויסער סעודת־מצווה.
די ברעטערנע פּאָדלאָגע איז געווען געשייערט,
די קליינע פענצטערלעך, וואָס גייען צום בית־מדרש
האָבן געפינקלט און געגלאַנצט, ווי טרייע אויגן.
און ס'האָט פאַרשמעקט מיט די געפילטע פיש,
מיט דעם געפעפערטן און דעם געווירצטן „קלאָפּס"
מיט ווייס און געל פון אייער דורכגעשניטן,
מיט זענעפט און מיט כריין; און ס'האָט געשוימט
בורשטין פון ביר אין פראָסבאַהויכטע גלעזער.
אַ דריי־פיר כלי־זמר, פון דער שטאָט געבראַכט,
האָבן געשפילט, געהייטערט ביי דער סעודה,
דאָ אומעטיק, דאָ פריילעך. און פונאונטן,
אַ דריי טרעפּ נידעריקער, איז געלעגן
אין שאָטנס און אין קילקייט איינגעשטילט די שול
און ס'האָט געברענט ביים ארון־קודש דער נר־תמיד,
געלויכטן, ווי אַ וואַכיק אויג מיט ליבשאַפט.

## פון דאָ און דאָרט

עלעגיש זינגט דאָס האַרץ, דאָס מידע האַרץ,
אין קלאָרן אין סוף־זומערדיקן ליכט.
דער גרויסער חן און צער פון וועלקן שוועבט
און שפּרייט זיך אויפן פּאַרק, אויף בוים און גראָז.
די הימלען זיינען בלוי, אַ טיפער בלוי,
די זון ברענט קלאָר אין העלער ליכטיקייט.
איך זיץ, מיין פּנים צו דער זון געווענדט
און טרינק די גוטע וואַרעמקייט, וואָס גלעט,
מיט אויגן האַלב־פאַרמאַכט; די ביימער רעגענען
אָן אויפהער און אָן אָפּשטעל אויפן געלן גראָז
מיט רעגנס בלעטער. בינען זשומען שטיל
און פייגל צוויטשערן צווישן צווייגן.
אין שטילקייט פון דעם ליכטיקן בייטאָג,
וואָס שפּאַנט מיט שלוה און מיט גוטער רו,
ברומט טיף אין מוח און אין שטילן האַרצן,
ווי ס׳וואָלט אַ טיב געוואָרקעט פון אַ חורבה,
אַן אַלט געזאַנג, וואָס כ׳האָב אַמאָל געקענט,
און האָב פאַרגעסן לאַנג, און האָט אַצינד דערוואַכט
און טרעט נישט אָפּ, און רירט ביז שטילע טרערן:

„איך גיי אַרום אין פרעמדן וואַלד,
„עס לייכט די זון, נאָר מיר איז קאַלט;
„זינגען זינג איך, מיין געזאַנג
„ווערט פאַרשטומט אָן ווידערקלאַנג".

— אַ קלאָרע ליכטיקייט פון אונדזער האַרבסט
שוין פערציק יאָר, ווי כ׳לעב אַרודך דיין פראַכט
און ס׳קען ניט ס׳האַרץ זיך אָנפרייען גענוג.

און ס׳קען דאָס אויג ניט זעטיקן זיך גאָר
מיט דעם גענאָד פון פאַרבן און קאָלירן
און מיטן מילדן קלאָרן ליכט וואָס שטראָמט
אין גרויסער שלווה. (וואָרהאַפטיק, גיב גאָט,
די שלווה זאָל ניט ווערן אָפּגעטאָן
פון אונדז און פון די קינדער אונדזערע
און פונעם גאַנצן לאַנד). די הענגלעך מאַלינעס,
ווי רויטע הענגלעך קרעלן, לייכטן דורך
די געלבלעך־גרינע צווייגן פון די ביימער,
און ווייסע זיילן רויך זיי גייען אויף
פון פייערלעך פון אָנגעשאַרטע בלעטער;
און אַז דאָס לינדע ווינטל פאָכט אַדורך —
דערגייט צו מיר דאָ אויף דער אָפּגעלעגטער באַנק
דער שאַרפער ריח פון געברענטע בלעטער
מיט ווייניקייט און ביטערקייט פון זאַפטן
און געלן שטאַרבנדיקן גראָז און פלאָם.
און דורכן פאַרהאַנג פון די ווייסע רויכן קומט
געפּילדער און געקלאַנג פון קליינע קינדער,
גרייכט נעפּלדיק צו מיר ווי פון אַן אַנדער וועלט.
דער שאַרפער רויך פאַרשיכורט יעדן חוש
און אינעם האַרצן ציטערט, ציטערט, קלינגט:

„איך גיי אַרום אין פרעמדן וואַלד,
„עס לייכט די זון, נאָר מיר איז קאַלט;
„זינגען זינג איך, מיין געזאַנג
„ווערט פאַרשטומט אָן ווידערקלאַנג״.

אַ האַלב־שעה גאַנג פון בערגל וואו איך זיץ
ליגט אויסגעשפּרייט דאָס פעלד פון גרויסער רו,
פון בוים באַשירעמט און באַדעקט מיט גראָזן —
און אינעם ליכט אין דעם עלעגישן פון טאָג
שטייט אויף די צייט פון אויפבוי און פון קראַפט
אין נייעם פרעמדן לאַנד; אַ גרויסער וואַלד,
אַ גרינער רוישנדיקער וואַלד אין בלי,
מיט פייגל און געזאַנג. מיט רחמים און גענאָד

## פון דאָ און דאָרט

איז איינגעקריצט אין האַרצן יענע צייט —
און איך געדיינק אַליקומען דעם אַלטן באָרד,
ווי ער פלעגט זיצן ביי זיין דרוקעריי
אויף איסט-בראָדוויי, אין הייסע זומער-טעג
און שלומערן אין שטול. (איך בין זיך מודה דאָ,
אַז כ׳האָב די לידער זיינע נישט געלייענט,
נאָר איך געדיינק זיי פון מיין מאַמעס ליפּן);
און איך געדיינק יהואָשן פון ניינצן-זיבן,
וואָס האָט געשטראַלט פון זיך מיט דינער פיינקייט,
מיט אַלטער חכמה און מיט יונגן גלויבן;
און ראָזנפעלדן פון דעם ניינטן יאָר,
אין בראָנקסער קלערמאָנט-פּאַרק אונטער אַ בוים,
אַן אָנגעברוגזטן, צעבראָכענעם פון לעבן;
און ליעסינען, דעם מאַן פון קאַמף און ליד,
פון יידישער עקשנות און מסירת-נפש,
אַרויסרוף צו דער פיינטלעכער און פרעמדער וועלט —
אַ גרויסער שטאַרקער דור, אַן איינגעוואָרצלטער
אין דורכגעווייקטער ערד פון יידיש בלוט,
און מיט די קעפּ אין הימל אָנגעשפּאַרט.
און באַלד איז צוגעקומען צו דעם גרויסן כאָר
אַ מחנה יוגנט: מיטן גרויסן שטראָם,
וואָס האָט געפלייצט אַהער מיט אַלע שיפן,
געטראָגן מחנות פּליטים צו דעם גוטן ברעג —
האָט איטלעך שיף, צוזאַמען מיט דער אָרעמקייט
פון אַלטער היים, געבראַכט זיין רייכע צינז
צום ליד צום יידישן. די, ווי די פריערדיקע,
זיי האָבן נישט געזוכט קיין גאָלד און גליקן,
זיי האָבן גאָרנישט ניט געוואָלט און ניט געזוכט,
אַ חוץ דאָס ליד וואָס האָט געברענט זיי אויף די ליפּן
און אויפגעפלאַמט די אויגן און די הערצער.
און איטלעך איינער מיט זיין אייגענער געשטאַלט
און מיט זיין אייגן קול. אַ יונגער דור,
אַ יונגער ווידערוואוקס אין אַלטן פעלד,
איז אויפגעקומען איבערנאַכט מיט קלאַנג,
מיט רוישנדיקע בלעטער און מיט פרוכטן —

אַ טייל פון זיי געפאַלן אין דעם שווערן וועג
אין בליענדיקסטע יאָרן: משה־לייב,
ווי כ׳זע אים איצט פון יענער יונגער צייט,
נאָך איידער ס׳איז זיין קאָפּ געוואָרן אַשיק־גרוי,
אַ יונג אַ לאָבוז, מיט אַ פּנים — רויט
און אָפּגעשאָטן מיט אַ קליינעם זומערשפּרענקלעך —
דער גאַסנפּויקער אונדזערער אין לאַנד,
וואָס האָט געדזשינדזשעט אויף די טאַצן ביזקל טויט.
און זישאָס איידעלע געשטאַלט פון יענער צייט,
אַ צאַרט און בויגיק שפּראָצלינג, אויפגעקומען
„פון קינ־גרייך פון ניט פון דיזער וועלט״,
מיט בלויע אויגן און מיט זאַנגען־גאָלד
אויפן געלאָקטן בלאָנדן קאָפּ. „דער מאַן פון ליד״.
זאָל דאָ דערמאָנט זיין אברהם משה אויך
וואָס האָט געהאַלטן אין באַגלייטן דער קאַפּעליע
אויף איינער אויף אַ סטרונע אין זיין וועג.
די אַלע ליגן אויפן גרויסן פעלד פון רו,
און אַלע דורות זיינען אויסגעגליכן,
פון בוים באַשירעמט און באַדעקט מיט גראָזן
אַ האַלב־שעה גאַנג פון בערגל וואו איך זיץ.

איך זינג דאָס ליד פון אָפּגעבליטן דור —
אַ דור פאַר וועלכן אַלע וועגן פון דער וועלט
זיינען געלעגן אָפן, ברייט און פריי צעהעלט;
עס האָבן זיך געעפנט האָריזאָנטן ליכטיק, קלאָר,
געצויגן און געכישופט אין דער בלויער ווייט.
אַ יונגער שטאַרקער דור האָט זיך געטאָן אַ הייב,
האָט אָפּגעטרייסלט זיך פון אַלטן שטויב,
זיך אָנגעגורט מיט מוט און זיך באַנייט.

אָ, ווער געדענקט נישט יענעם גרויסן וועג
אין אָנהייב פון יאָרהונדערט דאָ אין לאַנד?
די וועלט איז יונג געווען און ניי און אומבאַקאַנט
און מוראדיק, ווי אין די ערשטע זיבן טעג.
און מיר — אַ פאָלק אַן אויסגעמאַטערט, אויכגעצערט,

גבויגן און געבראָכן און געוואוינט צום קנוט —
אונדז האָבן פייערן געצונדן זיך אין בלוט
ביים ערשטן טראָט אויף דער געבענטשטער ערד.

באַצווינגער פון דעם נייעם לאַנד, פון כנען־לאַנד,
דורך מוט און וואַגעניש, דורך מוז און נויט;
ווער ס'האָט געזוכט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ברויט,
ווער ס'האָט געהאַט דאָס שאַרפע אויג און שטאַרקע האַנט.
ווער ס'איז אַנטלאָפן מיטן לעבן פון פּאָגראָם,
געראַטעוועט, ווי פון אַ שרפה, ווייב און קינד,
ווער ס'האָט געפאָלגט דעם רוף פון די אינסטינקטן בלינד,
און סתם אַזוי געלאָזט פאַרשלעפּן זיך פון שטראָם.

אַ גרויסע, שווערע, מעכטיקע אַרמיי,
וואָס האָט מאַרשירט מיט קלומיקעס. מיט זעק און פּעק,
צום „טרערן־אינדזל" פון דער שיפס צווישנדעק
און צו דער פאָלקס־אכסניה וואָס אויף איסט־בראָדוויי.
אַ, פּעק און זעק באַזונגענע פון ראָזנפעלד
מיט ברענענדיקן פּאַטאָס און מיט ווי —
דאָס זיינען פּעק געווען פון אַנגסטן און געשריי,
וואָס ס'האָט אַ וואַנדערפאָלק געבראַכט אין נייער וועלט.

אַזויפיל ליכט, אַזויפיל וואַרעמקייט און מאַכט
האָט זיך געגאָסן ברויזנדיק און זיך געשפּרייט;
אַזויפיל רחמים, האָפנונג, לייד און פרייד
און ציטערדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער פּראַכט.
אַ, אַלטע פּראַכט, פאַרמשפּטע צום אונטערגאַנג
אין דעמאָלטיקן שטורעמדיק־צעקאָכטן ים —
געבראָכן האָט דאָס לעבן קייט און צאַם
און אויפגעריסן אַלע דאַמבעס אין געדראַנג.

מיר זיינען הונגעריק געווען נאָך ליכט און פרייד
און יעדער וואונטש, און יעדע תאווה און באַגער,
וואָס זיינען אַטראָפירט געווען, געשלומערט שווער, —
זיי האָבן אָפּגעריסן זיך, ווי הינט פון קייט,

# פון דאָ און דאָרט

אָוועק אין ווילדן הפקר־טאַנץ, צעשפּרונגען איז
דער דרוק פון גרויע דורות אָן דעם שטיין,
פאַרקלונגען האָט דער אייביק־שטרענגער „ביין",
פאַרשעמט געוואַלגערט זיך אין שטויב אונטער די פיס.

אַ, רייכע אָרעמקייט פון יענער יונגער צייט
מיט גאָר איר פּולקייט און איר אויסטערלישן חן —
געוויין דורך לאַכן און אַ לאַכן דורך געוויין
אין ענגשאַפט פון דער אויפגערודערטער איסט־סייד.
דאָס שמוציק־טונקעלע געפּראַפּטע טענעמענט־הויז
אויף טשערי, ריווינגטאָן און סטענטאָן און קאַנעל —
אין בריאַזג פון שווערע וועגענער, אין גרילץ פון על,
אין טאָג־און־נאַכטיקן געפּילדער און געברויז.

ווער ס׳האָט געקריינקט און ווער עס האָט געביינקט,
ביי וועמען ס׳איז די טרער געווען אָן אָפּטער גאַסט;
ווער ס׳האָט געליבט און ווער עס האָט געהאַסט,
ווער ס׳האָט פאַרגעסן ניט געקענט — און האָט געדענקט.
נאָר ס׳האָט פון אַלץ און אַלעמען אַרום
מיט יוגנטלעכן גלויבן האָפּערדיק געשפּראָצט,
מיט דער עקשנותדיקער קראַפט וואָס שאַפט און טראָצט
און שפּאַרט און ברעכט די גרענעצן פון ענגען תחום.

דאָרט האָט זיך אָפט די נשמה פון מיין פאָלק אַנטפּלעקט
אין באַרעמהאַרציקייט און טרייסט צו העלפן גרייט;
געשטראָמט מיט רחמים און געלינדערט לייד,
אַ ברידערלעכע האַנט דעם פרעמדן אויסגעשטרעקט.
אין גרויסער ענגשאַפט אַ געלעגער אים געבעט,
געגעבן אים צו זאַט געקעכטס מיט ברויט;
אים בייגעשטאַנען אין זיין שווערן טאָג פון נויט,
געוואַשן זיינע וועש, פאַרריכט און אויסגעגלעט.

כ׳געדענק אַ הויז, וואו ס׳איז דער לאַבן ברויט,
דאָס גרויסע קימלדיקע שוואַרצברויט ניט אַראָפּ
פון טיש; אין היימישן פאַרשוואַרצטן טאָפּ
האָט לונג־און־לעבער זיך געדעמפּט, צי זויערקרויט,

פאַרשמעקט די שטוב; און ווער ס'איז נאָר אַריין —
אַ ווייטער לאַנדסמאַן, וואָס האָט יענעם טאָג אומזיסט
„געמאָסטן גאַסן" און געבראָכן זיינע פיס,
און אַרבעט אומגעזוכט, פאַרקלעמט פון פיין;

צי סתם באַקאַנטע, פריינט פון טעכטער און פון זין —
די באַלעבאָסטע (גרינג זאָל זיין איר ברוקלינס ערד)
האָט זיך צום כלומרשדיקן דאַנק נישט צוגעהערט
געגעבן זיי פאַרשטיין דעם מיין פון „כל־דכפין"
און זיי באַזעצט צום טיש. מיט ברייטקייט, נישט געקאַרגט,
און מאַמיש־האַרציק זיי געוואונטשן אַפּעטיט —
אַריינגעקומען איז דער גאַסט פאַרשמאַכט און מיד,
אַוועקגעגאַנגען איז ער מונטער און געשטאַרקט.

צו פערע־דינה'ן און איר הויזגעזינט אַ לויב,
דער אשת־חיל פון דער ליטווישער קיידאַן,
וואָס איז געגאַנגען איר גאַנץ לעבן אין געשפּאַן —
מיט יראת־כבוד שטיי איך פאַר איר שטויב.
האָט אויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס גאָר די זאָרג
און גאָר די לאַסט פון גרויסן הויז־געזינט;
און פרעמדע, ווי די אייגענע, געטריי געדינט
אין שווערן לעבן פון דעם יידישן ניו־יאָרק.

דאָס לעבן איז געווען שווער. די אָרעמקייט
האָט זיך צונויפגעפּרעסט און זיך געשטיקט
אין ענגע צימערלעך אין פינצטערע, אָן ליכט,
אָן־לופט צו אָטעמען. אַרום די ווענט,
געפאַרבן אין אַ מיאוס־בלוילעך גרין,
זיינען געשטאַנען הויכע קעסטלעך אייזערנע,
וואָס האָבן אין די נעכט געלאָזט זיך אויסציען,
פאַרוואַנדלט זיך אין בעטן פאַר די מענטשן.
אָ, ווילִיאַמסבורגער אָרמעקייט פון יענער צייט
מיט אירע גאַסן די צעבראָכענע,
מיט אירע מויערן די שמוציק־גרויע,
מיט קאָרידאָרן פינצטערע און שטיגן,

וואָס פירן צו דעם דריטן און דעם פערטן גאָרן.
די שורות אָנגעצויגענע מיט גרויע וועש,
וואָס האָבן יאושדיק געפּאַטשט אין הינטערהויף,
וואו ס'איז קיינמאָל די זון נישט צוגעקומען.
דאָס הויז פלעגט ברומען ווי אַ בינשטאָק אָוונטצייט,
פון יעדער טיר — געשריי, געקלאַנג געטומל,
און יעדע טיר מיט איר באַזונדער ריח
פון דעם געבראָטנס און געזאַלצנס און געפעפער'טס
פאַר מאַנסלייט וועלכע קערן זיך צוריק פון אַרבעט.
דאָס הויז איז אַלט געווען און קאַלט און אָפּגעלאָזן,
די פענצטער זיינען צו דעם הינטערהויף אַרויס —
פאַרנאַכטצו בלויז פלעגט זיך משופּעדיק באַווייזן
אַ שטיקל בלאַס־געלב ליכט, אַרומטאַנצן אַ רגע
און ווערן אָפּגעווישט; און אין די אָוונטן
פלעגט שפּריצן, הוזשען, זשומען אומעטיק
דאָס פייערל פון דעם פאַרראָסטן גאַז־רער
אויף שמוציק־גרינע ווענט. די באַלעבאָסטע
(אַ מיטליעריקע אלמנה, וועלכע האָט
באַדאַרפט מפרנס זיין דריי יונגע שול־קינדער)
פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים אָקעגן אָוונט,
אַן איינגעשפּאַנטע, ווי אַן איינגעבראָכן פערד,
אונטער דעם נאַקנברעכנדיקן פּאַק, מיט סחורה
מיט וועלכער זי פלעגט פּעדלען טאָג־אין־טאָג
אין אָפּגעלייגטע פאַרמס פון לאָנג־איילאַנד.
און לאַנג דערנאָך ווי זי פלעגט פון איר פּאַק
זיך אויסשפּאַנען — פלעגט אויספעלן איר אָטעם.
דער צער פון אַלע וועלטן איז געווען צעגאָסן
אויף איר צעקאַרבט, צעשמיסן האַלדז־און־פּנים,
אין די צעוויטיקטע פאַרטרערטע אויגן,
און אויף די אָנגעדראָלענע הענט און פיס
מיט גרינלעך־בלויע גרויסע אָדערן.
נאָר דאַנערשטיק אין אָוונט, נאָכן עסן,
פלעגט ווערן עפּעס היימישער אין הויז:
עס האָט באַוויזן זיך אין קיך די שווערע
פון אַלטער היים אַראָפּגעבראַכטער מעדניצע,

און ס׳פלעגט אַ שאָטן פון אַ שמייכל ציִיגן זיך
אויף איר פאַרביטערטן פאַרוועלקטן פנים:
זי האָט געזיפּט דאָס מעל, געבראָכן אייער,
געקנאָטן מיט כוונה און געפּאַטשט אין טייג,
דערנאָך דאָס איבערגעדעקט מיט אַ קישן
כדי דאָס טייג זאָל יערן און זאָל אויפגיין —
און שפּעט ביינאַכט, ווען די צעלאָפּענע יתומים,
וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט דעם גאַנצן טאָג
אַליין, אָן שום השגחה, אויפן גאַס,
זיינען געווען פאַרזונקען שוין אין טיפן שלאָף —
האָט אָנגעהויבן ציִען אין דער לופט פון הויז
מיט גוטן הייסן ריח פון פאַרבאַקטע חלות,
מיט צוגעברענטן צוקער פון די קיכלעך,
מיט וואַרעמקייט און היים.

אין יענעם ווינטער
פלעגט זיך מיר האַלטן אין איין חלומען אַ חלום,
און אַלץ דער אייגענער און ז׳עלבער חלום:
איך ווייס ניט ווי אַזוי, נאָר איך בין ווידער דאָ
צוריק אין שטעטל; עס איז מיטנאַכט —
ניטאָ קיין הימל און ניטאָ קיין ערד,
ניטאָ קיין מינדסטער שיין, קיין אָפּשיין פון אַ ליכט,
פון ערגעץ וואו אַ שפּעלטל פון אַ לאָדן.
די נאַכט איז שוואַרץ ווי טינט. איך שטיי אינמיטן גאַס
און טאָפּטשע זיך אין בלאָטע ביז די קניען —
„טיאַפּ־ליאַפּ טיאַפּ־ליאַפּ״ — זינקען מיר די פיס אין בלאָטע
און כ׳קען זיך נישט אַ ריר טאָן פונעם פּלאַץ.
איך ווייס, ניט ווייט פון דאָרטן וואו איך שטיי
געפינט זיך דאָך מיין אַלטע היים — די מאַמע
זי מוז געוויס שוין שלאָפן, נאָר דער טאַטע
איז נאָך אוודאי אויף און ז׳יצט איבער אַ ספר;
אין שטוב איז וואַרעם, ליכטיק, אויפגעראַמט,
נאָר כ׳קען מיך ניט אַ ריר טאָן פונעם פּלאַץ.
עס קראַפּעט קאַלט אַ רעגן מיר אין פּנים,
אַן איינגעגעסענער, אַ בייזער, פּאַטשט אין בלאָטע,

און ס׳פּרירט אין מיר אַיעדער טראָפּן בלוט
און ס׳קאָרטשעט זיך דאָס האַרץ פון פּיין און עלנט —
נאָר דאָ צעציטערט זיך די איינגעפּרעסטע שטילקייט
מיט אַ פאַרצווייפלטן, מיט ווילדן רעוון,
ווי ס׳וואָלטן אָקסן זיך צערעוועט אין טומאַן —
דאָס האָבן פון דעם גאַנטן מזרח־טייך
די שיפן און די באַרזשעס זיך צעשריען
אויף זייערע סירענעס, איינס דאָס אַנדערע
געוואָרנט זיך צו היטן פון צוזאַמענשטויס
אין פינצטערער און רעגנדיקער נאַכט.
און כ׳פלעג מיך אויפכאַפּן פון ווּיסטן חלום
מיט טרערן אין די אויגן.

ווייסע זיילן רויך
פון די צעלייגטע פייערן זיי גייען אויף
און קינדער שפּרינגען איבער די פייערן
און פילדערן, און ליאַרעמען. די זון
הייבט אָן צו נייגן זיך אַקעגן מערב —
צוערשט האָט זי דאָס אויסזען פון בלאָס גאָלד,
פון ווייס צעשמאָלצן גאָלד, מיט שפּיצן פון פּיאָלעט
אַרום דעם גרויסן פליסנדיקן קיילעך;
די שאָטנס פון די ביימער לענגערן זיך
און ווערן דורכזיכטיק אין טיפן בלוי;
די שפּיצן ביימער שטייען אָפּגעגאָסן
מיט צאַרטער ראָזקייט; נאָר אַ רגע שפּעטער,
און ס׳צינדט זיך אָן די מערב־זייט אין פלאַמען:
גיגאַנטיש לעבעדיקע בלומען־וואָלקנס,
אַ בלום געפלאָכטן אין אַ בלום, וואָס כוואַליען זיך
און מישן זיך ווי אין אַ רויטן קאַלכאויוון,
און ס׳שלאָגט די רויטקייט אָפּ זיך אין דער בלויקייט
פון וואַרעמען פאַרנאַכט, און שפּיגלט זיך
אין פאַלנדיקע וואַסער־שפּריצן פון פאָנטאַן,
וואָס שטייט אינמיטן פּאַרק, און פּורפּלט
די פליסנדיקע שפּיצן פון די זיילן רויך
וואָס גייען אויף צום הימל. ס׳איז אַ זונפאַרגאַנג,

וואָס שפּרייט זיך אויס אין אָוונט פון כל-נדרי,
מיט ליכטיקייט און לויטערקייט און יראה,
איבער דער גאַנצער וועלט.

און היינט פרימאָרגנס,
האָב איך פון אַ פּלימעניק, פון מיין שוועסטערס זון,
אַן אָפּגעבערענטע האַלעוועשקע פונעם פייער,
אַ גרוס אַ בריוולעכן פון דאָרט באַקומען.
ער שרייבט: „יום־כפור שנת תש״ב לבריאת־עולם,
האָט מען די אַלע איינוואוינער פון שטעטל
מיט ווייב און קינד, מיט עופּהלעך און זקנים,
צונויפגעיאָגט אין אַלטן קאַמעדולער וואַלד,
צעשאָסן זיי, פאַרשאָטן זיי און אָפּגעווישט".
און רעכנט אויס אַ צענדליק נעמען און משפחות,
וואָס לעבן נאָך ביי מיר אין מיין זכרון,
און זייער זכר גליט נאָך אין מיין האַרצן
מיט זייער גוטסקייט, מענטשלעכקייט און תמימות.
זיי פלעגן אין דעם טאָג פון ערב־יום־כפור
אַרומגיין איינער צו דעם אַנדערן מחילה בעטן,
אַז טאָמער האָבן זיי דעם צווייטן אָנגעטראָטן,
אַז טאָמער זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ שלעכט וואָרט.
און איצט, אין אָט דער שעה פון זונפאַרגאַנג
פלעגט ס׳גאַנצע שטעטל פּאַרכטיק איילן צום בית־מדרש
אין ווייסע זאָקן און פּאַנטאָפל, איינגעוויקלט
אין זייערע טויטן־קליידער, קיטלען און טליתים,
מיט די מחזורים שווערע אין די הענט.

אָ, פּאָרכטיקע כל־נדרי נאַכט פון אַלטער היים
אין הילצערנעם באַלויכטענעם בית־מדרש!
איך קוק מיך איין אין נאַכט אין דאָזיקער צוריק
מיט אויגן פון אַ קליין אַ חדר־ייִנגל —
און זע: די אויגן זשמורען זיך פון ליכטיקייט:
עס ברענען, פלאַקערן די בליצלאָמפּן גאָר אַנדערש
אין גרויסן העלן ליכט. די אַלטע מנורות
וואָס הענגען אויף די בראָנז־קייטן אַרונטער

זיי זיינען אָנגעשטעקט מיט גרויסע ליכט;
עס ברענען ליכט אויף יעדן ווינקל פון דער בימה,
און אין די לאַנגע קעסטלעך אויף דער ערד
מיט ווייסן קלאָרן זאַמד ביז צו די ברעגעס
אין גלייכע לאַנגע שורות שטייען אָנגעשטעקט
די גרויסע סטאַרינאָווע ליכט, נשמה־ליכט;
דער עמוד פינקלט מיט זיין מעשענעם „שויתי״,
מיט זיינע לייבן צוויי, די בולט אויסגעהאַמערטע,
מיט עקן ביז די מיילער. און זע: די אַלע יידן,
וואָס כ׳קען זיי אויסגעבונדן, בין געוואוינט צו זיי
פון מיין געבוירן אָן — זיינען איצט גאָר אַנדערש,
די פנימער פאַרטיפט און שטרענג און ערנסט
אין קיטלען, און טליתים טיף אַראָפּגערוקט
איבער די קעפּ; די ווענט פונעם בית־מדרש
זיי גלימצערן אין ווייס; דער ארון־קודש
האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ ווייס פּרוכת;
אַ ווייסע עדה שטייט און ברומט די „תפילה־זכה״
און וויגט זיך איבער די פאַרגעלבטע בלעטער,
ווי ס׳וויגט אַ וואַלד זיך אין אַ גרויסן שטורעם.
און דאָרטן, פון די פענצטערלעך פון ווייבער־שול,
אויך אַלע אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער,
מיט ווייסע הויבן און פאַטשיילעס אויף די קעפּ,
גייט אויף אַ פלאַמענדיק געוויין־געזאַנג.
דער אַלטער שמש טוט אַ פּאַטש אין שולחן —
ווערט איינגעהאַלטענער און שטילער דאָס געוויין,
ווערט איינגעשטילט. דער טאַטע גייט צום ארון־קודש
אַ הויכער, גראַדער מיט דער שוואַרצלעך־גרויער באָרד
איבער דעם ווייסן קיטל, שפּאַנט געמאָסטן
מיט צוגעמאַכטע אויגן, עפנט אויף דעם ארון
און דריקט די ספר־תורה צו דעם האַרצן.
נאָך אים, צוויי אָנגעזעענע יידן־לומדים,
וואָס נעמען אויס די אַנדערע צוויי ספרים
(די ספרים זיינען היינט אין ווייסע מענטלעך)
זיי שטעלן זיך אַרום דעם חזן און משוררים
און ס׳ווערט די שול פאַרציטערט פון כל־נדרי.

אָ, ציטער און געוויין פון אַלטן ניגון!
מיט גרויסן פייערלעכן שטאָלץ, וואָס פליסט
פון טיפעניש פון דער נשמה, רעדט צום האַרצן
און ברענגט אַרויס די טרערן פון די אויגן.
נשמות פון די זיידעס און די עלטערזיידעס
פון אַלע דורות, זינט דעם מעמד פון באַרג־סיני,
פאַרפייניקטע דורך כל המינים טויטן:
געשחטן און גערעדערט און דערוואָרגן,
פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט אין קברים,
זיי פלאַטערן אין פלעמלעך פון די נשמה־ליכט,
און זינגען פלאַמיקע אַן עקזאַלטירט געזאַנג
אין אָנגעגליטן חלל פון בית־מדרש
דורך ליפּן פון דער ווייסער פרומער עדה,
אין דער מינוט, ווען מען זאָל רופן זיי, די קינדער,
די אייניקלעך פון קדושים און פון טהורים,
מקדש זיין דעם שם מיט זייער פלייש און בלוט —
מיט שמחה וואָלטן זיי די העלדזער אויסגעשטרעקט.

נאָך מעריב — טראָגט זיך דורך אַ נייע לופט
אין גליענדיקן הויז: עס ווערט געראַמער, שטילער,
דער גרעסטער טייל פון עולם איז צעגאַנגען,
די ווייבערשע געזאַנגען האָבן אויפגעהערט.
די ביינק זיינען האַלב ליידיק — עס באַוויזט זיך
די ווייס־געשייערטע פּאָדלאָגע פאַר די אויגן;
צעוואָרפן, בהרחבהדיק און אויפגעלעגט,
מיט אויגן אויפגעלויכטענע און שטילע,
פאַרבלייבן די, וואָס ווילן זיך מצרף זיין
צום „שיר־היחוד", דאָס געזאַנג פון לויב צו גאָט,
וואָס האָט דערגרייכט צו אונדז פון מיטלאַלטער.
דאָס איז נישט מער געבעט פאַר לעבן און פּרנסה,
נאָר ס'איז אַ לויב פון שטאָלצן מענטש צו גאָט,
וואָס איז געקומען צו דער קליינער עדה יידן
און איז אַצינד געוואָרן נאָענט און היימיש
אין קליינעם בית־המדרש. דער רבי ר' אברהם,
דער גרויסער בעל־מקרא ובעל־דקדוק,

## פון דאָ און דאָרט

שטייט אויף דער בימה, שטראַלנדיק אין ווייסקייט,
די אויגן זיינע גליען אָנגעצונדן,
זיין קול איז העל און האַפערדיק צעקלונגען
אין קלאָרן פלאַמיקן רעטשיטאַטיוו פון ליד.
עס קלינגט אַפּ הילכיק אין דער הויכער שול,
שלאָגט אָן זיך אָן די גלימצערדיקע פינצטער,
אַ וואָרט — אַ קלאַנג, אַ וואָרט — אַ קלאַנג, געקלאַנג
פון גוטן אַלטן אויסגעוואָרעמטן
און גאָלדיקן בורשטין; דאָס פּנים לויכט
און ס'קלינגט דאָס קול און טריאומפירט מיט שטאָלץ,
און ס'ענטפערט אָפּ די ווייסע עדה יידן
פאַרכאַפּט פון געטלעכן געזאַנג, התלהבותדיק,
אַ פערז נאָך פערז און פּסוק נאָך אַ פּסוק:

איך וועל מיין גאָט און דעם גאָט פון מיין פאָטער לויבן,
מיין פעלז און מיין גואל באַשיינען, דערהויבן.

דעם לעבעדיקן גאָט, וואָס באַשאַפן אונדז האָט ער,
דער גרויסער גאָט יעקבס אונדזער אַלעמענס פאָטער.

דער גאָט מיין באַשאַפער, מיין האַר און געביטער,
דער פירשט פון מיין יוגנט, מיין שאָטן און היטער.

ער געדיינקט דעם בונד מיט די אבות געשלאָסן,
טויזנט יאָר, ווי דער נעכטיקער טאָג וואָס פאַרפלאָסן.

דאָס איז אונדזער גאָט און אויף אים אונדזער האָפן,
און דאָס ליד צו גאָט — אונדזער הילף, אונדזער וואָפן.

גוטסקייט און שיינקייט פון אים טוט גליען
זאָלן זען אונדזערע אויגן, ווי ער קערט זיך נאָך ציון.

ער קומט ווי אַ העלד, ווי אַ מאַן פון מלחמה,
צאָלט אָפּ מיינע שונאים מיט כעס און נקמה.

ווי אַ לעמפערט און לייב, ווי אַ בער אַ צערייצטער,
זיין גייסט, ווי אַ מעכטיקער טייך אַ צעפלייצטער;

### י. י. שוואַרץ

ער קומט ווי אַ טיגער אַ פלינקער צעפליען,
זיין וואָרט, ווי אַ מאַנדלצווייג וועט זיך צובליען.

אַזוי ווי אַ צעדער אין גרויסקייט און חשיבות,
אַזוי ווי אַ גרינער ציפּרעס און עניוות.

ווי אַן עפּלבוים אין בלי טוט זיין ליבשאַפט דופטן,
זיין שטאָלץ אונדז אַריבער פלאַטערט אינלופטן.

ער וועט קומען צו אונדז ווי באַלעבנדער רעגן,
ווי שפּריי און ווי טוי, און צום לעבן אונדז וועקן.

ווי אַן אָדלער, וואָס טוט איבער זיינע יונגע שוועבן,
און אונטער די פליגלען באַשיצט ער מיין לעבן.

באַגלויבט איז ישראלס אייביקייט, מיר וועלן האַרן,
וואויל די וואָס האָפן, ער וועט אונדז נישט נאַרן.

די אייביקייט פון ישורון איז גאָט דער באַגלויבטער,
יהודה איז נאָך נישט פון זיין גאָט קיין באַרויבטער.

מיין לאָמפּ איז גאָט, וואָס טוט איבער מיר שטראַלן,
זיין וואָרט, מיין ליכט טוט צופוסנס מיר פאַלן.

דערבאַרמיק איז גאָט און היילט אַלעמענס וואונדן,
צעבראָכענע הערצער מיט רחמים פאַרבונדן.

מיין גאָט און מיין קיניג, מיין זונליכט און גלויבן —
הללויה, נשמה, זיין נאָמען צו לויבן!

# יום-טוב און וואָך

אָ, ווייטער עלנט פון דער יעשנדיקער ליטע —
אַזוי פיל וואַסערן זייַנען פאַרפלאָסן
און כ׳שפיר נאָך אַלץ איר מרה-שחורהדיקן קומער
און וויסטן גרויען עלנט. נידעריק
האָט זיך דער הימל איבער איר אַראָפּגעלאָזט,
האָט ווי אַ לעכערדיקע ברודנע זיפּ
געהאַלטן אין איין רינען, טאָג ווי נאַכט גערונען,
מיט קאַלטער גרויער פליסיקייט. פאַרווישט
געוואָרן זייַנען אַלע האָריזאָנטן —
נישטאָ קיין סאָסנע־וואַלד אַקעגנאיבער טייך,
פאַרשלונגען אַלץ פון פליסנדיקן נעפּל.
עס האָט געזויינט די וואַלקנשמאַטע אויבן
און ס׳האָט געוויינט, געקוואַטשעט, זיך געבלעזלט,
די קלעפּיקע געדיכטע בלאָטע אונטן.
דער קורצער שימלדיקער יעשן־טאָג
איז באַלד אַרייַנגעפאַלן אין אַ שוואַרצער נאַכט;
אַזוי אָן אויפהער. די ירושה־שטיבער,
פון גרויע אַלטע קלעצער אויסגעפּרוכנעטע,
פאַרשוואַרצט פון צייט און דורכגעווייקט פון נאַסקייט,
זייַנען געשטאַנען ביז די נידעריקע פענצטער
אַרייַנגעשטעקט אין בלאָטע; פון די שינדלדעכער,
מיט נייע לאַטעס אויפן אַלטן דלות,
איז אויפגעגאַנגען און געהויבן זיך אַ פּאַרע,
געמישט מיט רויך פון נידעריקע קוימענס.

דער רעגן פלעגט פאַרנעמען זיך געוויינטלעך
אַרום די צווייטע טעג פון יום־טוב סוכות,
און אָפט פלעגט ער ניט פויל זיין און זיך פעדערן

ווי אויף להכעיס מיטן יום־טוב גופא
ווער רעדט נאָך, אין אַן עבור־יאָר; און דעמלט איז
די יומטובדיקע ערשטע אָוונט־סעודה
געוואָרן אַ פאַרשטערטע. ס'איז דעם טאַטנס צער
געווען נישט צוצוזען: די גאַנצע סוכה
איז וואָכעדיק און מיאוס געוואָרן. ברודנע טראָפּנס
האָבן געקאַפּעט פונעם שוואַרצגעוואָרענעם סכך,
געקלינגלט מיט אַ זשאַווערדיקן קלאַנג אין טעלער,
געפאַלן טעמפּ אויף די פאַרדעקטע חלות;
דעם לאָמפּ האָט מען געמוזט אַרויסטראָגן פון סוכה,
כדי סע זאָל דאָס גלאָזמענטל נישט פּלאַצן;
דאָס פיינגעפּרעסטע טישטוך אויפן טיש
האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נאַסער שמאַטע;
די רויטע עפּל און די צוגעברוימטע באַרן
וואָס הענגען, לשם נוי, פון סכך אַרונטער
האָבן געבאָדן זיך אין מוטנע וואַסערן
אינאיינעם מיט די רויטע באַלבאַרעסן־קרענץ.
די ליכט האָבן געציטערט אין די לייכטער,
געשמאָלצן זיך, געטרעסטשעט און געטשאַדעט,
געוואָרפן שטיקער עצבות אין דער נאַסקייט.
דעם טאַטנס קידוש האָט געקלונגען אַנדערש:
נישטאָ אין אים דער שטאָלץ און יום־טובדיקער ציטער,
נאָר אָנגעזאַפּט מיט צער, אַ קידוש־יתום,
און דעם געגרייטן טיש מיטן פאַרנעצטן טישטוך
האָט מען אָוועקגעכאַפּט, אין שטוב אַריין.

אַמאָל פלעגט זיך דער רעגן איבעררייסן —
און פון דעם גרויען וואָלקנדיקן הימל
פלעגט זיך אלכסונדיק און קיל באַווייזן
אַ שטיקל מראה פון אַן אָפּגענוצטער זון;
נאָר באַלד פלעגט ווידער נעמען זיפּן איינגעשפּאַרט
מיט דריבנע איינגעגעסענע און קאַלטע טראָפּנס.
די זלידנע נעץ איז דאָך נישט גאָר איינגאַנצן
געווען ביכולת צו פאַרשטערן יום־טוב:
דאָס יום־טובדיקע דאַווענען מיטן פיינעם נוסח

געווען איז קורץ און פריידיק, און ביים „הלל"
האָבן די שלאַנקע בלאַס־גרינע לולבים
גערוישט, געפלאַטערט און געשאַרכעט ווינטיק;
דער איידעלער גאָלד־גרינער אתרוג האָט געשימערט,
האָט אין דער וואַרימקייט פון אַלטער שול
געשמעקט מיט קילקייט און מיט וויטן מזרח;
הדסים, מיט די קליינטשינקע געצאַקטע בלעטלעך,
ווי קליינע הערצלעך, האָבן טונקל־גרין
אַרויסגעשפּיצט פון פלעכטלעך פון לולבים;
אַפילו די ערבות, ריטלעך פשוטע
פון אונדזער היימישער באַקאַנטער ווערבע —
פלעבייער אינעם בונט פון דער געהויבענער חברותא -
האָבן געטריפט מיט וואַלד, מיט טייך און פרישקייט,
באַקומען גאָר אַן אַנדער חן. שוין אָפּגערעדט
פון גרויסן אָוונט און פּאַראַד פון די הקפות:
ווער האָט זיך אומגעקוקט אין יענער שעה אויף רעגן?
אַז ס'האָט דער יום־טוב אָנגעפילט ביז פול דאָס האַרץ
און יום־טוב האָט אַרויסגעבליצט פון איטלעך אויג.
די בליצלאָמפּן און ליכט פונעם בית־מדרש
האָבן געשטראַלט, געבלענדט, געשפּריצט מיט פרייד,
און מיטן ליכט האָט אין דער אָנגעגליטער לופט
געשטראַמט גרויס ליבשאַפט און גרויס דבקות
צום גאַנצן כלל, ביז צו מסירת־נפש.
די שול איז פול געווען, געפּיאָפּט פון ברעג צו ברעג:
אין נאַכט פון שמחת־תורה איז די מחיצה
צווישן מאַנצבילשער און ווייבערישער שול
געוואָרן אָפּגעווישט; בלויז אַלטע ווייבער,
און שווערע און מיוחסדיקע באַלעבאָסטעס
זיינען געבליבן זיצן ביי די פענצטערלעך
און צוגעקוקט פון אויבן — די יינגערע,
די שיינע ווייבלעך און די כלה־מיידלעך,
האָבן זיך אויסגעמישט צווישן עולם מאַנצביל
און צוגעגעבן פאַרב און ליכטיקייט און חן.
די ערנסטע און שווערע ספרי־תורה,
וואָס שטייען אַ גאַנץ יאָר אין אָרון־קודש

אין שטרענגער אָפּגעשלאָסנקייט מיט זייער סוד —
זיי גייען אום איצט היימיש-נאָענט אַרום דער בימה
אין אויסגעהאָפּטענע מיט גאָלד-און-זילבער מענטלען,
געטראָגן אויף די הענט און צוגעדריקט צו הערצער
פון יידן מיט די ווייסע ציטערדיקע בערד;
די גלעקלעך פון די קרוינען קלינגען צו
בנעימותדיק צום ריטם פון די קורצע טריט
צאַרט, גאָלדיק, איידל; די געצאַמטע שטימען
פון אויסגעפוצטע ווייבלעך און פון מיידלעך
מיט ליכטיקע און אויפגעבליצטע אויגן,
זיי קלינגען מיט, טיף בויגנדיק די יונגע קעפּ
די רייניקייט צו קושן: „דערלעבט איבער אַ יאָר"!
און ס'ענטפערט אָפּ דער טרעגער פונעם ספר
מיט ווירדע און מיט האַרציקייט: „גם אתם"!
קאָליר און קלאַנג און ברענענדיקע פרייד.

אויך מיר, דאָס קליינוואַרג, קליינע חדר-יינגלעך,
די יינגלעך פונעם חומש, פון נביאים און גמרא,
גאָטס קליינע קנעכט, מיר האָבן מיטגעברענט
אין לייב און זעל פאַרכאַפּנדיקער שמחה.
די אויפגעבליצטע אויגן האָבן דורשטיק
אַריינגעזאַפּט די פולע פרייד, דאָס גאַנצע ליכט,
וואָס האָט געקוועלט, געפלייצט פון אַלע ווינקלען.
באַנייט לכבוד יום-טוב און באַקליידט
ווי אַ באָבשויט — ווי עס גייט צום גראַם —
אין נייע „טשאַרטאָווע-קאָזשע" גאַרניטורן,
וואָס בעסערס און וואָס שענערס קען נישט געבן,
אין נייע אויסגעווינטע הויכע שטיוועלעך,
וואָס שמעקן נאָך מיט פרישן יוכט און סקריפּן
און מיט קאַשקעטן ווינטערדיקע אויף די קעפּ —
אויך מיר זיינען אין ברענענדיקן גאַנג
געגאַנגען אַרום בימה מיט די נביאים
פעסט צוגעדריקט צום האַרץ. ר' הענעך גבאי,
אַ טייערער בנעימותדיקער ייד,
פלעגט אויסטיילן די נביאים צו די יינגלעך,

דערנאָך געהאַט אַ שווערן עסק, ווי אַזוי
דעם ספר פון אַ יינגל אָפּצונעמען
און עס פאַרטיילן צו אַ וויינענדיקן חבר,
מחמת, דאָס יינגל מיטן ספר אין די הענט
איז נישט געווען מרוצה זיך מיט דעם צו שיידן.
האָט ער געמאָנט ביי אים, געפאָדערט יושר,
האָט אָנגעווענדט אויף אים זיין גאַנצן אַרסענאַל
פון לעבנס־חכמה און פון פיינע מידות,
האָט צוגעזאָגט אים גאַנצע ברעג מיט גליקן,
אַזש האָניק האָט געטריפט אים פון די ליפּן:
„סטייטש, סטייטש" — האָט ער געטענהט, זיך געחנפה'ט —
„וואָס הייסט, ס'איז דאָך אַ פּסוק אַ בפירושער:
„לא תסיג גבול רעך"? זאָג אַליין,
„דו קענסט דאָך לערנען, היינט ווי שיקט זיך דאָס,
„אַז דיר זאָל איינפאַלן צו מאַכן צוויי הקפות
„און בערל איינע אויך ניט?"

דער אמת איז,
אַז אונדז איז דאָס בפירוש איינגעפאַלן —
אַי בערל וויינט נעבעך, איז זאָל ער וויינען.
נאָר גיי און העלף זיך, ר' חנוך פלעגט אויספירן
און ס'האָבן קיין שום קונצן ניט געהאָלפן,
מיט טרערן אין די אויגן נעבעך אָפּגעגעבן.
נאָך אונדז האָבן מאַרשירט די „דרדקים"
מיט פלאַטערדיקע פאָנען — דגל מחנה יהודה —
אין שרייעוודיקן רויט און געל און גרין;
אויף איין זייט פאָן — צוויי מאַיימדיקע לייבן,
די צינג אַרויסגעשטעקט, מיט מוראדיקע עקן
וואָס גרייכן ביז די נעז, און אויף דער צווייטער זייט
שטייט משה אויסגעמאָלט מיט שטאַרקע הערנער,
מיט לוחות אין די הענט און אהרן הכהן
מיטן חושן ואפוד אויף דער לאַנגער זשופּיצע,
און אויסגעזען, זאָל פעלן נאָר אַ האָר,
ווי „מרדכי היהודי" אין מיין מאַמעס טייטש־חומש.
אויף די געטאָקטע שטעקלעך פון די פאָנען

זיינען געזעסן רונדע עפּל, זיך גערויטלט,
פאַרשמעקט די הייסע לופט. און מיט די דרדקים,
און אויסגעמישט מיט זיי, האָבן געוואַקלט זיך,
געפלאָנטערט און געטאָפּטשעט זיך די „פּיזשיקעס",
אַ שפּאַן צי צוויי די הויך, די יינגעלעך
מיט די אַרויסגעשטעקטע עקן פון די העמדלעך
און מיידעלעך אין די קאָלירטע קליידלעך
מיט קורצע קליינע באָמבלדיקע צעפּלעך
מיט רויטע און מיט בלויע סטענגעס דורכגעפלאָכטן.
אַ ווימלענדיקער פילקאָלירטער קנויל
וואָס האָט געלאַכט, געגראַגערט און געוויינט,
געטומלט מוראדיק. איבער דער געדיכטעניש
האָט האָפערדיק און שפּילעוודיק געהנדלט זיך
דאָס פריידיקע געזאַנג פון שליח־צבור,
וואָס האָט געשפּאַנט בראש פון דער פּראָצעסיע
מיטן מחזור דעם צעעפנטן אין האַנט:

עוזר דלים הושיעה נא!
פודה ומציל הצליחה נא!

דערנאָך, דער גרויסער מאָרגנדיקער טאָג,
אַ טאָג פון לויטער פרייד, ווען ס'האָט אַ פאָלק
אַריינגעאָטעמט פריידיק „ס'פייערדיק געזעץ" —
דער מאַיעסטעטישער פינאַל פון ספר־דברים,
וואו משה דער געטלעכער מאַן געזעגנט זיך
און בענטשט די קינדער פון ישראל פאַר זיין טויט:
„און ער האָט אַזוי געזאָגט: גאָט איז פון סיני געקומען,
„און ער האָט אויפגעשיינט פאַר זיי פון שעיר;
„ער האָט אויפגעשטראַלט פון באַרג־פּארן,
„ער איז געקומען פון די הייליקע צענטויזנטן
„און אין זיין רעכטער האַנט דאָס פייערדיק
„געזעץ פאַר זיי". — אַזוי די גאַנצע שירה,
מיט ברכה און געזאַנג צו יעדן שבט,
וואָס גליט און ברענט אין ווייטער אייביקייט
מיטן געבענטשטן ליכט פון ערשטן רעגנבויגן,

מיט פּערלדיקן טוי אויף פרילינגס גראָזן.
פון אור־פּעלז האָט דער מייסטער זי געשניטן,
און כוח האָט ער אין איר וואָרט אַריינגעטאָן,
אַז ס'זאָל אַ פאָלק אַדורכגיין אַלע פייערן
פון גאָרער גרויסער וועלט און ניט פאַרברענט ווערן;
געטויט צו ווערן מיטן ליד אויף זיינע ליפּן,
און אויפהויבן זיך באַלד צום נייעם לעבן.
און באַלד דערנאָך די קורצע שילדערונג
אין זאַכלעכע און קורצע, קילע פּסוקים
פון משה'ס טויט: „און משה איז אויפגעגאַנגען
„פון מואבס פלוינען אויפן באַרג נבו,
„אויפן שפּיץ פון פסגה, וואָס אַקעגן יריחו,
„און גאָט האָט אים באַוויזן ס'גאַנצע לאַנד,
„דעם גלעד ביזקל דן; און גאַנץ נפתלי
„און דאָס לאַנד פון אפרים און מנשה,
„דאָס גאַנצע לאַנד יהודה ביזן לעצטן ים;
„דעם נגב און דעם געגנט און יריחו־טאָל,
„די שטאָט פון טייטלבוימער, ביזקל צוער.
„און גאָט האָט צו אים געזאָגט: דאָס איז דאָס לאַנד,
„וואָס כ'האָב געשווואירן צו אַברהם, צו יצחק
„און צו יעקב'ן, אַזוי צו זאָגן:
„צו דיינע קינדער וועל איך עס געבן;
„כ'האָב דיך געלאָזן זען מיט דיינע אויגן
„אַהין אָבער אַריבערקומען וועסטו נישט.
„און משה, דער קנעכט פון גאָט, איז געשטאָרבן דאָרט
„אין לאַנד פון מואב, דורכן מויל פון גאָט".
דער רבי לייענט שנעל און האָפּערדיק,
נאָר אין דער שטאָלץ און דער געהויבנקייט פון לייענען
וויברירט אַ ציטערדיקער קלאַנג, כ'וואָלט שווערן,
דער רבי האַלט ביים וויינען. (אין יענער רגע
איז ס'קינדיש האַרץ אים מוחל במחילה גמורה
פאַר אַלע זיינע שאַרפע פעטש, פאַרדינטע
ווי נישט פאַרדינטע, בוכצעס און סטוסאַקעס
אַריינגעכאַפּטע דורכן גאַנצן זמן).

און מיר, די חדר־יינגלעך, די געזונטע שטיפער,
מיר האָבן יענעם טאָג זיך אָנגעזען
מיט גאָר טשיקאַווע זאַכן פון די גרויסע.
גאָר קודם — איז דער לאַנגער תהלים־טיש
געווען פאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער.
די סטעאַרין־ליכט האָבן יום־טובדיק געברענט
אין די געשייערטע און פינקלדיקע לייכטער,
און זיך געשפּיגלט אין די פלעשער בראָנפן
און אין די קלאָרע קעלישקעס און גלעזלעך.
די געלע און געווירצטע האָניק־לעקעכער
אין שטויסן גאַנצע, ליגן אויפגעשניטענע
אויף זייערע געפילטע גרויסע ראָזשינקעס
אין גרויסע שטיק, און איטלעך איינער,
וואָס איז אַרונטער נאָכן אויפרופן פון בימה
איז צוגעקומען צונעם טיש, אַביסל שעמעוודיק,
צו מאַכן ברכה. ר׳ העניך גבאי
האָט שוין פאַר יעדן איינעם אַ באַזונדער ווערטל,
געווירצט דאָרט מיט אַ פּסוק, צי אַ מדרש,
גיסט אָן אַ גלעזל בראָנפן, טראָגט עס אונטער:
„דערלעבט איבער אַ יאָר!” אַ מורמל פון „שהכל”,
גענומען צו די ליפּן, זיך פאַרקרימט: „גם אתם!”
„מיט בשורות טובות און ישועות און נחמות!”
ס׳איז שיין געווען דעם עולם אָנצוקוקן
אין יום־טובדיקע בגדים מיט די יאַרמלקעס
און די טליתים מיט די בלויע פּאַסן.
די אייביק כמאַרנע און פאַרזאָרגטע פּנימער
צעלויכטן זיך, אַ חיות: עפּעס גאָר
אַ נייע הויט האָט זיך אויף זיי אַרויפגעצויגן,
און זע אַ וואונדער: באַלד שוין נאָכן ערשטן שלוק
די יידן מיט די לאַנגע בערד און פּיאות,
זיי רופן אויפן הויכן קול זיך איבער,
ווי נישט געזען זיך מי־יודע לאַנג —
אַריינגעפאַלן פּלוצים ווי דורך כשוף־שפּרונג
צוריק דאָרט אין די ווייטע חדר־יאָרן.
פון דעם בכבודיקן שווערן באַלעבאָס

ווערט פּלוצים: „אַבקעו!" „חיימקעו!" „אברהמקעו!"
ר' ישראל שלמה, אַ ייד אַ חסיד,
אַן איינציקער אין שטעטל פון מתנגדים,
אַ ייד אַ געוואַלדאָווונער מרה־שחורהניק
מיט אַ מאויימדיקער געלער באָרד און פּיאות —
פאַלט פּלוצים אין עקסטאַז אַריין, צעפּאָכעט זיך,
שרייט אויס התלהבותדיק זיין גרויסן רוף:
„מי עלה למרום?" און ס'ענטפערט אָפּ דער עולם
„משה עלה למרום!" שפּרייט ער אויס די הענט,
פאַררייסט די געלע באָרד צום ווייסן באַלקן,
פּאַטשט אין די דלאָניעס, טופּעט מיט די פיס,
טוט אומגעריכט אַ קער זיך צו די חדר־ייִנגלעך
מיט אַ באַפעלערישן רוף: „צאן קדשים!"
און מיר, די חדר־יונגען, ענטפערן אָפּ,
ווער הילכיק און ווער קוויטשיק אויפן בייקולכל,
פאַרהילכן דאָס בית־מדרש טומלדיק
מיט איין אַן אויסגעצויגן־לאַנגן „מע־ע־ע",
ווי קליינע מעקעדיקע שאָף.

אָבער אויף מאָרגן
איז אַלץ אַריינגעפאַלן אין אַ שווערער עצבות.
עס איז געווען, ווי ס'וואָלט דאָס לעצטע טראָפּן פרייד,
געוואָרן אויסגעברענט פון מענטשנס הערצער,
פאַרגאָסן פון אַ קאַלטער מרה־שחורה.
דאָס לעבן איז געוואָרן גאָלע חולין:
אַראָפּגעפאַלן פונעם העכסטן שפּיץ פון יום־טוב
אין טיפער גרוב פון גרויער וואָכיקייט.
די אַלטע בגדים און די שטיוול מיט די לאַטעס
זיינען נאָך אָרימער און קויטיקער געוואָרן;
די יום־טובדיקע האָפערדיקע מענטשן —
געוואָרן עפּעס קליין און איינגעשרומפּן,
פאַרלאָרן זייער מראה; עס האָט אויסגעזען,
ווי ס'וואָלט דער שימלדיקער נאַסער הימל
זיי צוגעדריקט און איינגעפּלעטשט אין בלאָטע.
דער רעגן איז געגאַנגען אינדערקרים,

געטריבן פונעם קאַלטן ווינט, געפּאַטשט אין, ווענט,
געשווײנקט די דלותדיקע אַלטע דעכער,
געקלינגלט און געקלאַפּט.

אין יענע טעג
פלעגט מען אַרײַנשטעלן די דובלטן
אין די פאַרווײַנטע אומעטיקע פענצטער —
אַראָפּגעטראָגן זיי פון אויבן, פונעם בוידעם,
מיט בלינדע שויבן, אײַנגעבאַקענע מיט שטויב,
מיט מיאוסע כמאַרעס שפּינוועבס אויף די ראַמען,
די מאַמע און די שוועסטער זײַנען פאַרנומען:
די קעפּ פאַרבונדן מיט געבלומטע טיכלעך,
מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל איבער אײַלנבויגנס —
דאָס דובלט ווערט געוואַשן און געשײַערט
מיט וואַרעם וואַסער, זייף, צעשטויסן קרייד,
און באַלד באַקומט עס גאָר אַן אַנדער מראה:
די בלינדע שויבן זײַנע האָבן אויפגעלעבט,
געוואָרן זעעוודיק און זיך צושפּיגלט,
און די פאַרשוואַרצטע ראָם איז ריין און ציכטיק,
געוואָרן געלבלעך־ווייס אין איר געהובלטקייט
און שמעקט מיט פרישקייט פון געוואַשן האָלץ.
אויפן שוועל פון פענצטער אָנגעשאָטן געלע ערד
און אײַנגעפּרעסט אין בערגלדיקער רונדקייט,
די שטייפע רונדקייט אויסגעבעט מיט וואַטע,
ווי פריש געפאַלן שניי; די שוועסטער שערט
אין גרויסע בויגנס רויט און בלוי פּאַפּיר
און פלעכט די פּאַסן אויס אין לאַנגע קייטן
און הענגט זיי אויס אין חלל פונעם פענצטער;
פרעסט אין דער וואַטע מיטן זאַמד אַרײַן
די צוגעגרייטע רויטע גלעזלעך מיט אַנאַליעם
(אַ סגולה, ס'זאָל דאָס גלאָז פון שויב ניט שוויצן)
צעוואַרפט אויף דעם וואַטאָוונעם ווייסן שניי,
ווי כלומרשט צופעליק, אַ דריי־פיר הענגלעך
פון רויטע זשוראַווינעס מיט די גרינע בלעטלעך;
ערשט נאָכדעם ווערט דאָס דובלט אײַנגעפּאַסט

און ווערט אַרומגעקלעפּט אין לענג און ברייט
מיט ברייטע פּאַסן פון אַ געל און דיק פּאַפּיר,
אַ שוץ פאַר ווינט און קעלט; און באַלד דערנאָך
פאַרלירן שטימען זייער אָפּקלאַנג, ווערן שטילער,
געזעצטער, איינגעהאַלטענער — פאַרפאַלן:
דער ווינטער קומט.

אַריינגעקומען איז ער
אַפּריער נאָך מיט קרענץ פון געלע ציבעלעס,
וואָס זיינען אויסגעהאַנגען אויף די ווענט
פון קילן פירהויז און מיט קליינע קרענצלעך
פון ציינדלדיקן קנאָבל מיט די ווייסע בערדלעך;
אין סקלעפּ: אַ הורבע בולבעס אָנגעשאָטן,
און אין אַ צווייטן ווינקל: געלע מערן,
און ווייסע שווערע קרוצקעס, שוואַרצע רעטעכער
און סוקעוואַטע שטעקנס פונעם האַרבן כריין.
אַחוץ דאָרט נאָאַשערייען צו דערקוויקן ס'האַרץ
און צו דערפרייען ס'אויג: די באָרדאָ־רויטע ברוקנעס,
אין שוואַרצע הליאַקעס ערדענע, גלאַזירטע,
געמאַרינירט מיט עפּל און די פּערטלען
מיט צוקער און מיט צימערינג און נעגעלעך,
און כל־המינים איידעלע געפּרעגלעכטסן
אין גלאָז און ליים געשיר, פאַר כיבוד און פאַר לאַבונג.
אַ קעלער פון כל־טוב. אַצינד האָט מען באַדאַרפט
די לעצטע אַרבעט אָפּטאָן: שטעלן קרויט.
אין איינעם אַ פרימאַרגן האָט מען אָנגעפירט
אַ שלל מיט קעפּלעך קרויט; פאַרלעגט דערמיט
די צוויי קאַנאַפּעס און די באַנק ביים אויוון
און הויכע פּיראַמידן, קאָפּ אויף קאָפּ.
די קעפּלעך זיינען שווער און שטייף געוויקלט
מיט גראָבע ווייסע אָדערן און בלאַסן גרין,
געשמעקט מיט נאַסער ערד און יעשן־רעגן.
אַריינגעבראַכט די גרויסע צוגעגרייטע פאַס,
געקראַגן ערגעץ וואו דעם לאַנגן שמאָלן הובל
וואָס האָט זיך פונקט אַריינגעפּאַסט איבער דער פאַס —

און זיך געשטעלט צו שעטעקווען דאָס קרויט.
די פּנימער צוגליען זיך די אויגן גלאַנצן;
די ווייסע לאָקשן פון געבראָקטן קרויט
זיי פאַלן מיט אַ שטילן שאָרך אין קיילע;
די שאַרפע מעסערלעך פון פייכטן הובל
זיי גלאַנצן זילבערדיק באַהויכט פון זאַפטן;
אַ פיר־פינף צאָל אין קיילע אָנגעשניטן —
ווערט אויפן פרישן קרויט מיט אַ געניטער האַנט
פאַרשפּרייט אַ הויפן זאַלץ, אַ הייפל קימל,
אַביסל מעלצוקער און הייפלעך רויטע ברוקנעס,
פאַר טעם און פאַר קאָליר, אַזוי כסדר.
און מיטן אָוונט, שוין ביים ליכט פון לאָמפּ,
ווערט אָפּגעטאָן די אַרבעט; די פולע פאַס
ווערט צוגעקייקלט אינעם ווינקל וואָס ביים טיר;
דאָס קרויט באַדאַרף זיך אויסשטיין אינדערוואַרעם
ביז ס'וועט זיך איבעריערן, ווערן זויער.
די מאַמע זעצט זיך צו, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם:
„אַ לויב זיין ליבן נאָמען, שוין, אַראָפּ אַ משא,
אַריינגעבראַכט דעם ווינטער!"

## אין חדר יענע טעג

איז טונקל־גרוי געווען און אומעטיק —
די רעגנדיקע גרויקייט פונעם וויסטן דרויסן
האָט אָפּגעשפּיגלט זיך אין רבינס פּנים
און אין די אויסגעבלאָסטע דינע פּנימלעך
פון צוויי ביז דריי מנינים קליינע יינגלעך,
וואָס האָבן אויף די אויסגעדאַרטע פּלייצעס
געטראָגן שטיל דעם שווערן יאָך פון תורה.
דער חדר איז באַשטאַנען פון איין לאַנגן צימער,
וואָס האָט פאַרמאָגט צוויי פענצטער: איינס צו צפון
און איינס צו דרום. אַ טיש אין פולער ברייט
פון צפונדיקער וואַנט, דער אויבנאָן,
אַקעגנאיבער דעם בית־מדרש, און אַ טיש
לענגאויס פון חדר, און פון ביידע זייטן טיש
די ברייטע לאַנגע בײנק פאַר די תלמידים;

אונ ביי דער דרום־וואַנט אַ לאַנגע ברעט,
נישט העכער פון אַ באַנק, וואָס האָט געדינט
פאַר טיש, פאַר חברה אַלף־בית, פאַר קליינוואַרג.
אַקעגנאיבער טיש לענגאויס פון חדר —
אַ גרויסער וואַנטאויוון, וואָס האָט געהאַט זיין מויל
צום דרומדיקן ברעט און צו דעם פענצטער.
דאָס לימוד האָט זיך אָנגעהויבן מיטן דאַוונען,
דאָס גאַנצע שחרית־דאַוונען פון „מה־טובו"
און ביז די „אַני־מאמינ'ס", מיטן יום פון תהלים.
דערנאָך די סדרה פון דער וואָך מיט רש"י,
מיט אַלע אויסרעדעכצן, נישט פאַרפעלט קיין ברעקל.
דאָ רעדט זיך פון דער העכסטער כתה יינגלעך,
אַלץ בחורים פון אַ יאָר צען ביז דרייצן;
דערנאָך דאָס בלאַט גמרא פאַר דער גאַנצער וואָך —
(אָ דאָנערשטיקע געלע בלאַט פון „בבא מציעא"
דאָס פועל יוצא פון אַ פולער קנעלוואָך,
ווען ס'האָט דער רבי ר' אַברהם פאַרזוכט די פרוכט
פון ביטערער און שווערער פראַצע זיינער
און — פע, די פרוכט איז ביטער! ס'איז געווען
אַ טאָג פון קלאָג, געוויין, און קריצעניש פון ציין;
און נישט אין איין יונג האַרץ האָט זיך פאַרקליבן
אַ מוראדיקע שנאה צו דער בבא־מציעא
אויפן גאַנצן לעבן זיינס!) ביים האַלבן טאָג
פאַנאַנדערגעלאָזט חדר אויף אַ קנאַפּער שעה
און ווידער זיך גענומען צונעם לימוד:
געחזרט דאָס געלערנטע אויפן קול
אַ פסוק נאָך אַ פסוק, לויטן שטייגער.
פאַרנאַכטצו, שוין ביים אָנצינדן דאָס לאָמפּ,
פאַלט איין קורץ וואָרט פון רבין: שרייבן!
די קליינע „כתבא־רבאָס" ווערן שטאַרק פאַרנומען
מיט צוגרייטן די שרייב־מכשירים פאַרן לימוד:
די טינט־און־פעדערס, העפטן „זעמדלעך". (וואָס,
איר ווייסט נישט וואָס אַ זעמדל איז? דאָס איז,
אַ רונד אַ בלעכן שו־וואַקס קעסטעלע,
וואָס אויף זיין דעקל שטייען אויסגעמאָלן

צווײ קלײנע שדימלעך, וואָס זיצן אויף די עקן
און פוצן פלינק אַ שטיוול; ס'דעקל ווערט
אַרודכגעשלאָגן מיט אַ דינעם נאָגל
אין קלײנע און געדיכטע לעכלעך; ס'קעסטעלע
ווערט אָנגעפילט מיט טרוקן זאַמד און דינט
אויף צו באַשפּרענקלען דאָס פּאַפּיר פון שרײבעכץ
אַנשטאָט אַ לעשפּאַפּיר; דאָס נאַסע זאַמד
ווערט אָפּגעשנאָלן פון דער צווײטער זײט פּאַפּיר —
דאָס הײסט: אַ זעמדל). וואָס האָט מען געשריבן?
צווײ מאָל אַ וואָך געשאַרפט די קעפּ אין חשבון
און שרײבן רוסיש, נאָכגעשריבן אַן „אַפּאָר".
די אַנדערע דרײ טעג געשריבן „לשון־קודש".
למשל: אַ דיקטאַנט מיט האַרבע ווערטער;
ס'העברעאיש צײטוואָרט אויסצושרײבן
אין אַלע זײנע זמנים און בנינים.
אַמאָל פאַרגעבן אונדז אַ בריוו צו שרײבן:
אַ שלום לידידי בריוו צו אַ מחותן,
אַז שבת־חנוכה, אם ירצה השם,
וועלן מיר קומען זיך צו פרײען מיט זײן פּנים;
און מיר באַדאַנקען אים גאָר שטאַרק פאַר זײן מתנה
דעם זײגער און די קײט פון זהב טהור,
וגם מיר בעטן אים און בעטן אים ביז גאָר
צו דורש זײן בשלום פון מחותנת און דער כלה.
אַ סוחריש בריוול צו אַ יוסטן סוחר:
ער זאָל מטריח זײן זײן כבוד, שיקן אונדז תומ"י,
אַזויפיל זעקלעך קאָרנמעל וגם געבײטלט מעל,
אַזויפיל און אַזויפיל קמח־סולת,
ולמען השם אָן פּסולת און אין גלײכן מקח,
ווײל פון דער פריערדיקער סחורה, הײסט עס,
האָבן מיר געליטן גאָר אַ גרויסן היזק, פּשוט,
בדיל־הדל געוואָרן. נאָר קײן גרויסן טעם
האָט ער, דער רבי, אינעם שרײבעכץ נישט געפונען —
אַ סך מלאכה און גאָר ווײניק ברכה —
געמעקט געקלעקט, געשפּרענקלט מיט די זעמדלעך,
געשנאַלט אינעם פּאַפּיר, געביסן מיט די צײן

די קיילעכדיקע האַלטערס פון די פעדערס,
זיך אויסגעשמירט מיט טינט די הענט און פנימער,
אַרויס פון עסק שוואַרץ ווי קוימענקערער.
„די פיינע טינטלער" — האָט דער רבי אונדז געקרוינט
מיט גאָר אַ נייעם טיטל און זיך אומגעקערט
צוריק צום אַלטן אויסגעפּרופטן דקדוק,
וואו ס'העלפן נישט קיין שמד־שטיק און קיין קונצן.
דאָס לעצטע לימוד איז געווען: „שוואַרבע",
אַ שעה פון חסד נאָך אַ שטורעמדיקן טאָג.
געמיטער ווערן איינגעשטילט, באַרואיקט,
מעלאָדיש קלינגען אויף די פסוקים מיטן ניגון,
און אויגן לייכטן מילד און שטיל פאַרחלומט.
דערנאָך געדאַוונט מעריב אויפן קול
און זיך אַרויסגעקייקלט, ווי די שאָף, פון חדר
אין שוואַרצער נאַכט אַריין און אין דער בלאָטע,
ביז מאָרגן אינדערפרי.

נאָר דאָנערשטיק פאַרנאַכט
האָט שוין אַ ווײַ געטאָן אין לופט אַן אַנדער ווינטל
מיט גאולה פון דעם שווערן עול פון חדר.
(דער מאָרגנדיקער טאָג האָט נישט געשראָקן,
סך־הכל נאָר אַ האַלבער טאָג; דאָס לייכטע לימוד,
צו מעביר זיין די סדרה מיטן טראָפּ
און זאָגן שיר־השירים מיטן פיינעם ניגון
איז נישט קיין האַרבער ענין). אינדערהיים
איז וואַרעם, ליכטיק, ערב־שבתדיק;
די לאָדנס פון די פענצטער זיינען צוגעמאַכט,
זיך אָפּגעשלאָסן פון דער נאַסער שוואַרצער וועלט
אין וואַרימקייט און ליכט. עס שמעקט אין שטוב
מיט קיל, נאָר וואָס פאַרקנאָטן טייג און הייוון;
ס'קומט אָן אַ פריילעכער, באַריידעוודיקער,
דער נאָענטער שכן אונדזערער, דער געלער משה'ל,
אַ מענטש אַ מיטליעריקער, וואָס האַלט זיך יונג,
איז הויך און דין און רירעוודיק; דאָס געלע בערדל
אין צוגעשאָרן אין אַ קלין, די אויגן לאַכן;

איז ציכטיק אָפּגעהיט, אַן מינדסטן פלעק
אויף זיינע בגדים; אַ שאַפער אין די וועלדער,
אַ גרויסער מבין און אַ קענער אין זיין פאַך;
דערצו אַ יודע-ספר און אַ שאַרפער קאָפּ,
וואָס ווייסט זיין ווערט; מען זיצט ביים גלעזל טיי,
דער טאַטע איז גוט אויפגעלעגט און שמייכלט
און האָט צו טאָן מיט אַ ציגאַר אין האַנט,
עפּעס אַן אייביקער ציגאַר אַ טונקל-ברוינער,
וואָס ברענט און ברענט, ווערט קיינמאָל ניט פאַרברענט,
אַ צוויי-דריי צי — פּאָף-פּאָף — און לאָזט אים אויסגיין;
און משה׳ל רויכערט זיינע דינע פּאַפּירעסלעך
און ס׳גייט אַ בלויער רויך אויף פונעם טאַבאַק
און קרייזלט זיך צום באַלקן. דער שמועס גייט
און פלעכט זיך אַרום שטעטלשע ענינים
און ברייטערט אויס זיך וועגן גרויסער וועלט,
על פּי די לעצטע נייעסן פון „הצפירה״.
עס פאַלן אינעם גאַנג פון שמועס מאָדנע נעמען
פון מענטשן און פון זאַכן און פון לענדער:
איינער „סענדער דער געלער״ ווערט גאָר אָפּט דערמאָנט
און זיין באַהעלפער, ימח-שמו, איגנאַטיעוו,
מ׳רעדט פון „חובבי ציון״ און קאָלאָניעס;
פון נדיב באַראָן הירש און זיינע פּלענער,
וואָס גייט באַזעצן יידן אויף דער ערד
אין ערגעץ אַ ווייט לאַנד אין נייער וועלט,
וואָס טראָגט דעם קלינגנדיקן נאָמען: אַרגענטינע.
פון צווייטן חדר, וואָס ליגט האַלב אין טונקל,
לאָזט הערן זיך אַ מורמלעניש, אַ שושקעניש —
שו-שו, שו-שו — וואָס ברעכט זיך פּלוצים איבער
און פּלאַצט אַרויס אין פריידיקן געלעכטער.
דאָס האָבן שוועסטער גאָלדע און איר חברטע,
די קליינע באַשקע, טאַקע משה׳לס טעכטערל,
פאַרקליבן זיך אַהין און קערן וועלטן.
די דאָזיקע צוויי ציגן, ווי די מאַמע רופט זיי,
פאַרמאָגן עפּעס גאָר אַ וועלט מיט סודות,
וואָס נעמען קיינמאָל זיך ניט אויס; צעקריגן זיך

און ווערן תיכף שלום, לייב־און־זעל;
זיי האָבן זיך געמאַכט אַן אייגן לשון,
פול אָנגעפּראָפּט מיט נונען און מיט גימלען,
וואָס ס׳קען אַ מענטש אַ זייטיקער ניט משיג זיין.
די ביידע האָבן עפּעס אַ באַזונדער חוש,
ווי יונג זיי זיינען, צו דערטאַפּן אויפן פּלאַץ,
די מינדסטע שוואַכקייט און אַ ליאַדע באַרישקייט,
און לאַכן אָפּ און חוזק מכלומרשט אומשולדיק,
און לאָזן דיר אַ קאָפּ ניט אויפהויבן.
איך טראָג שוין לאַנג אויף זיי אַ האַרץ: אַנומלט,
אין איינעם אַ ראש־חודשדיקן טאָג,
צוריקגעקומען פונעם דאַווענען פון בית־מדרש,
די הענט פאַרלעגט אויף הינטן, מעשה באַלעבאָס,
רוף איך מיך אָפּ און טו אַ זאָג דער מאַמען:
„האָב איך זיך דאָס צעקאָכט היינט אינעם הללו!”
מער האָט מען נישט באַדאַרפט! אַ פּאָר טעג שפּעטער,
אין אַ מחלוקה צווישן די צוויי חברטעס,
שטעלט אויף זיך באַשקע מיט צעהיצטע ברוינע אויגן,
פאַרלעגט די הענט אויף הינטן, טוט אַ זאָג זיך:
„זע, זע, וואָס קאָכסטו זיך ווי סראָלקע אינעם הללו?”
און ביידע פּלאַצן אויס אין אַ פאַרשייט געלעכטער.
ניט מער, ניט ווייניקער. דאָס ערגסטע איז,
דאָס ווערטל גייט מיך נאָך איבערן שטעטל
און וואו צוויי מענטשן היצן זיך — בין איך אַ דריטער.
אַ חרפּה און אַ שמאַך.

פאַרקלייב איך מיך
אַרויף דאָרט אויפן געלן אַלמער, שפּרייט מיך אויס,
און ווער פאַרטראָגן אין די ווייטע וועלטן.
פאַראַן דאָ טייערע מחיהדיקע ספרים:
דער „יוסיפון” מיט שפּיצעכדיקע רש״י אותיות,
דער „בן־המלך והנזיר”, וואו די חיות
און עופות שמועסן זיך דורך ווי מענטשן,
דער האָן גיט קלוגע עצות און דער פוקס
בלייבט אַלעמאָל צו נאַר, ס׳איז גאָר צו לאַכן;
דער מאַמעס „תרגום־שני” — לויטער גאָלד און זילבער —

פון מלך־שלמה׳ס שטול מיט לייב און אָקס,
מיט לעמפּערט און מיט ציג, מיט וואָלף און שעפּעלע,
און מיט די ברומענדיקע טירקלטויבן,
אַלץ, אַלץ פון ריינעם גאָלד; און פון דער מלכת שבא,
מיט אירע חכמות, מיט די ווייבערישע קונצן,
וואָס איז געקומען אויספּרובן דעם קלוגן מלך
און איז געבליבן אויסגעשטעלט במחילה:
„ער האָט אַנטפּאַנגען זי גאָר קעסטלעך"
דערציילט זיך אין דעם אַלטן „תּרגום־שני" —
ווען קיניג שלמה האָט דערהערט: די מלכּה קומט,
האָט ער געזעצט זיך אין אַ גלעזערן חדר,
די ווענט, די סטעליע, די פּאַדלאָגע — לויטער גלאָז —
האָט זי געמיינט, דער מלך זיצט אין וואַסער
און זיך געקליבן דורכבראָדזיען דאָס וואַסער,
און האָט איר קלייד אַ שפּאַר ביסל פאַרהויבן —
אַזוי האָט ער דערזען, דאָס אירע שיינע פּיס
זיינען באַדעקט מיט האָר — האָט ער געלאַכט
און האָט געזאָגט: דיין שיינקייט איז פון ווייבער,
נייערט, דאָס האָר אויף דיינע פּיס איז שיין פאַר „מאַנזבלען".
האַ־האַ! מ׳קען גאָר וואויל זיך פאָרשטעלן,
וואָס פאַראַ פּנים זי האָט עס געהאַט
ביי זיך אַליין אין דער מינוט; האָט נעבעך
זיך אָפּגעווישט די ליפּן און פאַרשוויגן —
אַ ברירה האָט זי דען געהאַט? — האָט זיך פאַרנייגט
און האָט געזאָגט צו אים: מיין ליבער הער,
איך האָב דריי רעטענישן דיך צו פרעגן,
ועסטו זיי ענטפערן — דאַן וועל איך וויסן,
דו ביסט איין גרויסער חכם, אַלאָ ניט —
דאַן ביסטו גלייך צו אַלע אַנדערע מענטשן.
(איך וועל די רעטענישן דאָ ניט ברענגען,
מחמת זיי זיינען וואויל באַוואוסט צו יעדן איינעם;
גענוג וועט זיין צו זאָגן, אַז ער האָט
אַריינגעטראָפן ביז אין סאַמע פּינטל.)
און דאָ ציטיר איך ווייטער פונעם „תּרגום־שני".

האָט זי געשענקט דעם קיניג טייערע מתנות
פון גינגאָלד, אײטל זילבער, גוטע שטיינער,
גוט־האָלץ און פּיזעם: ס'איז נאָך ניט געזען
און ניט געהערט געוואָרן פון זוי אײן מתנה.
אויך איז דער קיניג ניט געבליבן קיין בעל־חוב —
ער האָט דער קיניגן געגעבן אַלץ,
וואָס נאָר זי האָט באַגערט. אויף דעם מאַכט רש"י:
זי האָט באַגערט פון אים אַ זון אַ חכם,
וואָס זאָל איר מלוכה פירן אַזוי קלוג, ווי שלמה,
און ער האָט איר באַגער דערפילט; דערנאָך האָט זי
געזעגנט זיך מיט אים און זיך צוריקגעקערט
צו זיך אין לאַנד אַריין. דאָס ייִנגל אויפן אַלמער
זעט ממש דאָס געזעגעניש פאַר זיינע אויגן:
אַ לאַנגער קאַראַוואַן פון שווערע עלפאַנטן,
מיט פיס ווי קלעצער, מיט די לאַנגע שנויצן,
מיט מוילאייזלען, מיט אירע האַרן און באַדינער,
מיט האַק און פּאַק, נעמט רירן זיך פון ברייטן פּלאַץ,
וואָס פאַרן קיניגס פּאַלאַץ. בניהו,
דער זון פון יהוידע, שלמה'ס רעכטע האַנט,
איז אויך דאָ אויפן פּלאַץ: ווי דעמלט,
דער ערשטער ביים באַגעגעניש, אַזוי אויך איצט
דער לעצטער ביים געזעגעניש; דאָס מצריש פערדל
אונטער דעם גוטן רייטער בליצט פון שוואַרצקייט
און שפּריצט מיט שטיקער ווייסן שוים און שנאָרכט.
אַ שוואַרצער בליץ, וואָס שופּט צווישן עלפאַנטן,
ווי צווישן הויכע בערג; און ער, דער גיבור,
פירט איין אַ סדר מיט אַ וואָרט, אַ וואונק,
צווישן די באַדינער־כושים. די אָוונטזון
גליט רויט און צינדט דעם מירמל־פּאַלאַץ
און שפּיגלט זיך און ברענט אין די געשפּאַנען
און אין די שפּיזן פון די כושים־זעלנער.
בראש פון דער פּראָצעסיע שפּאַנט דער שענסטער
און שווערסטער עלפאַנט; אויף זיין ברייטן רוקן
זיצט אַ געצעלט פון פורפל־פאָרהאַנגען;
צוויי אָרעמס טונקעלע אין רינגען און בראַנזלעטן

צענעמען איידל שטיל צוויי פאַרהאַנגען
און אין דער עפענונג בלייבט שטיין די מלכּה
אין גלימצערדיקער קרוין פון איידלשטיינער,
מיט שוואַרצע האָר צעפלאָסן אויף די פּלייצעס
און ס׳קלינגען די בראַנזלעטן פון רויט־גאָלד
און רייפן־אוירינגען, אינגאַנצן איין שטיק פייער.
זי שיקט איר לעצטן גרוס צום קיניג שלמה:
די אויגן — ביינקען, נאָר די ליפּן שווייגן
און ער, דער מלך, שטייט אויפן באַלקאָן
פון צווייטן גאָרן פון זיין גליענדיקן פּאַלאַץ,
אין קיניגלעכער טראַכט געקליידט, און שיין איז ער,
ווי ס׳ווערט באַשריבן אין זיין „שיר־השירים״:
די לאָקן שוואַרץ ווי ראָב, און אויגן האָט ער
ווי טויבן בלויע צוויי אויף קוואַלן וואַסערן.
ער שטייט פאַרטראַכט, אַן אָדערל אַ בלויס
אין הויכן בלאַסן שטערן צוקט און צוקט;
ער שטייט און האַלט אין פאָכען מיט אַ טיכל
שוין לאַנג נאָכדעם, ווי ס׳איז דער גאַנצער קאַראַוואַן
פאַרשוואונדן אין אַ ראָזן וואָלקן שטויב.

# ווינטער

אין דעם באַגין פון פרייטיק, ערב־שבת,
דערגייען צום געלעגער: קלאַנג, קאָליר און ריח,
וואָס וועקן דיך און רייסן פון דעם בעסטן שלאָף.
דער קלאַנג — פון לאַנגער קרומער קאָטשערע,
וואָס רודערט צווישן ברענענדיקע קוילן
אין טיפעניש פון באַקאויוון; און באַלד דערנאָך
אַ צישעניש פון נאַסער ווייכער פאָמיעלע,
וואָס גייט איבער די רויט־צעגליטע ציגל
און קערט דאָס אַש; און צו די נאָזלעכער דערגייט
דער שאַרפער ריח פון געברענטע יעגלע־נאָדלען,
וואָס קרעלט אין האַלדז און ריח פון פאַרשרפּהט טייג
פון מאַמעס „נעמען חלה". ס'ליגט די שטוב
אין חשכות נאַכטיקן אין פולער לענג,
נאָר אין דער ברייט, שטראַלט אויס פונעם צעגליטן אויוון
אַ שטיל און וואַרעם רויז־קאָליר אין גלי,
וואָס לעגט זיך אויף דער ברעטערנער פאָדלאָגע
און וואַרפט זיך אויף דעם ווייסגעקאַלעכטן סופיט,
און שפּיגלט זיך אין די צעגלאַנצטע שויבן
פון דעם אַקעגנאיבערדיקן דובלט,
ווי אין אַ שוואַרצער אָזיערע. די מאַמע,
אין ליכט אין דאָזיקן, אין אומגעווײנטלעכן,
זעט אויס פאַרפלאַמט; דאָס טיכל אויפן קאָפּ —
אָט ווייס, אָט ראָז, דאָס ווענדט זיך אָן דעם בויג
און אָן דעם הייב פון קאָפּ אין דעם מאָמענט.
עס בלינצלען ראָזע פונקען אין די קאַרע אויגן
און איטלעכע באַוועגונג פון די פיינע הענט —
געמאָסטן, אויסגערעכנט און געשיקט.

די חלות מיט די פלעכטלעך אין די בעקנס —
זיינען הויך אויפגעגאַנגען, פאַלן אַריבער
איבער די ראַנדן פון די אייל־געשמירטע בעקנס,
וואָס שטייען גרייט שוין, אויפן קליינעם טישל,
אונטער דער גראַטקע פון געשיר; דאָס גענדזנפליגל
אין אירע הענט, געטונקט אין געלכל פון אַן איי,
גייט אום געשיקט איבער די בלאַסע פלעכטלעך
און פאַרבט זיי געלב; אַריינגערודערט זיי,
די איבערפליסנדיקע בעקנס אינעם אויוון —
צעטאַנצט זיך מיט אַ ניי און העל געקלאַנג
דער מעשענער טוקאַטש אין אַלטן שטייסל
און ס'הייבט אָן שמעקן מיט געשטויסן צימרינג.
כהרף־עין ווערן אויסגעוועלגערט
פון אַ באַזונדער אייער־טייגל רונדע בלעטלעך,
דאָס מעסער קאַרבט אַדורך זיי אין קוואַדראַטן,
די פלינקע האַנט באַשפּרינקלט זיי מיט צימרינג
און מיט צעשטויסן צוקער. אַביסל שפּעטער
נעמט שפּרייטן זיך איבערן שטוב דאָס וואוילגערוך
פון קרוכלע און פאַרפּלאָמטע אייער־קיכלעך,
וואָס ווערן באַלד אַרויסגעכאַפּט פון אויוון,
מיט קליינע שפּריצלעך פון פאַרגלאָזטן צוקער,
וואָס בליצן ווי קרישטאָלכלעך; און דערווייל
ווי ס'נעמען זיך די שווערע חלות רויטלען,
קומט אויף אַ נייע אַרבעט: איצטער קומט
די ליטווישע באַרימטע בולבע־באָנדע —
אַ הויפן בולבעס אָנגעריבן אויפן ריבאייזן,
אַ הייפל מעל און איי צו פאַרקאָלאָטשן,
ס'זאָל האַלטן זיך דאָס דאַזיקע פאַרמישעכץ,
אַביסל זאַלץ און פעפער פאַרן טעם —
ס'פאַרמישעכץ ווערט צעלעגט אין דיקע פלאַסטן
אויף גרינע אָדערדיקע קרויטבלעטער. (אין זומער,
געניגט דערפאַר אַ שטיקל אָנגעאיילט פאַפּיר.)
ס'האָט אייגנטלעך קיין מראה און קיין ריח,
מישטיינסגעזאָגט, ניט מערער ווי אַ גרויע קאַשע —
נאָר שפּעטער, אַז דאָס קומט אַרויס פון אויוון

איז דאָס פֿאַרבאַקן ברוינלעך־רויט, מחיהדיק,
מיט אַ געשמאַקן זליפּ אַרום די ברעגעס;
אַזאַ מין פלעצל מיטן פרייטיקדיקן קרופּניק
האָט אַלע טעמען. שפּעטער, ווען סע נעמט
שאַריען שוין אויף טאָג — איז פאַרטיק דאָס געבעקס.
די חלות ווערן אויסגעטרייסלט פון די בעקנס;
דער גוף פון חלה אין פאַרמאַט פון בעקן
איז דורכגעבאַקן אין אַ מאַטן געלב,
און ס'איז די ברייטע קרוין פון אירע פלעכטלעך
פאַרבאַקן טונקל־ברוין און שטייף און גלאַנציק —
פאַרשמעקט די שטוב מיט איר געשמאַקן ריח.
די מאַמע וואַרפט זיי איבער מיט די שפּיצן פינגער
און קלאַפּט איבער די דעקן פון די חלות
און בלייבט זעט אויס, צופרידן מיט איר אַרבעט.
„דו הערסט — מאַכט זי — אַפּנים, צו דער שוועסטער גאָלדען,
כאַטש אויסצושטעלן אויף דער ווּיסטאַווע".

עס זיינען קורץ די יעשנדיקע פרייטיקס,
ניט לענגער פון אַ לאַנגן געניץ, זאָגט די מאַמע.
האָסט ניט באַוויזן נאָך זיך אומצודרייען
און שוין פאַלט צו דער כמאַרנער נאַסער אָוונט.
אין יעדער תקופה פונעם יאָר האָט איטלעך שבת
געהאַט זיך זיין באַזונדער פּנים און געשטאַלט —
ניט צו פאַרגלייכן גאָר אַ זומערדיקן שבת
צום ווינטערדיקן שבת, און אַ פרילינגדיקן,
מיט טאַנצנדיקע שטראַלן אין דער אַדליגע,
צום גרויען יעשנדיקן. ס'האָט געשטעקט אַן אומעט
אַפילו אין דעם פרייטיקדיקן קבלת־שבת —
נאָר פרייטיק־נאַכט אונטער די ברענענדיקע לאָמפּן
מיט ליכט געצונדענע אין אַלע לייכטער
האָט אָפּגעלאָזט די וויסטקייט אויף אַ רגע
און פנימער זיינען געוואָרן אויפגעהייטערט —
אַביסל חדווה. שבת אָבער אינדערפרי,
אין האַלבן טונקל פון דער גרויער שול

זיינען די פּנימער געווען אָנגעכמורעט,
ווי ס'וואָלט די וויסטקייט פונעם גרויען דרויסן
פאַרשטעקט זיך און באַהאַלטן זיך אין בערד,
אין קנייטשן פון די מיילער און די שטערנס.
אין יענע טעג פלעגט זיך אַמאָל ביי „שחרית"
אַדורכרייסן דאָס פייערל פון אַ מחלוקה
און פון ביז בלוט, ניט אויסגערעדט זאָל זיין,
און קומען ביז צו פּעטש און פליקעניש פון בערד.
ס'פלעגט פאַרקומען צומיינסט בעתן לייענען:
אין האַפּערדיקן ניגון פונעם רבינס טראָפּ
רייסט פּלוצים זיך אַריין אַ מיאוס זידלוואָרט,
וואָס טרייסלט אויף די לופט מיט רויער גראָבקייט,
און פויסטן הייבן זיך און פאַלן זעצנדיק,
אַ טאָפּטשעניש פון שטיוול און געבראַזג
פון פאַלנדיקע שטענדערס, די טליתים —
געטראָטן און געטראַמפּלט אויף דער דיל.
פאַרשוויצטע פּנימער און הענט. נאָר דאָס געשלעג
פלעגט לאַנג ניט אָנהאַלטן, ווי אויסגעבראָכן —
אַזוי פאַרשטיקט געוואָרן. נאָענטע שכנים
פלעגן די קריגער באַלד פאַנאַנדעררייסן;
איבערן בית-מדרש האָבן זיך געטראָגן
די שטימען פונעם עולם מיט אַ שאַרף געבייזער:
„נו-אַ, נו-אַ, חלול-השם און חלול-שבת!"
און ס'פלעגט דער רבי העכער אויפהייבן זיין קול
אין לייענען, דעם טומל איינצושטילן,
ביז אַלץ פלעגט זיך באַרואיקן.
דער טאַטע
פלעגט נאָך אַזאַ מלחמה אין בית-מדרש
צוריקקומען אַהיים ווי אין אבלות:
שוין דער „גוט-שבת" זיינער אויפן שוועל
האָט ניט געהאַט די שטילע האַרציקייט און פרייד
ווי אַלע שבת. אַ פאַריתומטער „גוט-שבת".
אַן עצבות האָט באַזעצט זיך אין די גוטע אויגן,
ער פלעגט זיך אָנשטרענגען דאָס עצבות צו פאַרטרייבן
און ניט געקענט זיך העלפן אין זיין קלעמעניש,

דער טשאָלנט איז געבליבן אַ פאַרשעמטער,
אַ לעפל, צוויי — און שוין, און אָפּגעשטופּט דעם טעלער.
עס האָבן זיך די זמירות ניט געבונדן,
פאַרלוירן דאָס מאָל זייער טעם; גענומען זיך
צום „מדרש־רבה" צווישן די מאכלים,
אַריינגעקוקט, פּרובירט זיך צו פאַרגעסן,
לאַנג־לאַנג געשטאַנען אויפן זעלבן פּלאַץ —
און אָפּגעלעגט דעם ספר אָן אַ זייט
און אויפגעצוקט די פּלייצעס, ווי ער וואָלט
אַראָפּטרייסלען פון זיך געוואָלט אַ משא,
אַ משא וואָס איז „מוקצה מחמת מיאוס",
און באַלד — „בשוב את שיבת ציון" און אַ סוף
צו אַלע טענות און געבייזער פון דער מאַמע,
און צו איר אויסלאָזן דאָס האַרץ מיט שאַרפן ביטול
אויף ביידע פּיינע' קריגערישע צדדים —
פאַרשטערטער שבת.

ערשט נאָך הבדלה
פלעגט זיך צוריקקערן אין שטוב די רואיקייט
און די פאַרלוירענע געמיטלעכקייט פון טאָג;
די קליינע אַרבעטן די וואָכיקע אין הויז
פון שפּאַלטן שייטלעך האָלץ אין דינע' שפּענער
דאָס קיכל און דעם אויוון איינצוהייצן
דאָס קלינגלען מיט געפעס, מיט טעלער־לעפל,
האָבן געהאָלפן, ווי ס'זעט אויס, דעם שווערן נאָכטעם
און מיאוסן דרוק פאַריאָגן. ס'קאָכט די קאַן
איבערן דרייפוס אויפן פייער, שיפּעט, שפּריצט,
צעקאָכט זיך ברומענדיק און זינגט. דער טאַטע
גייט אום איבערן שטוב, אַהין און קריק,
און זינגט די „אליהו'ס" אויפן קול.
(אַ טרויערדיק באַהאַרצטער דורות־ניגון
דורך אָנגעזאָפּט מיט רחמים און תחנונים
און לעכצנדיקער בענקשאַפט נאָך גאולה;
וואָס פּעסטשעט זיך צוערשט דורך הייסע טרערן
עד כלות־הנפש, מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן,

און ווערט דערנאָך אין פייערדיקער גלויבן
אין שטאָלצער זיכערקייט, און נאָכאַמאָל
און נאָכאַמאָל: „אוי, אליהו הנביא,
אליהו התשבי, אליהו הגלעדי" —
דאָס איינגעשפּאַרטע פלאַמיקע געבעט:
„במהרה, במהרה, במהרה יבוא
עם משיח בן דוד" — און ווידעראַמאָל
דער נאָמען פונעם נביא פון גאולה:
„אוי, אליהו הנביא, אליהו התשבי,
אליהו הגלעדי!") אַביסל שפּעטער
באַווייזן זיך די איינגייער די שטענדיקע
מיט זייער ברייטן און באַהאַרצטן „גוטוואָך!"
ס'פאַרשמעקט דער רויך פון אַ ציגאַר און פּאַפּיראָסן,
עס רויטלט זיך דער טיי אין קלאָרע גלעזער
און ס'קייטלט זיך אַן אויפגעלעגטער שמועס
פון דברי־תורה און פון וועלטלעכע ענינים.

נאָר סוף־כל־סוף האָט זיך געשטעלט דער ווינטער:
אַ קאַלטער צפון־ווינט איז דורכגעגאַנגען,
די שוואַרצע גלאַנציקע און טיפע בלאָטע
האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אין געלע גרודעס,
ווי כוואַליעס קליינע אין אַ מוטנעם וואַסער,
וואָס זיינען איבערנאַכט פאַרפרירט געוואָרן
מיט אָפּדרוקן פון טריט פון מענטש און חיה
און טיפע איינשניטן פון שווערע רעדער.
אין איינעם אין אַ טאָג, מיטן פרימאָרגן,
האָט מען דערזען פאַר זיך אַ ווייסע וועלט,
אַ ווייסע שפּאָגל־נייע וועלט פון דורכאויס שניי.
דער שניי איז אָנגעהורבעט ביז די פענצטער,
דער שניי איז אָנגעשאָטן דיק אויף דעכער.
די נעכטיקע פאַרוועלקטע פּוסטע וועלט
איז איבערנאַכט געוואָרן פול און ווייס.
אַקעגנאיבער דער בית־מדרש שטייט אין ווייסן,
דער גויישער בית־עולם פון דער וויַיטן

איז אָנגעפּעלצט און אָנגעהורבעט שווער
מיט זיינע ווייסע צלמים, נאָדל־ביימער —
אַ ווייסע פּראַכט איז אָנגעפאַלן איבערנאַכט
און דו האָסט עס פאַרשלאָפן. נאָר אַמאָל,
האָסטו געהאַט די זכיה צוצוקוקן,
ווי ס׳ווערט באַנייט דאָס פּנים פון דער ערד;
אין שלעפּערדיקער גרויקייט פונעם חדר
האָט עפּעס־וואָס זיך אָנגעקלאַפּט אין שויב,
זיך אויסגעלאָשן און געקומען באַלד צוריק
און הויפנס גאַנצע קליינע גרייפּלעך קלינגלען.
דו כאַפּסט אַ קוק, בגנבה פונעם רבין,
צום דרויסן צו, אַ דין ווייס הייטל אויף די גרודעס
אַ לעבעדיק שאַרף ווינטל טראָגט זיך אָן
און קערט די ווייסקייט אָפּ ווי מיט אַ בעזים,
און איצט הייבט אָן דער שניי צו פאַלן מיט אַן אמת
אין גרויסע ווייכע פליטערן — דער גאַנצער חלל,
פון הימל ביז צו דר׳ערד אַרונטער, פול
מיט אַ געדיכטעניש פוןווירבלדיקע שנייען —
אהאָ! דער פעטער שנייער איז געקומען!
פאַרוועלקטע פרייד האָט ווידער אויפגעבליט —
די אַלטע שטיבער — אויפגעריכט געוואָרן
די דעכער מיט די לאַטעס און די קרומע ווענט
געוואָרן אָפּגעפרישט, פאַרהילט אין ווייסקייט,
מיט צעפלעך אייז אונטער די געזימסן.
מיושבדיקע און געזעצטע באַלעבאַטים
מיט פרישן שניי אויף בערד און אויף די רוקנס,
אין אַלטע פעלצן און באַראַשקע־היט מיט קלאַפּעס,
(נאָר וואָס אַרויסבאַקומען פונעם נאַפטאַלין)
אַפילו זיי האָבן אַצינד אַן אַנדער מראה —
אַ ניצוץ פון פאַרגעסענער פון ווייטער יוגנט
האָט אויפגעפלאַקערט אין די אַלטע אויגן,
און אויף די מיילער, פונצווישן גרויע בערד,
האָט אויפגעשפּילט אַ לייכטער גוטער שאָטן
פון אַ באַהאַלטן שמייכל. ס׳איז געווען אַ חשד,

אַז ווען זיי שעמען זיך ניט איינער פאַרן צווייטן —
איז וואָלטן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן
די אויסגעקראָכענע און ברודנע פוטערלעך,
אין טלית־קטנס אין צעפלויגענע און פּיאות
געשטעלט זיך וואָרפן איינער אין דעם אַנדערן
מיט גוטע קולקעס שניי, ווי מיר, די חדר־יינגלעך.
אונדז האָט דער גוטער זיסער שניי פאַרשיכורט —
אָ, פרייד פון אויפרייסן דעם ערשטן שניי,
די קילע שמעקעדיקע ווייסקייט אין די הענט,
וואָס לאָזט זיך קנעטן און צונויפדריקן אין קיילעכס,
אַריינצעוואָרפן זיך אין שניי איבערן קאָפּ
און קייקלען זיך אין קילער ווייסער פרישקייט,
ווי יונגע לאָשיקעס — די איינגעצאָמטע כוחות —
געהעמט, געפּרעסט דורך סיגים און דורך חומרות
פון טאַטעס און רבּים — זיינען פּלוצים
געוואָרן חוצפּהדיק און ברויזנדיק און צאַפּלדיק.
מ׳האָט געמייסטרעוועט די גוטע שליטלעך,
געזעגט, געהאַמערט און געשלאָגן טשוועקעס,
באַשמידט די לויפערס מיט פאַרראָסטע רייפן
פון אַלטע הערינג־פעסלעך, צי פון מעלצוקער.
און אין די קורצע שעהען פריי פון חדר —
דורך האַלבע טעג פון פרייטיקס און ראש־חודש,
דורך ליכטיקע לבנה-נעכט, מוצאי־שבת,
האָט אויפגעשאָלט דאָס יונגע בלוט, געשוימט,
אַריבער זיינע ברעגן. באַרג־אַרונטער,
און שניידיקן געלויף פון שליטלעך האָט געשפּריצט
מיט שפּריצן שניי אין פּנימער און אויגן,
און בלויע פונקען האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן
פון אונטערע די צעשאַרפטע בלאַנקע אייזנס.
יאָ, אמתדיק, ווי גרויס עס איז געווען
דער חושכדיקער אומעט פון דעם יעשן,
אַזוי איז טאָפּלט גרויס געווען די ליכטיקייט
וואָס האָט אין יענע ווייסע נעכט צעשטראַלט זיך.
ס׳איז ניט קיין נאַכט געווען נאָר, העלער טאָג,

עטוואָס פאַרווייכט אין בלוי און מאַטן זילבער.
דער הימל ליגט געוועלבט אין שאַרפן בלוי
מיט בלישצנדיקע גרינלעך־רויטע שטערן,
מיט אַ צעשטראַלטער לבנה אינדערמיטן
און מיטן רייף פון שיין אַרום איר פולקייט —
און אונטן ליגט דער גרינלעך־בלויער שניי
און בליצט צוריק מיט שטראַליקייט צום הימל.

דערנאָך — דער ליבער ווייסער יום־טוב חנוכה:
אַכט האַלבע פרייע טעג און פרייע נעכט
מיט יום־טובדיקע שמחה אינדערוואָכן.
נאָר קודם — קומט די קונסט פון גיסן דריידלעך —
געווען צווישן אונדז גאָר פיינע מייסטערס
מיט גוטע הענט און שאַרפן בליק: געשניצט צוערשט
און אויסגעטאָקט דאָס פורעם פאַרן דריידל.
(ס'איז נישט גאָר אַזאַ לייכטע מלאכה, ווי איר מיינט.)
מ'נעמט פיר קלעצלעך האָלץ פון גלייכער מאָס,
וואָס מוזן אויסגעמאָסטן ווערן ביז צום האָר, —
זיי אויסגעשניצט און אויסגעטאָקט געהעריק
און אויסגעהוילט זיי, אַלע פיר, אין זעלבן פלאַץ
אינעם פאָרמאַט פון דעם באַגערטן דריידל;
מיט איינקריצן אין האָלץ פונאונטן און פונאויבן,
פאַר קעפל און פאַר פיסל; איינגעקאַרבט
מיט פיינעם סידור־כתב אין יעדן קלעצל
די גוטע אותיות די פיר: נ' ג' ה' ש —
וואָס מיינט: „נס גדול היה שם". פאַר אונדז
האָט דאָס געמיינט נאָך עפּעס אַנדערש אויך:
נון — נישט, גימל — גאָר, הא — העלפט, שין — שלעכט,
(אַז וואויל צו דעם בעל־מזל וואָס געווינט,
חלילה נישט — טאָ נעם זיך ניט צום האַרצן,
דו האָסט פאַרלוירן, גוטער ברודער, זעסט דאָך,
טאָ מאַך נישט קיין מחזקות און קיין קונצן,
שטעל צו אין קאָן) דערנאָך צונויפגעשטעלט,
צונויפגעפּאַסט די קלעצלעך די באַזונדערע,
און זיי פאַרקרעמפּט מיט שטאַרקע דינע דראָטן.

געשמאַלצן ברוכוואַרג, שטיקלעך בלײַ און צין
אַרײַנצוגיסן אינעם העלדזל פונעם פורעם.
און שפּעטער, ווען סגעשמעלץ ווערט אָפּגעקילט
קומט פון זײַן נעסט אַרויס אַ ניי באַשאַף,
אַ חנעוודיקס, אַ בלישצנדיקס, אַ זילבערנס,
וואָס ווערט געטאַקט, געפּיילט, וואו נאָר אַ פּגימה,
די לעבעדיקע אותיות שאַרף אַרויסגעבראַכט
און ווען דאָס ווערט אַוועקגעלאָזט אין גאַנג
איבער דעם גלאַטן ברעט פון ברייטן טיש,
שפּאַצירט און דרייט זיך אויפן שלאַנקן פּיסל,
צי גאָר עס חנדלט זיך און שטייט „שמונה־עשרה“ —
האָט דאָס אַ פּנים פון אַ זילבער־פייגל,
דערפרייט אַ מענטשנס אויג.
איז איינס אַוועק.
אַצינד ערשט קומט דער יום־טוב גופא,
געגליכן צו אַ ברייטן רייכן פעטער,
אַ גוטמוטיקן פּראָסטן חי־וקים,
וואָס קומט אַרונטער איינמאָל דורכן יאָר צו גאַסט,
און קלינגלט פולע קעשענעס מיט זילבערגעלט,
און מאַכט קיין אָנשטעל ניט, האָט פיינט פּאַראַדן,
ביז גאָר צופרידן מיט אַ שטיקל לעמפּל,
מיט „על הנסים“ אין דער וואָכיקער „שמונה־עשרה“
און מיט אַ „סקאָוואָראָדע“ בולבע־לאַטקעס.
ס'איז אייגענטלעך געווען מער יום־טוב פאַרן קליינוואַרג
ווי פאַר די גרויסע, נאָר דערוויל האָבן זיי אויך
גענאָסן שוין פון וואָכעדיקן יום־טוב.
אַ ייד אַ טאַטע און אַ פיינער באַלעבאָס —
געקומען אויף דער נאַכט אַהיים פון מעריב,
האָט לאַנג געפּאָרעט זיך אַרום דעם לעמפּל,
די ברכות אויסגעזונגען מיטן ניגון,
געברומט די חנוכה־פזמונות אויפגעלעגט,
אַרומגעגאַנגען אַ שטיק צייט איבערן שטוב,
געגלעט די פיינע באָרד זיך, צי דאָס בערדל,
און זיך געמאַכט ניט־וויסנדיק, מכלומרשט,
אַז ס'ברענט דאָס קליינוואַרג ווי אויף הייסע קוילן,

און וואַרט אויף חנוכה־געלט — געשפּילט קאָמעדיע.
נאָר ווען די קינדער האַלטן שוין ביי טרערן —
אַריינגעשטעקט די האַנט אין טיפער קעשענע,
זיך נישט געאײַלט, אַרויסגעשלעפּט דאָס בײַטל,
געקלונגען מיטן קלײַנגעלט, זיך געישובט,
געדונגען זיך מיט זיי גאָר מעשה סוחר;
געוועז אַ בעלן וויסן, וואָס, אַ שטייגער,
דאָס קליינוואַרג קלײַבט זיך טאָן מיט אַזאַ אייגנס?
געגעבן שאַרפן שכלדיקע עצות,
און דורך דער גאַנצער צײַט פון משא־מתן,
האָט אַ באַהאַלטן שמייכל פײַן געצוקט,
געטוקט זיך אין דער באָרד, צי אינעם בערדל.
אין די פרימאָרגנס פון די אַכט טעג חנוכה
האָט פריידיקייט געשפּירט זיך אין בית־מדרש —
עס האָבן אַלע בליצלאָמפּן געבליצט
און ליכט האָבן געברענט אין אַלע העגלײַכטער,
דאָס דאַוונען האָט געהאַט אַן אַנדער טעם,
ביים „הלל״ האָט דער עולם זיך צעוואָרעמט,
צעוויגט זיך און געברענט התלהבותדיק.
און אין די פּראָסטיקע די ווייסע נעכט
האָט מען די לאָדנס פרי ניט צוגעמאַכט
אַז ס'זאָלן זיך די חנוכה־ליכט אָנזען.
די גאַס האָט זיך געשפּרייט אין ווייסן פראָסט,
געבלענדט, געשימערט און געשפּריצט מיט פונקען,
און שליטן־גלעקלעך האָבן העל געקלונגען,
און קינדער האָבן פריידיק זיך געטומלט;
עס האָט געצויגן אין דער שאַרפער לופט
מיט גוטע בולבע־לאַטקעס און מיט גריוון;
און וואַרפנדיק אַ בליק וואו אין אַ פענצטער —
האָט מען געזען אַ רעדל יידן אַרום טיש
פאַרטיפט און אָנגעשפּיצט אין קאָרטנשפּיל,
פאַרשאַרצט די היטלען איבער שוויצנדיקע שטערנס,
געבראָקט געשמאַק דעם גוטן „טערטל־מערטל״,
ביז שפּעט אין נאַכט אַריין.

## אין יענעם ווינטער

איז פאַרגעקומען גאָר אַ גרויסער תיקון
אין ענין פונעם רוסיש־לימוד אין דעם חדר.
כ׳האָב אויבן שוין דערציילט וועגן „אַפּאָרן״,
וואָס מיר, די חדר־ייִנגלעך, פלעגן נאָכשרייבן.
די דאָזיקע אַפּאָרן זײַנען געקומען
פון קאַנצעלאַריע פון קאַזאַרמע אויפן באַרג.
דאָס זײַנען על־פּי־רוב געווען בקשות
פון אַ פּראָוויאַנט־מײַסטער צום קאָמאַנדיר
מכוח פעסלעך גאַז פאַר דער באַלײַכטונג,
מכוח קאַשע, זויערקרויט און בולבעס,
צי גאָר ראַפּאָרטן פון משפּטים איבער זעלנער —
אַ וועלט מיט שרײַבעכצן. אָט די פּאַפּירן
געשריבן אין אַ טרוקענעם און האַרטן נוסח,
ווי אויסגעגאָסן אַלע פון איין פורעם,
נאָר מיט אַ שינוי פון אַן אײנציק וואָרט: דאָ קאַשע,
דאָרט — בולבעס, אָדער קרויט; ס׳איז נאָר צו שטוינען,
וויפל איין פאָרט קען דאָס אַרײַנאָכלען —
איין גרויסע קישקע אָן אַ דנאָ. נאָר מילא,
וואָס שייך עסן האָט מען נאָך געקענט באַנעמען,
אָבער למאי דער פאָרט באַדאַרף אַזויפיל גאַז —
איז שווער געווען פאַרשטיין, אַז בסך־הכל
איז ער געלעגן ווינטער אַזוי גוט ווי זומער
פאַרטײַעט דורך די נעכט און שווערער פינצטערניש.
די דאָזיקע פּאַפּירן — אין די שווערע פּעק —
זיי פלעגן נאָכן אָפּטאָן זייער שליחות
מגולגל ווערן, פאַר אַ ביסל קליינגעלט,
אין קרעמלעך שטעטלשע; געווען פונקט אין מאָס
אויף דרייען פון זיי טוטלען צו פאַרפּאַקן
אַ פונטל גרויפּן, אַרבעס, רייז, וכדומה,
און פשוט־פּראָסט אַ הערינג אײַנצוויקלען.
אַ קלענער טייל אָבער פון אָט די כתבים
איז ניצול פון דערנידערונג געוואָרן
און האָט לסוף געדינט פאַר צוועקן העכערע,

צו בילדן יינגלעך ידישע אין רוסיש,
געדינט אונדז ווי „אַפּאָרן". איז געוועזן די צרה,
אַז ס'האָט אַ מענטש באַדאַרפט זיין אַ „שוואַרץ־קינצלער"
די דאָזיקע אַפּאָרן דורכצוקריכן.
געוועזן דאָרט ווערטער זיבן־און־אַכט זילביקע,
געקינצלט און געפּלאָכטן און געדריידלט,
וואָס האָבן זיך צעלעגט אויף גאַנצע שורות —
היינט זיי אַ בריה, לייען און פאַרשטיי
און שרייב דאָס נאָך! ביז ס'איז געקומען אַ ישועה,
און אויס מיט די אַפּאָרן פון קאַזאַרמע;
און די ישועה איז געקומען — שטעלט אייך פאָר —
אויף פון משופּעדיקן שווינדלבאַרג פון פאַרט,
ווי איר וועט ווייטער הערן. (אמתדיק,
דאָ האָט זיך וואויל אויף אונדזער פאָרט געפּאַסט
דאָס פיינע ווערטל שמשונס אין זיין רעטעניש:
„מעז יצא מתוק".)

אין ווינטער יענעם יאָר
איז אָנגעקומען אינעם פאָרט אויף דינסט
אַ ייִדישער אַ פריוויליקער זעלנער —
דאָס איז געווען אַ בחור אַ פאַרשוין
מיט בלויע אויגן און אַ בלאָנדע קוטשמע האָר.
געגאַנגען אָנגעטאָן גאָר מעשה־אָפיציר,
ניט אין דעם שאָרסטקען געלבלעכן שינעל
פון דעם געזוויינלעכן סאָלדאַט אין דינסט,
נאָר אין אַ פיינעם זילבער־גרוי, מיט ווייכע פאַלדן,
וואָס האָבן ווי געקלעפּט זיך אַרום שלאַנקן גוף.
געפּאַסטע שטיוועלעך אַרום די איקרעס,
וואָס האָבן אויף דער זון געשטראַלט ווי שפּיגלען,
און מיטן ווייכן זילבערנעם באַשליק
וואָס האָט געטורעמט מיטן שאַרפן שפּיץ
איבער דעם שוואַרצן גלאַנצנדיקן דאַשעק
פון גרויען היטל, וואוילעריש אַראָפּגערוקט
פון איין זייט ביז צום לינקן בלויען אויג.
און אין דער צווייטער — שויבערט זיך די בלאָנדע קוטשמע.
אַ בחור כהלכה, מיטן שטאָלצן הילוך,

עלאַסטיש־בזיגעווודיק. געווען צו זען אויף אים
אַ מאַמעס קינד — געכאַליעט און געצערטלט.
גאַרנישט דאָס אויסזען פון די יידישע סאַלדאַטן,
פאַרמאַרעט און פאַרצרה'ט און פאַרחושכט,
אונטערן שטיוול פונעם „פעטער מיטן בענדל”;
די האָבן זיך געאיבלט עסן פונעם קעסל,
און פלעגן פרייטיק־צו־נאַכט קומען דאַוונען,
געשאָקלט זיך מיט ברען איבערן סידור,
און מיט כוונה אָפּגעענטפערט: אמן.
דערנאָך אָטכאַיעט זיך ביים שבתדיקן טיש,
פון אַ ליבהאַרציקן און גוטן מכניס־אורח,
מיט ווייסער חלה און געפילטע פיש,
מיט לאָקשנזופּ און צימעס און שאָר־ירקות,
און מיטגעזונגען זמירות אויפן קול.
(איך האָב אַמאָל געזען ביי אונדזער טיש
אַזאַ סאָלדאַט מיט טרערן אין די אויגן —
נאָר אַלע האָבן זיך געמאַכט ניט־זעענדיק,
ער זאָל ניט אויסברעכן אין אַ געוויין.)
אויף אונדער פיינעם בחור איז דאָס דינען
געפאַלן לייכט און שפּילעוודיק. אַ פרייער פויגל.
און מחמת ער איז פריי געווען פון ביקס
און אַלע אַנדערע מלאכות פון אַ זעלנער —
האָט ער אַליין, פאַר וויניק שכר, זיך אָנגעשלאָגן
צוויי אָוונטן אַ וואָך צו לערנען רוסיש
מיט אונדז, די העכערע צוויי כיתות יינגלעך.
פלעג ער אַראָפּקומען פון הויכן פּאַרט —
אַראָפּגעוואָרפן ס'אָפּיצערסקע מאַנטל
און מיליטעריש היטל, איז געבליבן שטיין
אַ פרישער, אַ צעררויטלטער פון ווינט און פראָסט,
מיט בלאָנדע האָר, מיט פונקען אין די אויגן,
אין גרויען און געפּאַסטן ראָק מיט שליפעס
און הויכן קראַגן, און געפּאַסטע שוואַרצע הויזן
באַנייט מיט רויטע צירלעכע לאַמפּאַסן,
צונויפגעגאָסן אין די גוטע שטיוועלעך,

און — „דיעטי, מאַכט ער, זדראַווסטוואויטע״, באַטעמט,
אין פרישן גלעטנדיקן באַריטאָן.
ווי ס׳וואָלט אין דער פאַרדעמפּטער לופט פון חדר
אַ פריש קיל ווינטל זיך אַריינגעריסן
פאַרוויט דאָס קלעפּעדיקע דרימלעניש
פון אויגן קינדערשע — דערפרישט און אויפגעלעבט
מיט חשק זיך גענומען צו די ביכלעך.
דאָס לימוד גייט.

ביז היינט געדענקט זיך מיר
דאָס ביכל מיטן גלאַנציקן פּאַפּיר, מיט בילדלעך —
אַ נחת־רוח אָנצוקוקן, אָט אַ שטייגער:
אַ פּייקלער שטייט און פּייקלט אויפן פּייקל,
אַ יום־טובדיקער אין פּאַראַדנע בגדים,
און ער — מיטביידע שטעקלעך אין די הענט: בום־בום.
און נאָך אַ זעלנער בלאָזט אין אַ טראָמפּייט,
פּונקט ווי מען זעט דאָס אויפן פּאַרט: טרו־טרו.
צוויי פּויערים מיט ברייטע קורצע בערד, ווי רידלען,
די האָר פאַרקעמט אין שרונט, אין ווייסע העמדלעך,
פאַרגאַרטלט, מיט קוטאַסלעך אויף דער זייט,
זיי זעגן אויף אַ קאָזלע האָלץ. צוויי ציגנבעק
האָבן צונויפגעשטויסן זיך איבער אַ „קלאַדקע״
און באָדיען זיך מיט הערנער. אַלץ אַזעלכע זאַכן,
וואָס שטעקט אין זיי ניט גאָר קיין גרויסע תורה,
ס׳איז ניט אַ בלאַט „בבא מציעא״ און אַפילו ניט
דאָס האַרבע תרגום־לשון פון „דניאל״,
וואו מיר האָבן געהאַלטן. אָבער דערפאַר
אַזוי פאַרשטענדלעך אָפן פשוט־פשט.
די בויגונגען פון רוסיש צייטוואָרט — ניט געפּערלעך,
„פקד פקדתי״ איז אָן אַן ערך שווערער,
דאָס אייגענע וואָס שייך זאַכווערטער.
עס קומט פון זיך אַליין. דער לערער פּאַטשט ניט,
און קלאַפּט ניט מיט דער ווירע איבער פינגער.
פאַרקערט, ער בויגט זיך איבער דיר אַריבער,
פאַרריכט אַ גרייז און וויזט דיר ווי צו שרייבן —

אַ תענוג פון אַ לימוד — אָנצוקוועלן.
זיך אויסלערנען אַ פּאַבל אויסנווייניק —
אַ וואָזשנע מעשה — זאָגסט אַדורך דריי מאָל
און האָסט די זאַך אין סקאַרב לעולם ועד.
אַ שטייגער, ווי געדענקט מען ניט אַזאַ מין פּאַבל?!

אַ מאַלפּע אויף די אַלטע יאָרן
איז אויף דער ראיה שוואַך געוואָרן.
אָבער געהערט האָט זי צווישן מענטשן זאָגן,
אַז ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו קלאָגן,
ס'איז גאָרנישט אַזאַ גרויסע צרה —
מ'דאַרף בלויז איינשאַפן זיך ברילן.
אַ האַלב־טוץ ברילן האָט זי ערגעץ־וואו געקראָגן
און זיך גענומען מיט זיי שפּילן:
געדרייט אַהין זיי און געדרייט אַהער,
און מער:
דאָ צוגעדריקט זיי צו איר שייטל,
דאָ אָנגעדרייט זיי אויף איר ווידל,
דאָ טוט זי זיי באַשמעקן,
און דאָ — באַלעקן —
די ברילן טויגן אויף דער גוטער כפּרה!
— צו אַלדי גוטע יאָר —
האָט זי זיך אויסגעשפּיגן
און האָט זיך אַזש גענומען צאַפּלען —
און יענער איז אַ וויסטער שוטה נאַר,
וואָס הערט זיך צו צו דעם וואָס מענטשן פּלאַפּלען!
מכוח ברילן האָט מען מיר פאַרקלאַפּט אַ קאָפּ מיט ליגן,
קיין נוצן אָבער איז ניטאָ פון זיי צו קריגן.
ניט וואָס אַ האָר איז ווערט!
פון ערגערניש און גרויס פאַרדראָס
האָט זי אַ שמיץ אַזאַ געטאָן זיי צו דער ערד —
אַז ס'האָבן זיך צעבליצט בלויז שפּריצלעך גלאָז.

אין רבינס שאַרפן קוק, געוואָרפן מן הצד,
צו אונדזער טיש, וואו ס׳לימוד איז געגאַנגען —
האָט זיך געשפּירט באַשיימפּערלעך אַ וואונדער,
אַ חידוש אויף די אויסגעפּרופּטע „סימבערוקעס״
וואָס זיצן אַזוי שטאַטיק אויף די ערטער
און פּראָווען ניט קיין קונצן און קיין שמד־שטיק.
פאַרקערט גאָר, זיצן אָנגעשפּיצט און מיטגעריסן
און פלייסן זיך ביים לערער אויסצונעמען.
ס׳האָט אויך געשפּירט זיך אין דעם רבינס קוק
אַ היפּשע פּאָרציע קנאה צו דעם בחור.
און מיר — אַ שאָד נאָר וואָס די צייט האָט פליגלען,
האָסט ניט באַוויזן נאָך זיך אומצוקוקן —
און שוין, אַוועק די שעה, און — „דאָ־סווידאַניאָ״.
וואָס דען? אַ ייד און קען ניט קיין וואָרט יידיש,
גאָר־גאָר אַן אויסטערלישע פּרי, — קומען קומט ער
פון ווייטע וואַרימע מקומות, אַזש פון קרים.
(וויבאַלד, אַז קרים, און יידיש קען ער אויך ניט,
זיינען אַוועק השערות איבערן שטעטל,
אַז דער „קרימטשאַק״ מוז זייך אַ קאַראַאים,
נאָך שפּעטער האָט מען אָפּגעוואָרפן די השערה.)
אויף כשרות איז ער ניט קיין גרויסער מקפּיד
און ווייזט זיך ניט אין שול דורך די שבתים.
ערשט אויפן צווייטן טאָג פון יום־טוב פּסח
באַוויזן זיך אין שול בעתן לייענען,
געקומען זאָגן „יזכור״ נאָך זיין טאַטן,
אַבראַם זאַכאַריטש, ווי ער האָט געהייסן, —
האָט מען געוואוסט, ער איז נעבעך אַ יתום.
געהאַלטן האָט ער זיך ווי אויף אַ „סמאָטרע״,
געשטאַנען גראַד און שטייף און אויסגעצויגן
און אַז דער שמש האָט אַ מחזור אים דערלאַנגט —
האָט ער געמישט די בלעטער און געזוכט, געזוכט,
און נישט געקענט דערזוכן, ווי ס׳זעט אויס.
און זאָגן מוז איך, כ׳האָב געשפּירט זיך זייער שטאָלץ,
וואָס איך בין אים צוהילף געקומען אין זיין אַנגסט.

אים אויפגעמישט דעם מחזור וואו מ'האָט
און זיך געפּלייסט פאַרלויפן אים זיין „עברי".
(דאָס איז געווען אַ גאַר טשיקאַווע עברי
מיט גאָלע גימלדיקע גימלען אָנשטאָט הא'ען —
„גאַגאַדויל וועגאַנוירא", און ניט אַנדערש,
אַזוינס האָט נאָך קיין אויער ניט פאַרנומען,
נאָר סייווי, מלאַ־חן, באותו יום
האָט שטעטל זיך דערוואוסט, אַז מענדל חיימס
אַ ייד אַ נגיד, און אַ טאַטע פון צוויי טעכטער,
האָט זיך געקליגט און דעם קרימטשאַק פאַרבעטן
צו זיין ביי אים אַ גאַסט אויף ביידע סדרים,
און ס'האָט דער בחור אים געטאָן די טובה.
דאָס שטעטל מיידלעך איז געגאַנגען ווי אויף רעדלעך,
און ניט איין פיינער באַלעבאָס האָט יענעם פסח
געכאַפּט נעבעך אַ מיאוסן אָפּשניט פון זיין ווייב,
למאי ער האָט קיין שכל ניט.
דערווייל אָבער
איז נאָך געשטאַנען טיפער ווינטער אויף דער וועלט
מיט זיינע שניי־שטורעמס און ברענענדיקע קעלטן.
נאָר ס'טאָר אַ מענטש ניט זינדיקן מיט זיינע רייד,
די וואָכן לויפן אַ דאַנק גאָט, שוין „שבת־שירה",
דער פריילעכסטער פון די שבתים פונם ווינטער;
דו קוקסט זיך ניט אַרום און באַלד „חמשה־עשר"
מיט ארץ־ישראלדיקע פירות און מיט באָקסאָרן
און האַלבן חדר־טאָג; און אָט איז פורים
מיט שלח־מנותן, מיט גראַגערס און מגילה,
מיט גוטע המן־טאַשן און מיט פלאָדן.
(אַלץ גרויסע און געבענטשטע סטאַנציעס אינעם לעבן
פון יידיש קינד, וואָס האָבן אים געגעבן כוח
דעם דרוק פון שטוב און חדר אויסצוהאַלטן).
און נאָך עטלעכע טעג — שוין פריער פרילינג —
שוין גאָר אַן אַנדער זון, אַן אַנדער ליכט,
אין פרישן אויסגעבלויטן נייעם הימל.
און פון די דעכער פליסן שטרעמלעך וואַסערן,
וואָס פאַלן האַסטיק, ראַשיק, זינגענדיק,

און פון די קאַליזשעס שיסט־אָפּ מיט פונקען.
ס׳אַנטפּלעקן זיך אויף פעלדער שטרעקעס ערד,
און שווארצן זיך אין גלאַנצנדיקער פעטקייט;
באַטשאַטעס מיט די לאַנגע פיס און שנאָבלען
דאָרט נישטערן אַרום פּאָר גרינע זשאַבקעס;
און קליינע פייגלען, גרויע, ברוינלעך־רויטע,
וואָס זיינען אַנגעפלויגן פון דער גאָרער וועלט,
אַרויס פון בוידים און צוריק אין בוידים
אין פלינקן האַסטיקן געצוויטשער. און אין שטוב —
ווען ס׳קומט אַ יינגל אָפּצועסן מיטיק —
פונוואַנען האָט זיך אַזאַ ליכט גענומען?
בפירוש, אויסגעגולדט זיינען די ברעטער
אין די קוואַדראַטנע ברייטע קאַסטנס שיין
פון דובלטן, וואָס ליגט אויף דער פּאָדלאָגע.
איין טאָג — פאַרכאַפּט דעם אָטעם דיר דער ריח
פון גוטן בוריק־איינגעמאַכטס מיט ניסלעך,
וואָס פרעגלט זיך אין ברייטער מעדניצע מיט צוקער
און דין צעשטויסענעם און שאַרפן אינגבער,
און אויפן צווייטן טאָג — פאַרשיכורט דיך די פּאַרע,
וואָס גייט פון אויסגעווייסטן קעסל אויפן פייער,
מיט שמעקעדיקן האָניק און מיט שטאַרקן האָפּן,
פון מאַמעס מעד־געבריי. וואָס דאַרפט איר מער?
ס׳איז דאָ אויף וואָס זיך אָפּצושטעלן קוקן
אַפילו דאָ, אין גרויען פירהויז. ברוך־הבא!
אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אַ וואַזשנער אינדיק,
וואָס לאָזט צו זיך ניט צו, מיט כאָלדער־כאָלדער.
ס׳איז ניט קיין ראַבע הון. ער שטייט און בלאָזט זיך,
מסוכן גאָר מיט אים זיך אָנצוהייבן,
גאָר־גאָר אַ גרויסער יחסן — און פון פענצטערל,
וואָס גייט אַרויס צו דרום פלייצט מיט ליכט
און דו דערזעסט אים אין זיין פולער גדולה —
מיט גרינע פאַנציר־פעדערלעך און בראָנזן־גאָלד
געדיכט באַזעצט איבער דעם לאַנגען גוף,
מיט די צעשפּרייטע לאַנגע פעדערן פון עק.

וואָס קומען אין אַ האַלבן עגול, ווי אַ פעכער,
אין געל און ברוין, מיט שוואַרצע פּאַסיקלעך דורך ברייט.
און מיט דער גראָבער קייט פון רויטע ווימפּערלעך
וואָס הענגט און באַמבלט זיך לענגאויס פון האַלדז
און דראַפּעט זיך איבער דעם שאַרפן קעפּל.
אַ שיסל פריש־קלאָר וואַסער אויף זיין רעכטער זייט,
אַ שיסל שוואַרצמעל קניידלעך אויף זיין לינקער זייט,
און ער שטייט אינדערמיט אַן אַנגעכמורעטער,
ער זאָל גאָר אָנהייבן צו דעם זיך צורירן.
מ׳עט דאַרפן עפּעס טאָן דערצו. נאָר איידער וואָס
איז שוין די מאַמע דאָ אין קילן פירהויז,
און פונקט ווי תמיד אין דער ריכטיקער מינוט
דער קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ קלאָר־ווייס טיכל,
דער גוף אַרומגעכאַפּט פון ווייסן שירץ —
זי פּאַקט מיך פאַרן האַנט אַן שום מחזקות,
צעעפנט ברייט די טיר: „לחיים ולשלום,
אין חדר אַריין, מאַרש!״

דער ניעמאַן־טייך,

וואָס איז אַ ווינטער־לאַנג געלעגן איינגעשמידט,
געלעגן איינגעשרומפּן, קליין און נעבעכדיק,
אַ לאַנגער שמאָלער פּאַס צווישן הויכע ברעגעס
מיט דורכגעשאַרפּטע וועגן דורך זיין ברייט
פון שליטנס פויערשע און פאָדקאָוועס פון פערד —
מיט גרינע יעגלע־צווייגן דאָ און דאָרטן
פוןביידע זייטן וועג אַריינגעפּירט לסימן —
אַ ווינטערדיקער וועג ווי אַלע וועגן,
מיט פלעקן געל און ברוין פון פערדיש אָפּפאַל —
האָט פאַר די לעצטע טעג געבומען בורען.
דער אויבערשטער שיכט איז — געוואָרן קרישלדיק,
פול־אָנגעזאַפּט מיט וואַסער, ווי אַ שוואָם.
דאָס וואַסער האָט געהייבן זיך פונאונטן
און וואַסער האָט געפּלייצט אין אים פונאויבן
אַרונטער פון די שטאַרקע הויכע ברעגעס,
געפּלייצט, געברויזט, געטענצלט און געשפּרונגען.

און גאַנצע וואַסער־פעלדער אויף זיין אייז
זיינען געשטאַנען און געגלימצערט אויף דער זון
און אָפּגעשפּיגלט אַפּריסן פון ברעגעס
און דעם אַנטקעגנדיקן וואַלד מיט סאָסנעס.
און פּלוצים (דאָס פלעגט פאָרקומען געוויינלעך
דורך יענע טייערע געבענטשטע טעג,
ווען אַלט־און־יונג זיינען געווען פאַרעסקט
אין גרויסער שמחה פונעם באַקן מצה.
די מיידלעך אויסגעפּוצט ווי צו אַ „תנאים" —
געשטאַנען און געוועלגערט און געזונגען
אין ווייסע טיכלעך מיט די ווייסע שירצן,
די פּנימער פאַררויטלט, מיט די פרישע אויגן,
און בחורים האָבן גערעדלט אויף די בלעכן,
געזעצט די מצות אינעם גליענדיקן אויוון,
און וואַרפן איבער זיך מיט זיי מיט חכמות,
מיט שאַרפע ווערטלעך און מיט הייסע בליקן.
אָ, וועלגערקעס און רעדלערס וואָס כ'געדענק ביז הייַנט,
און יינגלעך, וואַסער־גיסער, די חברים מיינע!
אָ, ריחות אין דער היץ פון פּרישן קילן טייג
און פון די הייסע עטוואָס צוגעברענטע מצות!)
און פּלוצים — אין אַ זוניקן און בלויען טאָג
האָט זיך דער טייך אַ ריר געטאָן. האָט אויפגעשווידערט,
ווי זיך פאַרמאָסטן אויספּרוואוון די כוחות,
צוערשט — פּאַמעלעך, שווער און אומגעלומפּערט,
און — טראַך־טאַראַך! אַ דונערדיקער קנאַל —
דאָס האָט געפּלאַצט, דאָס האָט זיך דורכגעשפּאָלטן
זיין דיקער פּאַנציר־אייז פון ברעג צו ברעג.
און נאָך אַן אויפטרייסל און נאָך אַ דונער —
עס פּלאַצט, עס קראַכט, עס שפּאַרט פון אַלע זייטן,
פון אויבן, שטראָם־אַרויף און אונטן, שטראָם אַרונטער,
אין אַ געדראַנג פון קריעס, גאַנצע פעלדער קריעס,
וואָס ברעכן זיך און רייבן זיך און שטויסן זיך
אין מוראדיקן אימפּעט. דער טייך אַצינד
האָט הויך און שטורעמדיק זיך אויפגעהויבן
זיך אויסגעגליכן מיט די הויכע ברעגעס

און שייערט זיי און רייבט, רייסט גאַנצע שטיקער;
און דאָרט, וואו ס'איז פאַראַן אַן אויסבויג אין זיין גאַנג
דאָרט שליידערט ער מיט שווערע גולמס קריעס
און וואַרפט זיי קאָפּ איוף קאָפּ מיט שטורעם און געבייזער,
און שפּריצט זיי אויפן ברעג אַרויס, ווי לייכטע פּראָפּקעס
פון ענגן העלדזל פון אַ פלאַש. און איבער אַלץ,
אַריבער דעם געראַנגל פון צעשפּילטע כוחות —
אַ שימערדיקער שפּריי פון שפּריצן אייז
אין זילבער, גרין און בלוי.
אַ פּאָר טעג שפּעטער —
אַז ס'לאָזט אַ מענטש אַרונטער זיך צום טייך,
צו טובלען נייע פסחדיקע כלים —
איז אַלץ נאָך הויך דער טייך פונקט ווי געוועזן,
עס גייען אַלץ נאָך קריעס, אָבער שיטערער;
ס'איז אייגנטלעך קיין טייך ניט, נאָר אַ ים,
אַ גרויסער מוטנער אויפגעברויזטער ים,
אַן אויפגעקאָכטער אין זיין טיפסטער טיפעניש —
פון אונדזער הויכן ברעג, פול ביז די ראַנדן,
ביז צו דעם דריי מאָל וויטן ברעג פון וואַלד אַנטקעגן,
וואָס רויכערט זיך אין קילן פריאיקן פרימאָרגן
און וויקלט זיך מיט קרייזלדיקע בלויע נעפּלען.

# די שכנים

כ׳וועל אָנהייבן פון אַ נאָך ניט דערוואַקסענעם,
אַ שייגעץ פון אַ יאָר צוועלף ביז דרייצן,
אין אָפּגעשאָסן לייוונטענע העמד און פּלודערן.
די ווייסע האָר איבערן נידעריקן שטערן
צעברענט אינעם קאָליר פון גערשטן־זאַנגען
גאָר נאָענט פאַרן שניט. דאָס פּנים זיינס
געדיכט פאַרשאָטן מיט אַ קלייען־שפּרענקלעך;
און זיינע מוטנע וואַסערדיקע אויגן —
צוויי שטעכיקע צוויי גרינע שמאָלע שלענגלעך.
קיין פּנים און געשטאַלט ניט פון אַ מענטשן,
נאָר פון אַ יונגער און צערייצטער חיה.
די ניכפּה וואַרפט אים, ווירבלט, דרייט זיך,
קלייבט שטיינער אויפן זאַמדיקן שאָסיי,
און צילט און שליידערט זיי מיט אַ רציחה
אין צוויי אַדורכגייענדיקע יידן — כריפּעט, שפּייט
ציט איין אַן איינגעשפּאַרט געשריי אין ליטוויש:
„דאָק מאַנאָ פּיניגוס! דאָך מאַנאָ פּיניגוס!״
ס׳הייסט, גיב מיר אָפּ מיין געלט, מיין געלט גיב אָפּ —
און לאָזט נישט אָפּ.

די דאָזיקע צוויי יידן
זיינען דער טאַטע און דער שכן אונדזערער,
דער טויבער אַלטינקער ר׳ הלל דוד —
אַ ייד אַ למדן, ווי אַ מילגרוים פול,
מיט אַלע ששה סדרים פון משניות,
מיט אַלע יוצרות און פּיוטים פונעם מחזור;
וואָס האָט די אויגן אויסגעוויינט אויף אַלע סליחות
און „לאַנג־והוא־רחום״ איז ביי אים געווען

דאָס בעסטע מאַכל. אין די גוטע יאָרן
פלעגט ער זיך דרייען זומער אַרום טייך
ביי באָטן, ביי שוואַרצוגעס און ביי קאַלכאויוונס,
זיך דורכגעשלאָגן מיט זיין גראָשענער חיונה.
אַצינד איז ער אַ פועל־בטל ביי זיין ווייב,
אַ בייזע שוואַרצע יידענע, אַ שרעטל;
זי האָט אַ שאַרף קליין פנימל, ווי ביי אַ פייגל,
מיט בלויע ליפעלעך, ווי אָפּגעטונקט אין אינדיגאָ,
און קליינע רויטע אייגעלעך, פון ניט דערשלאָפן.
איר עסק איז געווען — דאָס באַקן בייגל
פאַר יענע טרפע און צעשטאָפּטע העלדזער,
וואָס אָן אַ בייגל צו דעם פרישטיק איז זיי ביטער.
פלעגט זי זיך שטעלן, ווי ביי גאָט אַ נאַכט,
און ביז פאַרטאָג געדרודערט מיט די בייגל,
אַ וועלכע פינף־זעקס צענדליק בסך־הכל,
פאַרקנאָטן ס'טייג, געקייקלט דאָס אין בייגל,
געבריט זיי אין דעם גרויסן בלעזלדיקן טאָפּ,
דערנאָך געבאַקן זיי אין דעם צעגליטן אויוון.
מיט די שיריים פון דער ניט פאַרקויפטער סחורה,
די נעכטיקע און אייערנעכטיקע, געשפייזט זיך.
אין זומער פלעגט ער אָפּהיטן זיין גערטל,
אַ גערטל פון אַ פינף־זעקס בייטן, זיך געקוויקט
מיט איטלעך בלעטל וואָס איז אויפגעקומען —
אַ ציבלקע, אַ רעטעכל, אַ בוריקל,
געיעטעט ס'ווילד געוווקס, געהיט באַוואָסערן.
אָן אָפּטער, גאָר אָן אָפּטער איינגייער געווען
ביי אונז אין שטוב: „גוטמאָרגן און גוטיאָר",
„ברוכים היושבים", „קומט עסן — עסט געזונטערהייט",
און באַלד אַריינגעטאָן די אויגן אין אַ ספר,
אַלץ נאָר וואָס איז געלעגן אויבנאויף —
— אַ דקדוק — זאָל זיין דקדוק, מדרש — זאָל זיין מדרש.
אַ יידיש מעשה־ביכל — אדרבא ואדרבא,
ווי למשל: אַ מעשה וועגן צווי קצבים
וואָס האָבן מאכיל־טרפה געווען אַ שטאָט יידן;

זאָל זיין דאָס מענדעליס „דאָס קליינע מענטשעלע",
צי שמרס אַ ראָמאַן מיט ניסים ונפלאות —
ניט אָפּצורייסן; ס'איז געווען ביי אים
אַ פענצטער צו דער וועלט אַרויס פון טיפער טויבקייט.
די מאַמע פלעגט זיך נעמען אָפּט צום האַרצן,
וואָס לויט איר חשבון — און דער חשבון האָט געשטימט —
האָט ער נאָך היינט ניט טועם טעם געווען;
זי פלעגט אים אָפּט אַריינשרייען אין אויער,
געבעטן אים, צו נעמען וואָס אין מויל אַריין,
נאָר ווייטער פון אַ גלעזל טיי איז ניט געגאַנגען,
זיך אָפּגעדאַנקט און ווידער זיך פאַרטיפט
אין ספר, צי אין ביכל.

זיינען די צוויי
אַרויסגעגאַנגען אויסן שטעטל אויף שפּאַציר —
אַ הייסער טאָג געווען, געברענט ווי פייער,
און איצט איז קיל דאָ אויפן פרייען שליאַך.
די זון שטייט נידעריק אין בלויען הימל,
סע בלאָזן פרישע און מחיהדיקע ווינטלעך,
די בולפרעש ליגן איין אַ וועלט מיט זייער קוואַקען
און גרילן שמוצערן אין די קאַפּעליעס.
אויף לינקס, איבערן וועג — די רייפע פעלדער
פון קאָרן און פון גערשטן ביז די ווייטע בערגלעך;
אויף רעכטס — די אָפענע און ברייטע שטרעקעס,
וואָס ווערן ניט געזייט; אַמאָל — געווען דאָרט וואַלד,
נאָר מחמת ס'האָט פאַרשטעלט דעם פרייען אויסזיכט
צום ניעמאַן־טייך און צו דער זייט פון פוילן
פון פאַרז הויכן פאָרט — איז אויפן וואַלד
דער גזר דער ביטערער געפאַלן: אויסצעהאַקן!
אים אויסגעהאַקט און אויסגעריסן מיט די וואָרצלען —
אַ פרייער פלאַץ פאַר זעלנערשע מאַניעוורעס.
שוין יאָרנלאַנג נאָך דעם, אָבער זיין ערד
שמעקט אַלץ מיט וואַלד, זיין ריח ווערט ניט אויסגעוועפּט
פון קליינע נידעריקע צמחים וואַלדיקע,
דעם פּאַפּאָראָטניק מיט געשפּיצטע שאַרפע בלעטלעך,
און סם־המותדיקע גרעלע שוועמלעך

אין שאַרסטקן און געדיכטן מאָך, און דאָ און דאָרט
געפינסטו נאָך אַ פעלד מיט בלויע יאַגדעס
און קוסטעס רויטע ברושניצעס. מיטן שאָסיי,
אַ ביסל ווייטער, איז פאַראַן אַ טייער בערגל,
מ׳קען זיך צוזעצן אַ ווייל, זיך אָפּקילן —
ס׳איז רחבותדיק און פריי.
און דאָ האָט זיי געפּאַקט,
אַרויסגעוואָקסן ווי פון דרערד אַרויס דער שייגעץ,
מיט שטיינער, ציגל, פון די וואָלקנס שטויב,
מיט די באַנומענע רציחהדיקע קולות:
„גיב בעסער אָפּ מיין געלט, דאָס געלט גיב אָפּ!"
דער שייגעץ האָט געמאָנט דאָס געלט ביים אַלטן,
ער איז אים שולדיק „פּיניגו" — וואָס איז?
דער אַלטער איז אַמאָל פון שטאָט געגאַנגען,
געטראָגן אַ שווער פּעקל, איז דער שייגעץ
געקומען אים צו הילף, געהאָלפן טראָגן —
געהאַט באַדונגען זיך מיט אים: צוויי קאָפּיקעס,
איין קאָפּיקע האָט ער אים תיכף אויסגעצאָלט,
די צווייטע איז ביז היינט געבליבן הענגען.
דער טאַטע נעמט אַרויס אַ קופּערנע מטבע
פון וועסטל־קעשענע און וואַרפט זי צו צום שייגעץ —
ווי מיטן האַנט ווערט איינגעשטילט דער גרימצאָרן,
ווי איינגעזונקען אין דער ערד אַריין.

אין דאָזיקער מלחמה זיינען באַשיימפּערלעך
געשען צוויי ניסים: ערשטנס, וואָס די שטיינער
זיינען געפלויגן פון דערנידער פון שאָסיי
אַרויפצו, צו דער הויך פון היפּשן בערגל,
און ס׳האָט די מערב־זון געשלאָגן אים אין פנים.
און צווייטנס, וויל איך דאָ למען־האמת זאָגן:
ער האָט געזוכט צו אויסמיידן דעם צווייטן יידן,
אַזוי, אַז ס׳האָט דער טאַטע אים געקענט פאַרשטעלן,
האָט אויסגעשפּרייט די פּאָלעס פון קאַפּאָטע
און אים געהאַלטן הינטער זיינע פּלייצעס.

דערצו האָב איך אויך צוגעלעגט אַ האַנט צום עסק
און אָפּגעענטפערט שטיין פאַר שטיין דעם שייגעץ,
אַזוי, אַז מ׳איז אַרויסגעקומען, אַ דאַנק גאָט,
מיט גאַנצע ביינער. אויפן וועג צוריק —
צו זיך געקומען, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם,
איז מען געגאַנגען שווייגנדיק, ווי די אבלים,
דער אַלטער, מיט דער געלבלעך־ווייסער באָרד,
האָט נאָכגעשלעפּט זיך דורכן זאַמד פאַרשעמט,
געקאַרטשעט זיך פאַר בושה און פאַר ווייטיק
און זיינע אַלטע אויגן אין פאַרגייענדיקער זון
האָבן געהאַט די מראה פון צוויי רויטע וואונדן.
דער טאַטע טרייסלט אויף זיך אין זיין שטילן גאַנג,
צוקט אויף די פּלייצעס, טראַכט איצט אויפן קול:
דערפון — רעדט ער געלאַסן, ציט די ווערטער —
דערפון קען מען אַרויסדרינגען צוויי זאַכן:
גאָר קודם, אַז „דין פּרוטה כדין מאה“,
מ׳זעט דאָך, אַז אַ קאָפּיקע הייסט „פּיניגו“,
והשנית, אַ בן־נח קען געהרגעט ווערן,
פון מזיקן און הרגען אַנדערע שוין אָפּגערעדט,
איבער אַ פּחות משוה פּרוטה. ב־נאַ,
שוין בעסער שווייגן.

אוי, די שקצים מיט די שטיינער,
מיט בייטשן און מיט הינט! זיי זיינען דאָ,
ווי נאָר דו שטעקסט אַ פוס אַרויס פון שטעטל
און קענסט פון זיי ניט אָפּשניידן קיין פּאָלע.
אַזוי, אַז ס׳קומט אַמאָל דער שייגעץ אין אַ שליחות,
צו קויפן ברויט, אַ הערינג און מאַכאָרקע —
איז שאַרט ער זיך פּאַזע די ווענט, אַ סטאַטעק,
איז נידריקער פון גראָז, פון וואַסער שטילער,
נאָר טרעפט ער דיך אין פעלד — איז הימל עפּן זיך!
ער רייצט אויף דיר די הינט מיט ווילדע קולות,
ער פידלט מיאוס מיט די פינגער פון די הענט,
ער מאַכט אַ חזיר׳ש אויער פון זיין פּאָלע,
ער שפּייט אויף דיר מיט די געגראַמטע לידלעך
מיט מיאוסע ווערטער. היינט די הינט זייערע

מצורעדיקע הינט מיט פעלכלעך אָפּגעקראָכן,
מיט האַלב־פאַרקלעפּטע יאַטערדיקע אויגן,
אַזעלכע מאָגערע צערייצטע כלבים
פּונקט ווי די קליינע באַלעבאַטים זייערע.
די גרויסע ברידער זייערע און פּעטערס
האָט מען די גאַנצע וואָך ניט אָנגעזען,
געווען פאַרדונגען ביי די אַרבעטן פון טייך,
געאַרבעט אין די גערטנער און די פעלדער —
דערפאַר אָבער דורך זונטיקדיקע פרייע טעג
שפּאַצירט קאָמפּאַניעסווייז איבערן שטעטל,
אין שטיוול יוכטענע באַשמידט מיט פּאָדקעוועס,
מיט אויסגענייטע העמדלעך איבער די הויזן,
פאַרגאַרטלט מיט די שוואַרצע בלישטשענדיקע גורטן.
די בערשטל־האָר געשמירט מיט חזיר־פעטס,
געקעמט אין שרונט. אַ פריילעכע קאָמפּאַניע.
בראש שפּאַנט גאַווהדיק דער שייגעץ פון האַרמאָניק
און חנדלט זיך און בלישטשעט מיט דער כלי
אויף אַלע אירע קנעפּלעך און קלאַפּאַנעס,
און אַלע אירע לופט־פאַלדן געפאַרבט אין רויט.
אָט שפּרייט זי זיך פאַנאַנדער אין איר פולער ברייט,
אָט קאָרטשעט זי צונויף זיך ווי אַ האַלבער פּעכער
און גיט אַרויס פון זיך אַ גרילצנדיק געשריי,
אַן אויסגעצויגן געל און מאָנאָטאָן געשריי,
אָן אָנהייב און אָן סוף. אַמאָל פלעגט טרעפן,
אַז ס'האָבן זיך געפונען אין דעם רעדל
אַ צוויי־דריי יפה־פיות, שווערע שיקסעס,
מיט פּנימער פון געלן רויען טייג,
און שרייעוודיקע גרילצנדיקע סאַראַפאַנעס,
מיט קלימפּערדיקע קרעלן אויף די העלדזער
און מיט פּאַטשיילקעס רויטע אויף די קעפּ.
די דאָזיקע פּאַטשיילקעס האָבן געדינט
פאַר כמה זאַכן; ערשטנס צוליב פּוץ,
און צווייטנס טאָקע פּשוט לשם נוץ:
ווען איינער פון די דאָזיקע גאַלאַנטן
לאָזט פּלוצעם זיך אויף איר גאַר מעשה־האָן,

בויגט איין זיך ביז דער העלפט און לאָזט זיך גיין
מיט לעכצנדיקע פינגער זי צו כאַפּן —
אַ חנוודיקע חכמהלע אַזאַ — איז גוט
פאַרשטעלן זיך מיט דעם ס'צערויטלט פנים,
אַריינכיכיקען מיט אַ קוויטש אין טיכל.
נאָר סיי ווי — מיידלעך יאָ, צי מיידלעך ניט —
און אַ געשלעג האָט זיך דאָס ניט געענדיקט.
די זעלביקע, די גוטע פריינט און ברידער,
וואָס זיינען אומגעגאַנגען מיט אַ רגע פריער
מיט הענט פאַרפלאָכטן אויפן צווייטנס נאַקן,
איין לייב־און־זעל, דוכט זיך — איין רגע שפּעטער,
געממיתט זיך, געשלאָגן מכות־רצח,
געשפּאָלטן קעפּ מיט שטיינער, האַלבע ציגל,
זיך אָפּגעגאָסן מיט דער רויטער יוכע
אין אַ פאַרצווייפלטן און ביטערן געיאָמער.
(ס'האָט אגב ניט געשטערט זיי, מיט אַ זונטיק שפּעטער
אַרומצוגיין ווי קיינמאָל גאָרנישט בקאָמפּאַניע
און ווידער רימפּלען אויפן טרפהנעם האַרמאָניק,
און ווידער אַמאָל ס'זעלביקע און ס'אייגענע
ווי מיט אַ וואָך צוריק). נאָר ס'ערגסטע איז געווען
אין יעשנצייט פון יאָר מיט די רעקרוטן:
אַרומגעבלאָנקעט גאַנצע נעכט, געשיכורט,
געריסן זיך די העלדזער און געבלעקערצט,
געקלאַפּט אין טירן און אין לאָדנס יידישע,
געפאָדערט געלט פאַר ביר — און פּרואוו ניט געבן.
גאָטס מורא איז באַפאַלן דאַן דאָס שטעטל —
ס'איז ליכטיק ערשט געוואָרן אין די אויגן,
ווען מ'האָט לסוף די נייע זעלנער צוגענומען
און אָפּגעשיקט זיי אין די ווייטע פונקטן
אין דעם רשות פון „פעטער מיטן בענדל" —
זאָל זיך מיט זיי דער פעטער אָפּגעבן,
זאָל ער אַריינקלאַפּן אין זיי די הלכות־דינסט
מיט הילכיקע סטוסאַקעס, הייסע פעטש,
וואָס האַקן פונקען אויס און ברעכן ציינער

און מיט די ברייטע שווערע נעז פון זיינע שטיוול,
און נאָך די פיר יאָר דינסט, אַז ער באַווייזט זיך
צוריק אַהיים אין אָפּגעקראָכענעם שינעל,
וואָס הענגט אים אויף די פּלייצעס שפּילעוודיק —
מאַרשירט ער מיט אַ פעסטן זעלנערישן טראָט,
דער קאָפּ פאַרוואָרפן הויך: איינס־צוויי, איינס־צוויי!
די יונגע קוקן אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ,
די מיידלעך ווערן פאַר אים די כפּרה —
ער האָט געזען אַ וועלט, ער האָט אַ סך געלערנט,
ער האָט זיך איינגעקויפט גאָר פיל השלמות:
קען דרייען אַ באַנקרוטקע מיט איין האַנט, למשל,
אַ שפּיי טאָן פון צווישן צוגעדריקטע ציין
אַזוי, אַז ס'זאָל אַ פליי טאָן אויף דריי קלאַפטער;
היינט, פייפן קען ער — ניין, אַזאַ מין פייפן
האָט איר נאָך ניט געהערט, דאָס שפּאַלט אַ מוח;
און זונטיק, אין באַגלייטונג פון האַרמאָניק
שאַלט אויף און שטורעמט דאָס סאָלדאַטסקע פּזמון:

דערפער דריי און שטעטלעך צוויי,
מיידלעך אַכט און איך מיט זיי,
וואו נאָר מיידלעך — בין איך דאָ — — —

און נאָך, און נאָך. אַז וואויל די אויערן,
וואָס האָבן דאָס געהערט!

אַצינד די טאַטעס:

אַ גרויס אַ בייז און אָנגעכמורעט פאָלק
אין לייוונטענע׳ם העמד און ברייטע פלודערן,
און קלימפּערדיקע קלומפּעס דורכן זומער,
און אין די גרויע סערמיגעס מיט קרייקעס,
אין לאַפּטיעס אין געפלאָכטענע דורך ווינטער.
ס'איז גאָר קיין שיעור ניטאָ צו זייער טריגקען —
אויב דער לויתן קען אַריינזופּן אַ ירדן,
איז קענען זיי אַריינשלינגען אַ ים.
(ווייַ־ווייַ, די טרפה שענקלעך אונדזערע,
וואו ס'האָט אַ וויסטע יידישע אלמנה
פאַרן ביסן ברויט איר לעבן איינגעשטעלט!)
דער רויך פון בייסיקער מאַכאָרקע שווימט

און גליווערט ווי אַ שטיק פּעטשאַ אונטערן באַלקן,
און גוטע ברידער, שטעטלשע און דורכפאָרער,
זיי זיצן ביי פאַרשמוצטע און פאַרנעצטע טישן
און זשליאָקען ביר און בראָנפן. די דורכפאָרער,
האָבן געבראַכט מיט זיך די „מאָנאָפאָלקעס"
און זייער „כאַרטש" אין לייוונטענע טאָרבעס:
די סקיבעס שוואַרצברויט און ווייס חזיר־פלייש.
אַראָפּגעקלאַפּט פון פלאַש דאָס ברוינע טריוואַקס,
אַרויסגעקלאַפּט דעם קאָריק מיט אַ זעץ אין דלאָניע,
און ס'גייען אום די פלעשער מיט אַ גאָרגלעניש
פון איין האַלדז צו דעם צווייטן האַלדז כסדר,
מיט ברכות און מיט בעסטע ווינטשעוואַניעס —
אַ לעבן ווי אַ רעטעך. טומל און געפּילדער,
און איינער הערט ניט וואָס דער צווייטער דברט.
און ווידער ביר. אַצינד — געזאַנג בצבור,
אָן טעם, אָן ראַם, נאָר סתם געבאַלעבעטשעט.
אַ קושעניש, אַ האַלדזעניש — און אָבער ביר.
אַ מייקעניש, אַ פלייצעניש אויף דער פּאָדלאָגע.
און פלוצעם, ווייסט אַליין ניט גאָר ווי דאָס געשעט.
און ס'ווערט אַ דראַקע איבערן גאַנצן הויז
אין אַ פאַרצווייפלטן געפלעכט פון הענט און פיס
פון בייזע, ווילדע, מערדערישע ברואים.
די ביר־פלעשער קומען צוניץ אַצינד,
אויב פּולע — איז אוודאי און אוודאי רעכט:
מ'ברעכט זיי איבער קעפּ. צעדמטע פּנימער,
פאַרפלייצט מיט ביר און בלוט. די שויבן בריאַזגען
אַ מערדערלעכער שיפּ און כריפּ פון העלדזער
מיט וויסטע קללות, מיאוסע זידלערייען —
אַ חזיר־שטאַל און גאָר.

און אַז דער חזיר־מענטש
דערקריכט אַהיים צו זיך, צעקיילט־צעביילט,
מיט די צעיושעטע צעשפּילטע בלוטן
און פּילט זיך נעבעך אַ געקריוודעטער,
אומזיסט־אומגישט צעדמט און צעקאַליעטשעט —
איז ראשית לאָזט ער אויס זיין צאָרן צו די הינט,

ער בריקעט זיי אין פּיסק און אין די ריפּן,
און דאָ ווערט אַ יללה אין דער מיטן נאַכט:
די הינט צעגיסן זיך אין ביטערן געוואָי
און אַלע הינט פון גאַנצער סביבה העלפן מיט,
פאַרגייען זיך אין קלאַג. דאָס איז אַ פאַרשפּיל.
אַ ביסל שפּעטער שפּאַלט אַדורך דער טיפער נאַכט
אַ ווייבעריש, אַ מוראדיק געשריי,
אַ מוח־שפּאַלטנדיקער קוויטש: „ראַ־טוי־ציעו!"
ס'איז רעכט אויף איר, האָט ניט געהאַט קיין שכל
דעם כאַם אירן פאַרשווייגן אין דער שעה —
איז זי אַצינד אַרויסגעשפּרונגען אין איין העמד
אַ באָרוועסע, אַ נאַקעטע, אין קעלט און שניי
און רופט נאָך הילף צו יעזוסן און מאַריאַן
און אַלע גוטע מענטשן! (ס'האַלט נישט אָפּ אים,
אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווידער אַמאָל זיצן,
ווי קיין מאָל גאָרנישט, אין דער זעלביקער חברותא
און ווידער אַמאָל ס'זעלביקע און ס'אייגענע
ווי מיט אַ צוויי־דריי טעג צוריק). אַ גרוי, בייז פאָלק,
וואָס האָט פון רחמים ניט געוואוסט צום צווייטן,
און מעג זיך יענער אויסציען פאַר זיינע פיס.
די האַרטע שווערע און פאַרמאַכטע האַנט, וואָס האָט
געטריבן זיינע אָרעמע מיט הינט פון הויף.
אַפילו דאָס געזאַנג פון זיינע טעכטער
אין צייט פון שניט אין פעלד — האָט ניט אַרויסגעבראַכט
קיין אויפגעלייגטע פריילעכקייט און פרייד —
דאָס זינגען זייערס אין דעם ראָזיקן פאַרנאַכט
איז זאַמדיק־שווער געפאַלן אָן אַן אָפּקלאַנג,
ווי זאַמדיק־שווער עס פאַלט דאָס פאָלקסליד זייערס,
די „דאַינע" זייערע; עס האָט געקלונגען מער
ווי ס'קלאַפּן און דאָס פּאַטשן פון די פּראַלניקעס
אין נאַסן וועש ביים טייך. דאָס מאָל דאָס איינציקע
ווען ס'האָט געשפּירט זיך האַרץ אין זייער זינגען,
אַ שטיקל ציטערדיקע נאָטקע, איז געווען
ווען זיי האָבן געקלאַפּט זיך מיט די טעמפּע שטערנס
אָן רעטעניש אָן אייביקן פון טויט און לעבן,

ביים אָפּזינגען אַ טויטן אויפן צווינטער.
ס'איז דאָס געזאַנג געגאַנגען פול פון האַרצן
אין פולער ברייטער ערנסטקייט פאַרטראַכטקייט
אַפילו אויך האַרמאָנישקייט. נאָר שפּעטער
אין זעלבן אָוונט נאָך, ביים טיש פון די אבלים,
פלעגט פאָרקומען ניט זעלטן פונקט דאָס אייגענע
ווי אין דעם גוטן שענק.

אוודאי זיינען
געווען אויך אויסנאַמען אין סדום פון ליטע:
אין שטוב פלעגט מען דערמאָנען אָפט צום גוטן
דעם אַלטן רייכן באַלעגוף אַמבראַזאַס,
וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן „ראַבינאָס"
פאַרן טאַטן, הייסט עס, דאָן אַ יונגערמאַן,
וואָס האָט קיין וואוינרעכט ניט געהאַט אין שטעטל,
צוליב דער גזירה פונעם „פינפטן מאַי", —
האָט איינגעשטעלט זיך און האָט אויסגעפּועלט.
איך האָב אים נאָך געקענט דעם דאָזיקן אַמבראַזאַס:
געווען שוין אַלט, אָבער נאָך פריש און דעמבן,
אַ הויכער, זון־און־ווינט פאַרברוינטער זקן
מיט זילבער־ווייסע האָר איבערן שטערן,
מיט לעבעדיקע פונקען אין די גרויע אויגן
און מיט אַ לאַנגער פאַרצעלאָנער ליולקע,
וואָס האָט געדעמפט מיט שטיקלעך רויך פון דעקל.
ער פלעגט אַראָפּקומען איינמאָל אַ יאָר,
אין טאָג פון ערב־פּסח, מיט אַ קערבל אייער —
דאָס איז געווען ביי אים אַ יערלעכע מתנה.
די מאַמע פלעגט אים אויפנעמען מיט גרויס פּאַראַד,
ווי שטאַרק פאַרנומען זי איז ניט געווען
מיט די הכנות פאַרן סדר — נאָכגעפרעגט זיך
אויף יעדן איינעם פון די זין און טעכטער —
(געבוירן אויפן דאָרף — האָט זי געקענט גוט ליטוויש,
געהאַט הנאה אויסצולופּטערן דאָס לשון)
און אָפּגעענטפערט מיט מתנה פאַר מתנה:
אין אויסגעליידיקט קערבל פון די אייער
אַריינגעטאָן אַ פּעקל גאַנצע מצות

און זיסן רויטן וויין אַ פלאַש פאַר דער משפחה.
פלעגט שיקן נאָכן טאַטן אין בית־מדרש —
און ער פלעגט רויטלען זיך אין זיין פאַרלעגנהייט,
געשעמט זיך, וואָס ער קען ניט ריידן ס׳לשון
און ס׳פלעגט די מאַמע זיין די טאָלמעטשער:
געוואונטשן אים אַ גוט און פריילעך יום־טוב
און זיינע קינדער זאָלן גיין אין זיינע וועגן.
און קליין ווי כ׳בין געווען, האָב איך געאָנט דאָס חשיבות
פון זייער בײדנס האַלטונג, פריינטלעך, ווירדיק,
ווי ס׳פּאַסט פאַר גוטע שכנים ערב יום־טוב.
און מן־הסתם האָט נאָך געטליעט איבער ליטע
אַ ניצוץ דאָ, אַ ניצוץ דאָרט פון מענטשלעכקייט
ביי די ליטווינער פונעם אַלטן דור —
די אויסנאַמען. בדרך כלל אָבער —
אַ טעמפּקייט און אַ בייזווילי̇קע גראָבקייט,
און ווילדע שיכרות און פאַרביסענע רציחה,
און — שטיינער, שטיינער, שטיינער.

דער בית־מדרש

איז, ווי דער דין, געשטאַנען מיטן פּנים
אַקעגן שטאָט ירושלים, און צו דרום,
אַ ביסל אָפּגערוקט, מיט פענצטער צום בית־מדרש,
זיינען געשטאַנען צוויי־דריי אַלטע הייזער,
און הינטער אָט די הייזער און די גערטלעך
האָט זיך געשטרעקט אַ גרויסער שטח זאַמד
ביז צום אַנטקעגנדיקן בערגל מיט אַ הויז,
וואָס איז באַוואוינט געווען פון אַ משפחה דייטשן —
די ניימאַנס. אים, הער ניימאַנען, וועט זיין גענוג
אַ צוויי־דריי שורות בלויז: ער האָט געהאַט
אַ פּנים פון אַ שעפּס, אַ טרויערדיק־פאַרצאַגטס,
מיט זאַמד־קאָלירטע האָר און באַקנבערדלעך —
און האָט געציטערט אימת־מות פאַר זיין ווייב.
פון איר, דער ניימאַנאָווע, וועט זיך לוינען
צו ריידן באַריכות, ווי זי האָט פאַרדינט:
אַ הויכע זשוואַווע, ביינערדיקע דייטשקע
מיט קאַלטע שטאָלענע און רשעותדיקע אויגן

און גרינלעך־געלב קאַליר אין פּרצוף־פּנים.
און מחמת זי פּלעגט זיין אַן איינגייער
אין הייזער יידישע — געזוען אַ וועשין —
האָט זי געקענט אַ יעדן איינעם אויסגעבונדן
מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן און צונעמען;
געוואוסט פון אַלע יידישע מנהגים,
גערעדט אַ יידיש, אַזוי גוט, להבדיל,
ווי אַלע ווייבער יידישע פון שטעטל,
מיט אַלע זיינע פיינקייטן און שאַרפע ווערטלעך —
אַ דייטשקע אַ מרשעת, זאָל זי די ערד ניט טראָגן.
דאָס רשעות אירע איז געוועזן צו זען
שוין אין דעם אופן ווי זי שטעכט איר חזיר
לכבוד „וויינאַכט" — איז געשטאַנען און געהיט.
געקאָמאַנדירט מיטן הער ניימאַן און די זינדלעך
און אויפגעפּאַסט געהעריק. גאָר צוערשט
צעברענט אַ האַלבן ציגל גליאיק־רויט,
און שפּעטער, ווען דער חזיר הייבט אָן ריטשען,
און רודערט אויף די נאַכט מיט מוראדיקע קוויטשען —
אַריינגערוקט ס'צעגליטע ציגל אין זיין שלונד.
(אַ סגולה, אַז דאָס בלוט זאָל זיך פאַרקאַכן,
אַ מינדסטער טראָפּן זאָל ניט גיין לאַבוד)
דערנאָך געטאָן אים וואָס זי האָט געטאָן.

איז, ווי געזאָגט, האָט זיך געשטרעקט אַ שטח זאַמד,
אַ וויסט־פּוסט לאַנד, אַ געלבלעך־ווייסער מדבר,
משׁשת ימי־בראשית. דאָ און דאָרטן
מיט קליינע אינדזלען מדברשע געוויקסן,
מיט רויטע גרעלע בליעכצן פון קראָפּיווע,
מיט האַרבן שאַרפן ביטערן פּילון
און קוסטעס בייזע שטעכלקעס. פון בעלי־חיים
האָבן געלעבט דאָרט„ משה רבנוס קיעלעך"
מיט האַרטע רויט־געשפּריצטע פאַנצערלעך,
וואָס שפּאַלטן זיך אין העלפט, ווען זיי פאַרגלוסט זיך פליען,
און גרויסע גרינע פליגן, שוואַרצע זשוקעס
און שמאַיעדיקע מורעשקעס. אַ טייער פּלאַץ

פאַר יינגלעך יידישע צו שפּילן זיך אין זאַמד
און יאָגן זיך נאָך פיינקאָלירטע פלאַטערלעך.
(וואָס דאַרפט איר מער? זיך גראַבנדיק אַמאָל
אַ ביסינקע צו טיף אין זאַמד — אַרויסגעגראָבן
אַ מענטשלעכן סקעלעט אין פולער לענג
מיט געלע לאַנגע קנאָכן געפּאָלירט פון זאַמד —
ס'אוודאי אַ פראַנצויז געווען פון צוועלפטן יאָר)
ס'איז נישט קיין ערד געווען, נאָר גאָלע זאַמד —
און אָט אויף דעם שטיק זאַמד האָט זי געוואָרפן ס'אויג,
דאָס צו פאַרוואַנדלען אין אַ פעלד פון תבואה.
הער ניימאַן איז געקומען אין איין שיינעם טאָג
געבראַכט צו פירן סלופּעס, שווערע ברעטער,
באַנוצט זיך מיט די בלינדע ווענט פון שטיבער
כדי צו שפּאָרן מאַטעריאַל און אַרבעט,
און אויפגעשטעלט אַ גוטן פעסטן פּאַרקאַן,
געמאַכט פון מדבר זיין רשות־היחיד,
פאַרפלעקלט און פאַרקלאַפּט.
אין גאַנצן גלאַט אָבער
איז דאָס ניט אָפּגעלאָפן: שבת אין דער פרי,
אַז ס'זיינען דאַוונען געקומען אין בית־מדרש
די אייזערנע געזונטע וואוילע יונגען
מיט די פאַרברענטע פּנימער און קאַרקן,
די שווערע האַרעפּאַשניקעס ביים טייך, ביי באַטן,
פאַרפּוצט לכבוד שבת אין פּאַפּירענע מאַנישקעס
און פיינע גאַרניטורן — האָבן זיי דורך שחרית
זיך דורכגעסודעט און זיך דורכגעוואונקען
און איינציקווייז, צום אויסנעמען, אַרויסגעשלייכט זיך
סטאַטעטשנע, ניט געאיילט, ווי ס'פּאַסט אום שבת —
געלאָזט זיך אָנקוקן דעם נייעם פּאַרקאַן.
נאָר אויף דער צווייטער זייט, ווי ס'האַרץ וואָלט איר געזאָגט,
איז שוין געשטאַנען ניימאַנאָווע מיט איר הונט;
(אַ גרויסער געלער און קודלאַטער כלב
וואָס פלעגט אונדז, יינגלעך, אָנטאָן צרות־צרורות).
דאָס איז געווען גאָר אַ שיינע סצענע:
די שבתדיקע בחורים אויף איין זייט פּאַרקאַן

און זי, די ניימאַנאָווע, אויף דער צוריטער זייט.
זי האָט באַגעגנט זיי מיט אַ „גוט־מאָיען"
און זיי האָבן געשוויגן און געשמייכלט,
אַ ביסעלע פאַרשעמט געשוויגן שמייכלענדיק.
אום שבת וועט מען דאָך קיין פּאַרקאַנעס ניט ברעכן,
נאָר ס'שטייט דאָך ערגעץ ניט געשריבן, אַז מ'טאָר ניט
זיך אָנשפּאַרן אָן פּאַרקאַן מיט אַ פּלייצע —
האָט מען זיך אָנגעשפּאַרט מיט די געזונטע פּלייצעס,
פאַרלעגט דעם רעכטן פוס איבערן לינקן,
אַזוי זיך, אָנגעלענט: און זע אַ וואונדער:
דער פּאַרקאַן נעמט פּאַמעלעכן זיך בויגן.
און דאָ האָט ניימאַנאָווע אויפגעעפנט ס'מויל,
צוערשט מיט גוטע רייד: „אַז שעמען מעגט איר זיך
„אין אייער וויטן האַלדז — האָט זי געמוסרט —
„אין שול האַלט מען אַצינד אין מיטן לייענען,
„און איר דאָ שטייט און זייט מחלל־שבת
„און ברעכט אַ פּאַרקאַן!" (אייגנטלעך, אַ טענה,
אַ גאָר גערעכטע טענה, ווי דער אמת איז,
נאָר טענה צו דער וואַנט, זיי הערן ניט).
געזען איר מוסר הייבט ניט אָן צו העלפן
איז זי אַרויסגעקומען מיט געשרייען,
מיט פּיענע אויף די אויסגעקרימטע דינע ליפּן,
געהאַגלט מיט די גרעבסטע זידל-ווערטער,
געדרייט זיך ווי אַ ווירבלווינט אין זאַמד
געשאָטן הויפנס זאַמד אין פּנימער
און וואַלקנס שטויב און שטיינער פליען
און פודל האָט געריסן זיך פאַרצווייפלט
געשפּרונגען אויפן פּאַרקאַן און צוריקגעפאַלן,
און די משפחה איז געקומען אָנצולויפן —
דער פּאַרקאַן קרעכצט, די סומאַטאָכע וואַקסט,
אָט פליט אַ שפּאָן צוזאַמען מיט זיין טשוואָק,
אָט, נאָך אַ רגע, און ס'וועט זיין נאָך אַלעמען.
און דאָ דרייט זי זיך אויס צום עולם מיטן רוקן,
פאַרוואַרפט דאָס קליידל אירס איבערן קאָפּ,
אַזוי־אָ, חוה־נאַקעט: יודן, קושט!"

די בחורים פאַרשעמען זיך פאַר זיך אַליין
און בלייבן אָפּהענטיק, און אויף איר טרפהן מזל
זיינען די טאַטעס פון די יונגען אַנגעלאָפן
מיט די טליתים אויף די פּלייצעס פון בית־מדרש —
זיי שפּייען אויס זיך — טפו — און רייסן אָפּ די בנים
און ס'בלייבט דאָס שלאַכטפעלד פוסט אַ רגע שפּעטער —
געראַטעוועט דעם פאַרקאַן!
דער אמת איז,
אַז קיינעם איז דאָס זאַמד ניט אָנגעגאַנגען
און מער טאַקע האָט מען דעם פאַרקאַן ניט געטשעפּעט
מ'עט זען אויף אַ טשיקאַווען וואָס פון דעם וועט ווערן.
לאַנג וואַרטן האָט מען ניט געדאַרפט: הער ניימאַן
האָט זיך פאַרנומען פירן פורלעך ערד,
געשפּרייט מיט שוואַרצער ערד איבער די זאַמדן,
און זי, די ניימאַנאַווע מיט די טעכטער,
זיי האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט אַ טריט אָן קערבלעך,
און וואו אַ טייגל אָפּפאַל פון אַ פערד און קי —
דאָס אויפגעקליבן צו באַמיסטיקן דאָס פעלד.
אַזוי פאַר יאָרנלאַנג: הער ניימאַן האָט געפירט
די פורלעך שוואַרצע ערד, און זי, די ניימאַנאַווע,
האָט קערבלעך מיסט געוואָרפן אינעם זאַמד.
קיין פעולה אָבער האָט מען ניט געזען: דאָס זאַמד
האָט בשום אופן ניט געלאָזט פאַרציען זיך.
פאַרשטייפן זיך אין אַ שיכט ערד. אין פרילינג,
אין צייט פון אַקערן און זייען, האָט דער אַקער
געשניטן זיך אין זאַמד; פאַרזייט, פאַרבראַנעוועט,
און באַלד האָט זיך די ערד מיט זאַמד פאַרגאָסן.
מ'האָט איטלעך יאָר געביטן דאָס פאַרזיי:
איין יאָר פאַרזייט דאָרט גערשטן, און דאָס צווייטע — קאָרן,
נאָר ס'איז געווען אַ צער צו זען דעם אויפגיי.
אַ פעלד — אַ מראה פון אַ קאָפּ מיט פּליכעס,
מיט קאַרגע פּיאות גרינס, מיט קראַנקע שטענגלעך,
געענוי ווי יענע זיבן אויסגעצערטע זאַנגען
אין פרעהס חלום; אין אַ גוטן רעגן
האָט זיך די תבואה אויסגעלעגט צום זאַמד,

געוואָרן אָפּגעשווענקט. מ'האָט געפּרוואווט קאַרטאָפּליעס —
זיינען אַרויסגעקומען שווינדזיכטיקע קוסטעס
מיט דאַרע קליינע בלעטלעך, אָן שום חיות,
צעפּרעסן און צעקלאַפּט פון קליינע זשוקלעך —
געזייט אויף זאַמד.
נאָר אויף דער צווייטער זייט
איבער די בערג צו צפון־זייט פון שטעטל
געלעגן איז אַ בליענדיקער ישוב
פון רוסן־סטאַראָוויערן. גאָר אַן אַנדער ערד,
און גאָר אַן אַנדער לופט, און מענטשן אַנדערע.
מיר, יינגלעך, פלעגן דאָרט אַמאָל פאַרבלאָנדזשען
אין אַ ראש־חודשדיקן הייסן זומערטאָג.
דאָרט האָבן פעלדער תבואה זיך געשטרעקט
אין זאַפטיקן געדיכטן גרין ביז ווייטע וועלדער;
און ווייסע שטיבער מיט געפאַרבטע לאָדנס
אין בלוי און רויט זיינען געשטאַנען איינגערייעט,
געלויכטן שפּיגלדיק אַרויס פון סעדער.
עס גלימצערן די מילכקאַנען אַרונטער
פון די שטאַכעטן פון די ברעטער־צאַמען;
און ס'בלייכן זיך צעשפּרייט איבערן גראָז
די גרויסע ברייטע פּלאַכטעס פון פריש לייוונט,
און בינען זשומען איז נאָכמיטאָגדיקער היץ.
ס'האָט זיך געשפּירט דאָרטן די גרויסע שלוה
און זיכערקייט פון איינגעוואָרצלט פאָלק.
די מאָנסלייט — מיט די ברייטע בלאָנדע בערד
האָבן געשמייכלט מיט אַ פריי און אָפן בליק,
גאָר נישט דער קוק פון דעם קרעטין אין טאָל —
און קינדער האָבן זיך געשפּילט — ווי קינדער.
אַ ייִדיש ייִנגל דאָרטן האָט געשפּירט זיך זיכער,
געוואוסט, מ'וועט קיין הינט אויף אים ניט רייצן,
מ'וועט ניט לאָזן זיך אויף אים מיט בייטשן. —
געבענטשט זאָלן זיי זיין די שטילע היימען,
פון צווישן בליענדיקע גערטנער און די סעדער —
ביז היינט צו טאָג געדענק איך זיי צום גוטן!

## פעלקער און זייערע געטער

אַזויפיל זון און ליכט און נאָנטע פרעמדקייט
און ווייטע אייגנקייט פאַרשטראָמען מיך —
ס'איז אַלץ אי פרעמד, אי נאָנט, אי ווייט, אי אייגן:
די ווייסע שווערע און מאַסיווע מויערן,
וואָס גלימצערן אין זונליכט — ווערן לופטיק
און ציטערן אין אַ פיאָלעטער שיין;
פון קייטן בערג וואָס טויכן אויף פונוויטנס
גייט אויף און צאַפּלט זיך אַ פורפור־נעפל;
און ווען עס לאָזט זיך דער פאַרנאַכט אַרונטער —
צעגיסט ער זיך אין אַ בלאָס־גאָלדיקן בורשטין
אַריבער דעם אַספאַלט־שפיגל פון ברייטער גאַס
און אין די שויבערס פון פאַרברוינטע פאַלמען
און אין די גרינע שלאַנקע נאָדלדיקע צעדער.

נאָך ליגט די קינדהייט פון דעם לאַנד צעשפרייט
וואו נאָר עס פאַלט דיין בליק: די לאַנדשאַפטן אַרום —
נאָר וואָס אַרויסגעשפרונגען פון דעם שמעלצאויוון
פון דער יצירה, נאָך ניט אָפגעקילט אינגאַנצן;
די ריזיקע צעבראָכענע לאַווע־בערג
און קופער־רויט און ברוין. פון בלויער ווייט
די טונקל־גרויע רויכן פון דעם „שוואַרצן מאַן",
וואָס קרייזלען זיך צום פיאָלעט פון הימל;
און ביי דער זייט — דער באַרג פון „שלאָפּעדיקער פרוי"
אין ווייסער אייביקייט פון שניי און אייז
מיט אויפגעשאַרצטע היפּטן, ברוסטן שענקלען,
מיט פאַליעס זילבער־האָר צעפּאַטלט און צעפלאָסן
אויף אַלע זייטן. (איטלעך באַרג האָט זיין לעגענדע,

פאַרקניפּט מיט געטער און מיט העלדן פונעם לאַנד,
אין מויל פון פאָלק).

די אַלטע קריגערישע שבטים —
טאָלטעק און מאַיאַ און אַצטעק און אַנדערע, —
האָבן געזוכט אַריינצושטעמפּלען זייער חותם
אין ברוינע זאַמדן פון דער גרויסער אייביקייט —
אַט שטיי איך פאַר די אַלטע פּיראַמידן,
געבויט צום זון־גאָט און לבנה־גאָט און שטערן,
וואָס האָבן אויסגעהאַלטן זעכצן הונדערט יאָר,
יאָרהונדערטער פון מדבר־היץ און קעלט, שלאַקסרעגנס,
און בליץ און ווירבלדיקע זאַמד־שטורעמט, ציקלאָנען,
די שטייסט און שטוינסט פאַר זייער גרויסער קונסט
און גבורה פון דעם מענטשנס גייסט: די בוימייסטער
פון גרויס פאַרנעם און וויזיע; שטיינקריצער
אין גאָטס גענאַד פון בלומען, חיות, פייגל,
פון געטער און דראַקאָנען; קינסטלער פונעם פּענדזל
אין די געצוקטע היראָגליפן און סימבאָלן,
ווי די חרטומים־שריפט פון אַלט־מצרים.
עס איז, ווי כ׳וואָלט געהאַלטן פאַר זיך אָפן
די ערשטע ספרים פון תנ״ך, וואו ס׳ווערט דערציילט
וועגן די געטער פון דעם כנעני און אמורי,
פון כמוש און בעל און פון דער עשתורת.
געווען אויך צווישן זיי אַ בלוטדורשטיקער גאָט,
אַ מין גאָט־מולך פון אַמאָל, אַ גרויסער נאַשער,
וואָס האָט זיך אַנדערש ניט געלאָזן איבערבעטן,
ווי מיט די הערצער פון באַזיגטע קריגער.
אַ יאָר פון טריקעניש אין לאַנד — האָבן די פּריסטער
צום קרבן אויסגעקליבן אַ יונג מיידל,
וואָס האָט קיין מאַן נאָך ניט געוואוסט, אַ שיינס, אַ גאַנצס,
אָן קיין שום מום, און ס׳האָט דער גרויסער פּריסטער
אַרויסגעריסן פון איר ברוסט דאָס האַרץ,
וואָס האָט געצאַפּלט נאָך, געציטערט אין זיין בלוט
און דאָס געוואָרפן אויפן פייער פון מזבח —
אונטער דעם קלאַפּן פון די פויקן און די פייפלעך.

ביז ס׳איז דער שפּאַנישער קאָנקיסטאַדאָר געקומען
און האָט מיט פייער, בלוט און זיילן־רויך
אַריינגעברענט אין ברוינעם אינדיאַנער לאַנד
דעם פרעמדן שווערן צלם פון דעם ייד פון גליל.
עס זייִנען אָנגעפלויגן ווי די רויב־פייגל
מאַנאַכן אין די לאַנגע שוואַרצע בגדים
און איינגעשפּאַנט דאָס פאָלק צו בויען קלויסטערס,
וואו ערגעץ אַ פריי בערגל — דאָרט אַ קלויסטער.
(פאַראַן אַ שטעטל צווישן הויפּטשטאָט און פּועבלאַ
וואו ס׳שטייען אויסגעבויט פון אַלטע צייטן
דריי הונדערט פינף און זעכציק קלויסטערס —
אַ קלויסטער קעגן יעדן טאָג פון יאָר).
דער שאָטן פונעם מוראדיקן צלם
האָט זיך צעלייגט, די שיין פון לאַנד פאַרשוואַרצט;
און ס׳האָט דער זעלנער אין זיין פריי־געלאָזטער תאוה
די מיידלעך די ברוינהויטיקע אַרויסגעשלעפּט
פון זייערע באַהעלטענישן פאַר די האָר פון קאָפּ —
די פּנימער פון קומענדיקן דור פאַרווייסט,
ווי קאַווע מיט אַ ביסל שמאַנט.
דער שווערער גאַנג
פון אַלע רויבערישע פעלקער אויף דער וועלט,
פון גרויען אַלטערטום ביז היינט, איז דאָ, אויך דאָ,
אין וויטן מערב־ווינקל פון דער נייער ערד,
אַריבער מיט זיין פייערדיקן אַוואַלאַנש
פון שטאָל און אייזן, בלוט, רציחה, רויב.
דער שפּאַנישער באַצווינגער האָט געזוכט
די רייכקייטן פון לאַנד אין טייערן מעטאַל:
אין גאָלד און אין די בלישטשענדיקע שטיינדלעך.
ער האָט די מאַסן פונעם פאָלק פאַרוואַנדלט
אין וואַסערשעפּער און אין האָלצהעקער.
אין בויער פון קאָנווענטן און פון קלויסטערס.
אַ ביסל שפּעטער — האָט די הערשערישע קירך
געוואָרפן די באַגליקטע נייע גלויביקע

אין שוואַרצן שטיינקעלער פון זעלבער קירך,
וואָס זיי האָבן געבויט: געצויגן זיי די אָדערן,
געברענט, געפּיצלט און געבראָכן זייער לייב,
כדי די רעשטלעך אוצרות די באַהאַלטענע
אַרויסצופּרעסן פון דער ערד. דערנאָך
האָט מען געפירט די נייע קריסטן אין פּראָצעסיע,
אין שטורעמדיקן גלאָקנקלאַנג, אין העלער זון,
מיט רויטע שדים אויסגעמאָלט, אויף זייער העמד,
מיט שטריק אַרום דעם לענד, מיט שוואַרצע ליכט
און פינגער צעקאַליעטשעטע, און די מאָנאַכן
אין שוואַרצן טראַכט, פון קאָפּ ביז צו די פּיאַטעס,
מיט צלמים הילצערנע אין בלאָסע הענט,
האָבן געזונגען פייערלעך קאַפּיטלעך תהלים;
אין באַרמהאַרציקייט געבעטן גאָט דעם פאָטער,
דעם זון ישוע און דעם גייסט דעם הייליקן
פאַר די געלייטערטע נשמות פון די זינדער,
געכשרט דורך דער פייערדיקער טבילה
פון שייטערהויפן־בראַנד.

אויך די אַנטרונענע
פון שטאָלצן אַדעליקן שבט פון מיין פאָלק,
פון פירענעאישן האַלב־אינדזל און פון פּאָרטוגאַל —
די אייניקלעך פון בן־שפרוט און די אבוהבס,
אברבנלס און די פּערעזס און באָנפּידס —
האָבן קיין רו פאַר זייער פוסטראָט ניט געפונען
אויך דאָ אין נייעם לאַנד. דער אַלטער גורל
האָט זיי באַגעגנט דאָ מיט פייערדיקע אָרעמס
און זיי געפירט צו די קאָנווענטן־קעלערן
און צום אויטאָ־דאַ־פעי. (דער לעצטער בראַנד
איז פאָרגעקומען אויף דער ברייטער „סאָקאַלאָ"
פון מעקסיקאָ־דער־שטאָט, אַקעגנאיבער
דעם גרויסן אַלטן אימפּאָזאַנטן קאַטעדראַל
ערשט מיט אַ וועלכע הונדערט פופציק יאָר צוריק).
ייִד זוך די שפורן פון דעם גרויסן שבט,
וואָס ס'האָט די צייט אים אָפּגעווישט, פאַרשווינקט,

מיט אירע מוטנע כוואַליעס. כ׳הער פון הימען
קאַטוילישפּרום פון לאַנגעלאַנגע דורות,
וואו ס׳איז פאַראַן אַן אויסטערלישער מנהג,
אַז פרייטיק, מיט דער שקיעה, פירט די מאַמע,
מיטן צלם אויפן האַלדז, איר יונגע טאָכטער
אַרונטער אינעם טיפסטן ווינקל פון איר קעלער
און צינדט דאָרט ליכט, פאַרדעקט איר פּנים מיט די הענט,
און נאָכדעם צלמט זי די ליכטלעך איבער
און שאַרט אַרויס זיך הינטערווייַלעכס פונעם קעלער.
עס טרעפט, אַז אין געדראַנג און רעש פון גאַס,
אין דער געדיכטעניש פון דער מיליאָנען־שטאָט,
כאַפּט אויף דיין אויער עפּעס אייגנס אין אַ קול,
ס׳טוט פלוצים דיך אַ ברען אַן אויפבליץ פון אַן אויג,
אַ בויג פון האַלדז, וואָס ס׳קומט דיר פאָר באַקאַנט,
אַ זשעסט, אַ פאַך פון אַ נערוועזער האַנט —
ווי ס׳וואָלט אַ ווייטער און פאַרפרעמדטער ברודער
געלאָזט זיך דיר דערקענען אויף אַ רגע.
אין קליינעם פּאַרק — די דינע פרוי אין שוואַרצן,
אויך מיטן צלם אויפן האַלדז, וואָס זיצט פאַרטיפט
אין שוואַרץ־געבונדן תהלימל אויף שפּאַניש —
די ליפּן שעפּטשען שטילערהייט די ווערטער,
און ווען זי הייבט די אויגן אויף, אום נאָכצופאָלגן
דאָס חנוודיקע שפּילן פון די וועווריקלעך
איבער די צווייגן פון אַנטקעגנדיקע ביימער —
וואָלט איך געשוואָרן, אַז איך זע אַ שוועסטער.
איר פּנים — לענגלעך, רייך־געשניצט, ווי אַ קמיע,
און אויגן — אויגן האָט זי שוואַרצע, טיפע,
דורך אָנגעזאַפּט מיט אַלטן צער און טרויער.

אַ לאַנד אַן אייגנאַרטיקס, שאַרף אין שיינקייט
און רייך מיט אַ געבענטשט, באַזונדער חן;
מיט בערג וואָס קייטלען זיך אין נייע רינגען,
מיט שטראַלנדיקע צאַרטע בלויע הימלען,
וואָס באָדן זיך אין אייביק הייסן זונליכט.
די בערג און בערגלעך זיינע קאַל און פליכיק,

פאַרשרפהט און פאַרברוינט. נאָר דאָ און דאָרט
מיט גרינע אינדזלען פון די מדבר־צמחים,
מיט קאַקטוס־פלאַנצן, קרומע און צעדרייטע,
אין כל־המינים בייזע, שטעכיקע געשטאַלטן,
מיט נידעריקע קוסטעס נאָדלביימלעך,
מיט ריזיקע מאַגעיע־פלאַנצן, אייביק־גרינע,
מיט פליישיקע און שווערע בלעטער־שפּיזן,
אַרומגעצאַקט מיט שאַרפע שפּיצן פאַר אַ שמירה,
(פון דער מאַגעיע ווערט ס'באַרוישנדע געטראַנק
פון לאַנד געטריבן, פון די שטאַרקע פיבערן
געפלאָכטן ווערן שטריק). נאָר אין די טאָלן
און אין די ברייטע פלאַכן פונעם לאַנד
וואַקסט שפעדיק דער קוקורוז, דאָס ברויט פון לאַנד,
און ווייץ און האָבער און דער צוקער־שטעקן;
און גערטנער רויטע זוניקע אָראַנזשן,
ציטרינען טיף אין גרין, באַנאַנע־וועלדלעך,
און אויסטערלישע פרוכטן טראָפּישע
דער אַנאַנאַס און מאַנגאָ־פרוכטן, זיס און ווייניק,
און נאָך. און נאָך. גענוג אַדורכצוגיין
אין אַ פרימאָרגן פון אַ טאָג דעם גרויסן מאַרקפּלאַץ,
וואו ס'ווערט דורך נאַכט אַריינגעפירט די שפע
פון גערטנער און פון פעלדער פאַרן גרויסן מאָגן
פון דער מיליאָנען־שטאָט. קאָלירן בלענדן
אין כל־המינים גרין און געל און רויט און פּורפּל.
קוים וואָס דו שטופּסט זיך דורך צווישן עולם
פון קויפער און פאַרקויפער, אָנגעהורבעטע
געמאַכן און געשטעלן: בערג מיט הייפּטלעך קרויט,
מיט בולבעס, וואָרצלען, מערן, פּאָמידאָרן
און ברענענדיקע פעפערלעך אין גרין און רויט
און אַלע וואַריאַציעס פון משפחה קירבעס;
געטריקנט ציגנפלייש און שאָפנפלייש און מילכיקס,
אָן סוף און אָן אַ שיעור.

גערודער און קלאַנג,
און רעשיקער געפילדער פון דער הויפּט־שטאָט,

און גלאָקנקלאַנג און וואוילקלאַנג פון קאַסטיליש;
און רייכע שפּיגלדיקע פענצטער פון געשעפטן
אין בליאַסק און גלאַנץ, מיט אַלע לעצטע מאָדעס
פון לאָנדאָן און פּאַריז; מיט טייערן קרישטאָל,
וואָס ברעכט און ברעקלט זיך אין מיריאַדן שטראַלן,
מיט גאָלד און זילבער צירונגען און שנורן פּערל,
אין אויפשטראַלונג פון שרייאיקער באַלייכטונג,
אין שפּעטער נאַכט. דער פּאַלאַץ פון די שיינע קונסטן,
וואָס שווימט אין לופט ווי אין אַ גאָלדן נעפּל;
און הייסע גליענדיקע מאַנצביל־בליקן,
וואָס שטעכן זיך אַריין אין אַלע ווייכקייטן
פון די אַנטקעגנקומענדיקע יונגע פרויען;
דאָס שטראָמיקע געווירבל פון מאַשינען
מיט וואָרנונגען פון גרילצנדיקע האָרנס.
און באַלד דערביי די גרויסע אָרעמקייט,
די אויסגעשטרעקטע הענט נאָך אַ נדבה —
די שוואַרצע הענט, די ברוינע הענט, די ווייסע,
צעקרימטע און צעדרייטע הענט פון זקנים,
און הענט פון אַלטע ווייבער און פון יונגע ווייבער,
און גלאַטע הענט פון ייִנגלעך און פון מיידלעך,
אַרונטער ביז די קליינע הענטלעך פון אַ קינד,
ניט עלטער פון אַ צוויי־דריי יאָר. דער טשאַד און רויך
פון קליינע נידעריקע אויוועלעך אויף קוילן,
וואו ווייבער פּאַטשן־אויס די קוקורוז־פּלעצלעך
און באַקן זיי אין אייל אויפן פאַרשוואַרצטן בלעך.
אַן עופהלע, אַ בראָנדזן־קינד, אַ פּיצלס,
וואָס ליגט אַ שווייגנדיקס אויף דער ראָגאָזשע
ביים זייט פון אויוועלע, ביים טראָטואַר,
מיט אויגן אָפענע צום שטויביק־רויטן הימל.
(אָ, אויגן פון אַ קליין אינדיאַנער קינד
דורכויס פון מאַטע שוואַרצאַפּלען, ווי וואונדן,
וואָס שפּירן שוין די גאַנצע האַרטקייט פון דער וועלט,
און זייער גליווערדיק און אומבאַוועגלעך בליק
אָן מינדסטן אויפבליץ, אָן דעם קלענסטן שמייכל!)

א טשאַטע גאַסנמיידלעך, שטאַרק צעפּלאַשעט,
ווי הינער פאַר אַ שטורעם, וואָס צעלויפן זיך
מיט שנעלן פּייקלען פון די קנאַפּל אַן אַספאַלט,
מיט שאַרכעניש פון קליידלעך און מיט קלינגלעניש
פון אַרעמבענדער, אוירינגען און קייטלעך —
געטריבן פון דעם הארטן דראָענדיקן קוק
פון שטרענגען פּאָליציאַנט. און יינגלעך — סוחרים,
וואָס טרייבן זייער מסחר אין דער שפּעטער שעה,
פאַרשטעלן דיר דעם וועג און פאָכן פאַר די אויגן
מיט בויגנס מיט קאָלירטע לאָטעריי־צעטלעך,
וואָס זאָגן גליקן צו; און גרופּעס קינדער
האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע, מיט בלודנע הינט,
וואָס רייסן די פּלאַקאַטן פון געמאַכן,
כדי מיט דעם זיך צוצודעקן, זיך צו שיצן
און ערגעץ וואו אַן אָפּגעלעגטן ווינקל,
דאָס אַלץ און מער. און איבער דעם קאָשמאַר
פון טומל און געגרילץ און טשאַדנע ריחות
שניידט זיך אַריין דאָס קלינגען פון די גלעקער
פון נאָענטן שכנותדיקן קאַטעדראַל,
וואָס רופט דעם עולם צו דער מיטנאַכט תפילה —
די קלאַנגען פאַלן שווער, מאַסיוו און נאָכאַנאַנדיק,
באַצווינגען אַלץ און דעקן אַלץ אַריבער.

אַ טרויער־פליגל פאָכט איבער דער לאַנדשאַפט
און שלעפּט זיך איבער חורבות פון קאָנווענטן —
איך וואַנדער דורך דעם לאַבירינט פון קעליעס
פון חרובן קאָנווענט פון סאַן־אַנכעל,
און יאָרן הונדערטער פון קנאת־דת און צוואַנג
און בלוט און פייער קוקן פון די ווענט אַרונטער
פון די געמאָלטע פּנימער און אייל־פאַרבן
פון די אַמאָליקע באַוואוינער פון די קעליעס —
געמאָלן אין דער שוואַרצער שטרענגער טראַכט
מיט ווייסע און געצאַקטע קאָלנערס אַרום העלדזער;
די גלאַט־ראַזירטע פּנימער — אַסקעטיש,
די אויגן — מילדע, שטילע און פאַרגיביקע —

נאָר אויב דו ווילסט דערגיין דעם סוד: פונוואַנען
די האַרבע גרויזאַמקייט פון צוואַנג און פייער,
צו שטיין איבערן בלוט פון זייער קרבן
און אויפנעמען אין זיך זיין ווײ און ליידן
אין אויפשוידער און אויפצאַפּל פון זיינע גלידער —
דאַן מוז דיין בליק זיך אויפהאַלטן אַ ביסל לענגער
אויף זייער שניט פון מויל: אין דינער שאַרפער שטריך,
פאַרקרעמפּט, פאַרפּרעסט, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין
וואָס לאָזט ניט צו קיין שאָטן פון קיין שמייכל,
ווי ס'האָט דאָס מאַלערישע אויג דאָס אויפגעכאַפּט
מיט דורות־לאַנג צוריק. די לופט פון מיטלאַלטער
איז שטיין געבליבן אין דער גרויסער חורבה,
אין סטיל אין מורישן, פון ציגל און גראַניט,
מיט די מאָזאאיקס פון אַזור און גאָלד;
וואו אַלע פענצטער קערן זיך צום גרויסן הויף
אין פאַרעם פון אַ לאַנגן טיפן חית;
און אין נאָכמיטאָגדיקן ווייכן ליכט
טוט שטיל די צייט איר אַרבעט: זי באַגראָזט די ערד,
דעקט צו אַ וואַנט אַ וואונדיקע מיט קלעטער־רויזן
און גרינט און ווייסט די שווערע וואַסער־ליליעס
אין שימלדיקער גרינקייט פון באַסיין,
וואָס ליגט אין מיטן הויף; און פייגל צוויטשערן
און פלוידערן אַרונטער פון די אַלטע ביימער
און גרינע שפּרינגער הוידען זיך אויף גראָז.

איך בין געווען אין דעם באַרימטן קלויסטער
פון מוטער דאַלאַראָזאַ פון דער גוואַדאַלופּע,
די מאַמע פון דער הילף דער אייביקער פון לאַנד
פון אַלע ליידנדיקע. ס'האָט דער מאַלער,
וואָס האָט דאָס בילד געמאָלן פאַר דער אייביקייט
אַריינגעאָטעמט אין געמעל אַזויפיל טרויער
און איבערמענטשלעך צער, מיט אַ צוק פון פּענזל
אין ווינקלען פון די אויגן, זיי געגעבן טיפקייט,
ווי לעבעדיקע טרערן וואָלטן דאָרט געשימערט.
דאָס פּנים לענגלעך, יונג און שטראַלנדיק,

און די פיגור אין פולער שלאַנקער הויך,
דראַפּ׳רט אין וואַרעמען און ווייכן פורפור.
נאָר אין דער זעלבער צייט, האָט אויך דער קינסטלער
אַריינגעטאָן אין איר אַזויפיל ווייבלעכקייט
און רייץ און אַלע ערדישע גלוסטונגען
אין יעדן קנייטש און בויג פון גוף און פנים —
אַז כ׳הייב אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אין מיטלאַלטער,
ווען ס׳האָט אַ ייד געקוקט בלויז אויף אַ בילד אַזאַ,
איז טויט געווען זיין שטראָף, פאַר חלול־קודש.
זי שטראַלט פון וואַנט אַראָפּ אין דער מאַסיווער ראָם
פון שווערן גאָלד און דאָמינירט די קירך
מיט אירע מירמלנע סטאַטועס און געמעלן
פון דיל ביז צו דער טיפער און געוועלבטער סטעליע.
(אַפילו ער, דער זון, איז פאַרטושירט אַ ביסל
אין דער־אָ קירך. ער ליגט אויף דרערד, אַ מאַניקען,
אין שוואַרצן אָנטועכץ, מיטן ברוין בערדל,
פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, אַן אָרעמער אַזאַ,
און קוקט מיט אויגן גלעזערנע צום עולם).
די שיין פון מיטנטאָג דורך פענצטער גאָטישע,
געמאָלט אין טיפן בלוי, שטראָמט אָפּגעקילט,
און וואַרפט אַ בלוילעך, אַ ניט־ערדיש ליכט
אויף ווענט און אויף סקולפּטורן און געמעלעכצן
און אויף די בערג פון פרישע גלאַדיאָלאָס
וואָס בלאַנקען, גרין און ווייס אויפן אַלטאַר.
און אונטער אירע פיס — די ברענענדיקע ליכט,
אַ ים פון ליכט — אַ לאַנגע מענטשנקייט,
איינס נאָכן צווייטן, שאַרט זיך אויף די קניען,
מיט ברענענדיקע ליכט אין הענט, דערגרייכט
צום ברייטן פעדעסטאַל פון מירמלשטיין
און שטעלט זיין ליכט, פאַלט מיטן פנים צו דער ערד,
און קלאַפּט זיך מיטן שטערן אָן גראַניט,
און צלמט זיך עקסטאַטיש, פיבערדיק,
און ציט זיך אויף צוריק. סאַראַ פּראָצעסיע
פון פנימער, פיגורן און קאָלירן —
די אויסגעכאָליעטע און צאַרטע פנימער

פון בלאָסע שפּאַניערינס, געקליידט אין זיידנס,
וואָס ס'ציט פון זיי אַ דינער ריח פון פּאַרפומען
מיט אויסגעהאַפטע אַלטע שפּיצן אויף די קעפּ;
און פּנימער פון עבאָני און בראָנדז און קופּער
אויף וועלכע ס'האָבן מדבר־זון און הייסע ווינטן
אַריינגעשריבן זייער שריפט און איינגעברוינט,
געקאַרבט אין נעצן היראָגליפן־קנייטשן,
געמאָגערט זיי, געשווילט זיי און געבראָכן
און זיי געבראַכט אַהער אין שוואַרצע שמאַטעס,
מיט שווערע טיכער שטויביקע איבער די קעפּ,
נאָך טרייסט צו איר, דער שטראַלנדיקער געטין.
און מאַנסלייט: יונגע, מיטליעריקע און אַלטע,
ביז קליינע קינדער אָנגעטאָן אין שוואַרצן,
און אויך מיט ליכט אין הענט, און אויף די קניען.

אַצינדערט ערשט, אין אָוונט פון מיין לעבן,
באַטרעטנדיק דעם שוועל פון פרעמדן גאָט
מיט גאָר זיין פּראַכט און מיסטישער פאַרשלייערטקייט —
באַנעמט דער ייד אין מיר די קלאָרע קלוגשאַפט,
וואָס ליגט אין צווייטער דברה פון באַרג סיני:
„דו זאָלסט ניט מאַכן זיך קיין שניצונג און געמעל,
„צו זיי ניט דינען און ניט בוקן זיך צו זיי".
דער גאָט פון חורב און פון סיני האָט קיין גוף ניט —
ער האָט איינמאָל באַוויזן זיך צו משהן
אין פייער פון דעם דאָרנבוש געברענט —
האָט משה פאָרכט געהאַט אויף דעם צו קוקן
און האָט פאַרשטעלט זיין פּנים מיט די הענט.
און שפּעטער מיט אַ צייט, ווען ער האָט זיך געבעטן:
„באַוויז דיין פּנים מיר" — געקומען איז דער ענטפער:
„דער מענטש קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן".
יחזקאל — פאַר זיין זעאונג אויפן טייך פון כבר —
האָט נאָך אין האַר פאַרשפּילט זיין אייביקייט
צוליב דער שילדערונג פון דער מרכבה.
די בעלי־מדרש און אַגדה האָבן געזאָגט:

„ניטאָ קיין אָרט קיין ליידיקס אויף דער ערד,
„וואו ס׳איז די שכינה ניט פאַראַן". און ס׳האָט דער רמב"ם,
אין וועמעס ליכט מיר גייען נאָך ביז היינט,
אין זיינע דרייצן עיקרים פון אמונה,
וואָס יידן זאָגן יעדן אינדערפרי נאָך שחרית —
די צווייטע דברה פאָרמולירט פּרעציז און קלאָר,
וואָס קלאָרער קען ניט זיין, אין פאָלגנדיקע זאָצן:
„איך גלויב באמונה שלימה, אַז דער בורא,
„געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען, איז קיין גוף ניט,
„און אַלע קערפּערלעכע אַטריבוטן
„זיינען לגבי אים ניט גילטיק,
„און ער האָט כלל צו זיך קיין גלייכן ניט".
און דאָ — און הונדערטפאַכיק מער אין קאַטעדראַל —
פאַרקערפּערונג פון גאָט אין שטיין און מירמל
און מאַלערייען אויף די שאָטנדיקע ווענט.
דער מאַן פון גליל — אויב עס איז געווען אַזאַ —
אין אַלע פאַזעס פון זיין קורצער עקזיסטענץ.
נאָר מער פון אַלץ גייט דורך דאָרט דער מאָטיוו
פון קרייציקונג און אויפשטייג צונעם הימל:
אַ לאַנגע דריקנדיקע בילדער־גאַלערייע
פון מאַן וואָס גייט געבויגן אונטערן צלם
אין לעצטן גאַנג; אַ צוגענאָגלטער צום האָלץ,
דער דערנער קראַנץ וואָס טריפט מיט טראָפּנס בלוט,
מיט בלוטנדיקע לעכער אין די הענט און פיס.
און איבער דעם — די פולע כליפּנדיקע כוואַליע
פון איין גוס קלאַנג, פון אַלע רערן פונעם אָרגל,
וואָס קלאַפּט זיך אָן די שווערע סומנע ווענט,
און אָן דער טיפער און געוועלבטער סטעליע
און טרייסלט אויף דעם חלל פון דעם גרויסן הויז
ביז זיינע פונדאַמענטן. פייער־פאַנען,
וואָס וואַרפן ווייערויך־רויך איבערן אַלטאַר,
און גרופן פון גלחים אין דער תפילה
אין ווייסע, גאָלד־געהאַפטע, קורצע קיטלען,
איבער די שוואַרצע בגדים — אַ מין אפוד —
און דער מעטאַל־קלאַנג פון די קורצע פסוקים

אין אַלטער שפּראַך אין דער געהאַמערטער, אין רוימיש,
מיטן רעפרעין: „אָ דאָמינע, אָ דאָמינע!"
איין רגע, ווען כ'פאַרמאַך די אויגן, דוכט מיר,
דאָס הער, איך יידישס, אייגנס, פון די אַלטע דורות,
דאָס דוכנען פון כוהנים ביי דער עבודה,
געוויין פון תהלים־זאָגער אין די אַלטע שולן —
נאָר עפן איך די אויגן ווידער אויף,
און זע די מירמלנע סטאַטועס אין די נישעס,
די בילדער אויף די ווענט מיט בלוט און וואונדן,
נעמט דוכטן מיר, כ'געפין זיך ביי אַ געטער־דינסט
אין טעמפּל אין אַ גריכישן פון דעם אַדאָנִיס.
דער שווערער איבלדיקער ווייררויך־רויך
שמעקט מיט אַן אונטערערדיש גערוך פון שימל
פאַלט אויפן האַרץ און דריקט אויף די געהירן.
דו איילסט צוריק פון טונקלניש אַרויס,
צו זון און ליכט, צום טומל פון דער גאַס
צוריק אין פרישער גאָטגעבענטשטער לופט
אונטער דעם פריידיקן און קלאָרן הימל.

און איך געדענק אַ וויטן אָפּגערוקטן טאָג
אין ליכטיקן פרימאָרגן פון מיין לעבן —
אַ זומערטאָג פון לויטער זון און בלוי,
וואָס בלויז אַ קינד מיט זיינע פרישע אויגן
און אַלע זיינע לעכצנדיקע חושים
קען אומבאַוואוסטזיניק פאַר אים אַליין
דאָס אויפנעמען מיט אַלע רמ"ח אברים
אין פולער פולקייט און אין ערשטער פרייַקייט.
דאָס אויג איז שאַרף, פאַרשלינגט די מינדסטע רגינג
פון בלוי און גאָלד, פון ליכט־און־שאָטן שפּיל;
דעם נאַנטן שטח מיט די בליאַסקעדיקע זאַמדן,
וואו איטלעך קערנדל פון זאַמד איז בולט,
שלאָגט־אָפּ מיט דינע שטראַלעכלעך, ווי בליצלעך;
דאָס ביסל גרינס פון גערטל לעבן הויז
אין גאַר זיינע שאַטירונגען פון גרין;
די קריכנדיקע קליינע ברואים אויף דער ערד
און אין דער לופט — די פיינקאָלירטע פלאַטערלעך

און שיסנדיקער פלי פון ברוינע שוואַלבן;
און דאָס געזשום און שמוצער און געפּיד:
פון גריל און היישעריק אין גראָז אַרום
קלאַפּט אָן זיך אָן דעם פּויק פון יונגן אויער,
אין פולער שאַרפקייט, ציט ווי דורך אַ מייערקאַפּ,
ווייברירט און קלינגט. אַ זומערטאָג פון גאָט,
ווי ס׳גיט זיך איין אַמאָל אַ טאָג אין ליטע
אַ פולער ווי אַ בעכער, ווי אַ גאָלדנס,
מיט שמעקעדיקן ווייץ. (אַוודאי האָט געמוזט
ראָש־חודש אויספאַלן אין יענעם טאָג,
אַ ניט — ווי קום איך אין אַ מיטן מיטוואָך
אין פרייען דרויסן?) און אין דער־אַ ליכטיקייט
באַווייזט זיך פלוצים די געשטאַלט פון טאַטן, —
אַ שלאַנקער, גראַדער, אין זיין שטילן גאַנג
אין שבתדיקער לייכט־אַלפּאַגענער קאַפּאָטע,
די זייבער־ווייסע שפּיצן פונעם העמדקאָליער
איבער די קלאַפּעס פונעם ראָק. די שוואַרצע באָרד
מיט זילבער־פעדים דורכגעצונגען דאָ און דאָרט,
די ברוינע גוטע אויגן ליכטן אויפגעלעגט —
וואו קלייבט זיך דאָס דער טאַטע גיין אַצינד?
איך וואַרף אַוועק אַלע געשעפטן מיינע
און לאָז מיך מיט אים מיטגיין; נאָר דער טאַטע
איז ניט צופרידן מיט זיין באַרוועסן באַגלייטער
און זוכט מיך אָפּריידן מיט גאָר אַ סך תירוצים.
און דאָ קומט מיר צוהילף דער מאַמעס קול
פון פענצטער פון דער שטוב אַרויס: „וואָס אַרט דיך,
„ס׳וועט זיין דיר פריילעכער צו גיין דעם וועג,
„און זאָל ער טאַקע געבן אים זיין ברכה".
(פון אירע רייד באַנעם איך, וואו דער טאַטע גייט,
דאָס גייט ער אויף באַזוך צום אַלטן קאָוונער רב,
ר׳ יצחק אלחנן, וואָס פאַרברענגט דעם זומער
אין נאָענטן וואַלד, אַ דריי פיר ווי־אָרסט פון דאַנען;
און דאָס פאַרשאַרפט נאָך מערער מיין באַגער
מיטן טאַטן מיטצוגיין). דער טאַטע קוקט מיך אָן,

און מעסט מיך אָפּ פון קאָפּ ביז צו די פיס,
איז מסכים סוף־כל־סוף מיך מיטצונעמען,
נאָר מיטן תנאי: כ'זאָל פריער גוט זיך אָפּוואַשן
דאָס פּנים מיט די הענט און אָנטאָן שטיוועלעך.

אַ לאַנגע אייביקייט איז דורכן קורצן משך
פון יענעם טאָג ביז היינט אַדורכגעגאַנגען —
האָט גלייכגילטיק פאַרמעקט און אָפּגעווישט
דאָס לעבן פון אַ פאָלק אַ גאַנצס אויף יענער ערד,
צעטראָטן אַלץ און ניט דערבאַרעמט, ניט געשוינט,
און נאָכגעלאָזט נאָך זיך די גרויסע פוסטקייט —
און איך, דאָס יונגע ייִנגל פון דעם ווייטן טאָג,
בין אַלט און מיד, געבראָכן פונעם לעבן,
און שטיי איבער דעם בלוטיק־שוואַרצן תהום
פון חורבן און פאַרלענדונג. נאָר דאָס גרויסע ליכט
פון יענעם טאָג, אין זיין נאָכמיטאָקדיקער שעה —
גייט אויף מיט גאָר זיין פרישקייט און זיין ערשטקייט,
ווי דעמאָלט. אין זיין ווירקלעכקייט און וואָר.
איך זע דעם דורותדיקן אַלטן וואַלד,
און דאָס — אין אַלע זיינע פאַרבן און קאָלירן,
פון זיינע ריזיק־הויכע אַלטע סאָסנעס
אין ליכט־און־שאָטן פון געדעמפטער זונשיין;
די דיקע קאָמבלען מיט דער ברוינצעקאַרבטער קאָרע
און העכער פונעם מיטן — דינער, בויגיקער,
אין ראָזיקן קאָליר, מיט זינגעוודיקע צווייגן,
וואָס פעכערן ביים אויפריר פון אַ ווינטל;
די ווייכע דעק פון מאָך אונטער די פיס
מיטן פאַרברוינטן נאָדלפאַל פון לאַנגע יאָרן.
און שאַרפער שטראָם פון די באַרוישנדיקע ריחות:
דער ריח פון די שווערע געלע טראָפּנס פּעך
און דעמפער ריח ערדישער פון שוועמלעך.
פון פאָזימקע דער רויטער, דער פאַרשפּעטיקטער,
און פון די פייכטקייטן פון בלויער יאַגדע.
און דורכן אויער גייט געזשום און קלאַנג
פון וואַלדיקן געווימל אין זיין שאַפן —

מיריאַדן ברואים, קלענערע און גרעסערע
אַנטפּלעקטע פאַרן אויג, ווי די פאַרבאָרגענע,
פון די מוראַשניקעס צווישן פּאַפּאָראַטניק,
ווי פון די גרויע וועוועדקעס אין צווייגן
און שרעקעוודיקע האָזן אין דעם אונטער־רינט:
פון שווערער ביז דער גאָלדיקער אין אַרבעט
ביז צו דעם האָלצפּיקער אין שפּיצן פון אַ בוים,
וואָס פּיקט און שלאָגט אין האָלץ, ווי מיט אַ העקל,
און ביזקל הילכיקן געשריי פון שוואַרצע ראָבן.
און אָט — אין שאַרפן אויסבויג פונעם וואַלדשטעג
בליצט אויף דער נעמאַן־טייך אין גאַר זיין בלויקייט,
אַ גאָלדיקער אין פולן זונליכט, אַ צעשטראַלטער,
מיט קורצע שאַרפע אויפבליצן פון שימער;
דאָס קליינע שיפל טאַנצט איבערן וואַסער,
און אָט איז דער אַנטקעגנדיקער ברעג
און מיטן פרישגעקאַלכטן שטיבל אויפן בערגל
אין נייעם גרין און ליכט.

דער קאָוונער רב
איז שוין געווען דאָ אין זיין הויכן עלטער,
זיין שטאַלטנע פולבלעכע פיגור עטוואָס געבויגן, —
ער איז אַרויסגעקומען פון דער וואַלד־שטוב,
געבליבן שטיין אַ רגע אין דער טיר,
זיך אָנגעלענט אָן לייסט מיט דער מזוזה,
און ס'האָט דאָס גרינע שאָטנדיקע דרויסן
ווי אויפגעלויכטן פון זיין בלאַנקער ווייסקייט;
געקליידט אין טיפן שוואַרץ, וואָס האָט נאָך בולטער,
נאָך שאַרפער, קענטיקער, אַרויסגעבראַכט
די איידעלע און ריינע זילבער־ווייסקייט
פון פיינעם לייבנקאָפּ מיט לאָקן לענגלעכע
איבער דעם עטוואָס שווערן רונדן נאַקן,
און פון דער שיינעד לאַנגער באָרד. די אָדלער נאָז
כאַראַקטעריסטיש שאַרף, מיט איר האָרבינקע,
די גרויסע בלויע אויגן קלאָר, ווי ביי אַ קינד,
פאַרצויגן מיטן טוי פון טרויער. (אַ די אויגן,
וואָס אַלע צרות יידישע פון גאַנצן כלל,

פון גרויסער ברייטער רוסישער אימפעריע,
זיינען פאַר זיי געקומען און נאָך הילף געשריגן —
די אויגן וועלכע האָבן זיך באַגעגנט
מיט די פאַראַכטנדיקע קאַלטע בליקן
פון זיי, די לעצטע מלכים פון ראָמאַנאָווס הויז).
און ס'איז געווען, ווי ס'וואָלט דאָס שטילע ווינקל,
דער פּראָסטער טיש מיט ספרים אויפן הויף,
דער פּליסנדיקער וואַסער־פּאַס פון אונטן,
און ווייסע שטילע וואָלקנדלעך פון אויבן —
געווען ניט מערער ווי אַ ראַם פאַר זיין געשטאַלט,
פאַר אַט דער הערלעכער געשטאַלט פון אַלטן גאון —
ווי איינער פון די זקנים־שופטים פון אַמאָל.
מיט שטאָלץ און חשיבות, מיט עקשנותדיקן גלויבן
אין אייביקייט פון פאָלק.
ער האָט אַראָפּגעקרעכצט
די צוויי־דריי טרעפּלעך פונעם ווייסן גאַניק
פּאַמעלעך, שווער זיך אָנגעלענט אָן זיין משמש,
דעם אַלטן ר' כתריאל. שטיל, מיט זאַכטע טריט
איבערן ווייכן גראָז, פאַרויסגעקומען
באַגעגענען זיין גאַסט. אַ וואַרעם שמייכל
האָט אויפגעלויכטן אויפן בלאַסן פּנים,
אַן איידל־ווייסע ציטערדיקע האַנט
האָט אויפגעבלאַנקט פון שוואַרצן ברייטן אַרבל:
„שלום־עליכם אייך ר' אייזיל, אַ גאַסט, אַ גאַסט!"
„עליכם־שלום, קאָוונער רב! וואָס מאַכט דער רבי?"
דער טאַטע בלייבט אויף זיינע פיס, ביז ר' כתריאל
באַזעצט דעם אַלטן רב אין צווייגעדיקן ליגשטול
בראש פון טיש. „נו זעצט זיך, זיצט, ר' אייזיל,
וואָס הערט זיך גוטס?" — און ס'גייט אַוועק אַ שמועס,
און באַלד דערויף צעעפענען זיך די ספרים
וואָס אויפן טיש; די בלאַסע פינגער בלעטערן,
די בלעטער — שאַרך און שאַרך און שטילער גרינגקייט.
די בלויע אַלטע אויגן ווערן אויפגעלעבט,
דער שמש ר' כתריאל פּאַדיעט אום,
די יונגע ברוינע אויגן ווערן אויפגעבליצט.

פאַרשווינדט מיט פלינקע טריט אין הינטערהויף
און קומט צוריק באַלד מיט אַ קוישל עפּל.
(ער האָט דאָס רשעות געבן מיר אַן עפּל
און מאַכן זאָגן מיר די ברכה אויפן קול —
ווי אויף להכעיס, ווערט דער טיש אַנטשוויגן
און הערט זיך צו אין שטילקייט צו דער ברכה
און ענטפערט רואיק און געלאַסן: אָמן).
אַצינד נעמט ער זיך אָפּראַמען דעם טיש
פון צופיל ספרים, לויפט אין שטוב אַריין
און קומט צוריק מיט אַ קאָלירטן טישטעך,
און שפּרייט עס אויפן טיש, אַ רגע שפּעטער —
און ס׳ברענגט די באַלעבאָסטע פונעם הויז,
מיטן געבלימטן רויטן טיכל אויפן קאָפּ,
דעם זידנדיקן זינגעוודיקן סאַמאָוואַר.
ערשט איצט ווערט ר׳ כתריאל שטאַרק פאַרנומען:
פאַרבריט מיט טיי דעם טשייניק, וואַרט אַ ביסל,
צעגיסט דעם טיי אין פינקלדיקע גלעזער
וואָס רויטלען זיך אין איידעלן קאָליר
און מיניען זיך אין ליכט־און-שאָטן שפּיל.

אין יענער רגע, קוקנדיק פון וויטנס,
אויף דעם מזומן יידן אַרום טיש,
וואָס איז פאַרטאָן, פאַרטיפט אין דברי־תורה
אין גרינעם שטילן גאָט־געבענטשטן ווינקל,
פון בוים באַשירעמט און פון זון באַלויכטן —
האָב איך געזען פאַר זיך אין פולער שלימות
דאָס בילד פון אונטערשטן גן־עדן אויף דער ערד,
וואָס איך בין שוין געווען מיט אים באַקאַנט
פון די באַשרייבונגען פון מעשה־ביכלעך.

# די ישיבה

אַ ייִנגל אין דער היים צו זיין בר־מצוה
האָט בלויז געהאַט איין וואונטש און איין פאַרלאַנג,
אַז זיינע תפילין, וואָס דער טאַטע גייט אים קויפן,
זאָלן געשליפן זיין און גלאַנצן ווי די שפּיגעלעך.
די ברכות האָט ער לאַנג געקענט אויף אויסווייניק,
און פון די רויטע צייכנס אויפן אָרעם
וואו ס׳האָט זיך די רצועה איינגעשניטן —
האָט ער געהאַט משונה׳דיק הנאה.
דער רבי איז מיט אים איינמאָל, צי צוויי
אַדורכגעגאַנגען די הפטורה אויפן קול —
און שבת אינדערפרי ביים אויפרופן צו מפטיר
האָבן די רייד פון נביא אויפגעקלונגען
באַטעמט און פּייערלעך מיט טראָפּ און נגון.
צוערשט האָט ס׳יונגע קול׳כל זיך געבראָכן,
געציטערט מורא׳דיק — דערנאָך זיך איינגעוואָרעמט,
געפלאָסן גראַד און זיכער פון דער בימה
איבער די קעפּ פון עדה אידן, אין טליתים,
וואָס פאָלגן מיט מבינות נאָך זיין לייענען.
אַצינד איז ער מכוון פאַר דער מאַמע,
וואָס שטייט ביים פענסטערל פון עזרת־נשים.
ער פלייסט זיך אויסנעמען ביי איר מיט זיין נגינה.
אַ רגע שפּעטער אָבער ווערט אַלצדינג פאַרגעסן:
יחזקאלס זעאונג פון זיין „טאָל מיט ביינער"
פאַרנעמט אים און צענעמט אים מיט איר שיינקייט
און מיט איר הייסן גליענדיקן אָטעם.
די אויגן נעפּלען זיך, די אותיות אויפן פּאַרמעט
פון דער מגילה — מישן זיך, פאַרציען זיך —

אַ גליק, ער קען זי, די הפטורה, אויסנווייניק.
און נאָכן דאַווענען — קומען זיך צענויף אויף ברכה
אַ האַלבער מנין יידן, אין טליתים נאָך —
די באַלעבאָסטע מיט צעשטראַלטע פייכטע אויגן
ברענגט אויפן טיש אַרויף פון כל־טוב סלה:
די גרויסע רעדער אייער־קיכלעך ברוין־פאַרבאַקן,
די טעלער פון געהאַקטן הערינג, אָנגעבראָקט
מיט ווייסלעך און מיט געלכלעך פון די האַרטע אייער,
מיט דעם געקנאָבלטן געפעפערטן פּעטשאַ;
דעם שאַרפן אינגבערדיקן איינגעמאַכטס
פון האַרבן רעטאַך און פון רויטן בוריק;
און שאָלן גלעזערנע מיט נאַסע טייגלעך
אין דעם בורשטין פון זייער שווערן סיראָפּ;
און טייגלעך האַרטע, טרוקענע ווייס־געלבלעך,
מיט שפּריצן פון פאַרגלאָזטן ווייסן צוקער,
געפילט מיט ראָזשינקעס. דער באַלעבאָס מאַכט קידוש,
דער קליינער עולם קלינגלט מיט די גלעזלעך
און רופט זיך איבער מיט אַ פריילעכן „לחיים!"
די לעפעלעך און גאָפּלען קלינגען צו —
דער שוואָגער אַבטשיק, דער וואָס מיטן געלן קול,
וואָס ווי נאָר ער דערשמעקט דעם ריח בלויז
פון ביסל בראַנפן ווערט ער בגלופין,
פאַרנעמט זיך זינגען זיין באַליבטן זמר:
„ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו";
אַ צוויי־דריי פון דעם עולם העלפן מיט,
נאָר ס'נעמט זיך דאָס געזאַנג נישט אָן, — אודאי,
מ'וואַרט איך זיי אַהיים דאָרט מיטן עסן.
מ'שעפּטשעט שטילערהייט די לעצטע ברכה,
מ'טרייסלט אָפּ די בערד פון ברעקלעך קיכל,
מ'קנייפּט אָן דעם בר־מצווה־בחור רויטע באַקן,
מ'זאָגט נביאות, אַז פון היינט און ווייטער
וועט ער נישט זיין שוין מער דער גרויסער שטיפער,
ו'עט ווערן לייטן גלייך און פירן שטאַט.
דער שוחט פּייוועס־שבתי'ל, דער וואָס האָט אַ טבע

### י. שוואַרץ

אַרומצושפּאַנען מיטן טיי איבערן שטוב
און קיצלען מיר די פּיאַטעס אין באַגינענס —
דער שוחט זאָגט: אם־ירצה־שם, נאָך שבת,
וועט מען, בלי־נדר, איינקויפן אַ קרענצל בייגל,
מיר אָנטאָן ס׳קרענצל אויפן האַנדל, כ׳זאָל אומגיין,
באַטיילן די חברים מיינע מיט די בייגל —
אַ בייגל בעדקען און אַ בייגל שמערקען —
גאַנץ פיין זיך אָפּגעזעגענען מיט זיי:
„נאַדיר אַ בייגל — און אויס חבר,
„נאַדיר אַ בייגל — און אויס חבר!״
דער עולם לאַכט — פאַרבינדט טליתים און פאַטשיילכלעך
איבער די בגדים און — „אַ גוטן שבת!״.

אויף מאָרגן, נאָכן גרויסן טאָג פון שמחת־תורה,
ווען ס׳האָט אַ רעגנדל אַ פּוילס, אַ בלייאיק־שווערס,
געקראָפּעט מרה־שחורה׳דיק — האָט באַלד נאָך שחרית
דער טאַטע אויפגעהויבן זיך, געפעדערט,
און מיך געפירט אין שטאָט אַריין, אין דער ישיבה.
(די מאַמע איז אַפריער נאָך געווען אין שטאָט
באַזאָרגט מיך מיט אַ „סטאַנציע״ וואו צו שלאָפן,
און „טעג״ באַשטעלט ביי גוטע פריינט און קרובים)
דאָס איז געווען אַ ליימיקער אַ שווערער וועג
אַרויף אַ באַרג, אַרונטער פון אַ באַרג —
געהאַלטן זיך ביים זייט פון וועג דורך קוסטעס,
אום ניט צו טאָפּטשען אין געדיכטער קלעפּיקייט.
די יונגע סאָסנע־ביימלעך ביי די זייטן
האָבן געגרויט און זיך געשוואַרצט פון נאַסקייט,
געקרעלט אין פּנים מיט די שאַרפע נאָדלען,
באַרעגנט אונדז מיט קאַלטן ברודנעם שפּריי.
נאָר אָט נעמען באַוויזן זיך די ערשטע הייזער,
גאָר שיטערלעך צוזעשט, מיט גרויסע גערטנער
באַדעקט מיט „נאַטשינעס״ פון אוגערקעס און בולבעס,
וואָס ווייקן זיך אין גלאַנציקער און שווערער בלאָטע.
אַביסל שפּעטער פאַלן מיר אַריין אין פאַרשטאָט,
שוין מיט ברוקירטע גאַסן, רעלסן פון דער „קאָנקע״
און טראָטואַרן הילצערנע. די קראָמען —

מיט אויסגעפוצטע פענסטער, פול מיט אַלעם גוטן,
אַ חיות פאַרן אויג. און אָט איז אַלטשטאָט,
און אָט דער גרויסער נייער בית־המדרש,
און באַלד דערביי דאָס קלויז דאָס שניידערשע
פון דער ישיבה. עס באַגעגנט אונדז
דער ראש־ישיבה, נעמט מיך אויף פאַרהער,
מישט אויף אַ דף אין דער מסכתא „בבא־בתרא",
וואָס ר' אברהם האָט אַריינגעקנעלט אין מיר,
און הייסט מיך לייענען; איך לייען אויפן קול —
ער שטעלט מיך אָפּ, פרעגט קשיות איך פאַרענטפער
ווי ווייט איך קען, איך וואַרף אַ קוק צום טאַטן —
און זע, ער איז צופרידן; דער ראש־ישיבה
באַשטימט צו זעצן מיך אין ערשטער כתה.
דער טאַטע הייבט זיך אויף צו גיין, געזעגנט זיך,
און טרייסט מיך, אַז צו פרייטיק איז ניט לאַנג צו וואַרטן,
ווען כ'וועל צוריק זיין אין דער היים אויף שבת
און לאָזט מיר איבער אין דער האַנט אַביסל קליינגעלט.
דער ראש־ישיבה גייט באַגלייטן אים צום טיר,
ער קומט צוריק און זאָגט מיר אַ גוט וואָרט
און הייסט מיך נעמען די גמרא „גיטין"
און צוגרייטן אַ לייעניש פון ערשטן דף
פאַר מאָרגנדיקן שיעור.

דער ראש־ישיבה
ר' שמואל חיים, איז ביי יענער צייט
געווען נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַ חריף,
אַ מיטלוואוקסיקער, אַ גראַדער, דינער,
מיט שיינע האַסטיקע באַוועגונגען. דאָס פנים —
ווי פון אַ יושב־אוהל, בלאַס און דורכזיכטיק,
אַרומגעכאַפּט פון שוואַרצער ווייכער באָרד.
דאָס שענסטע איז אין אים געווען — די אויגן,
צוויי גרויסע שוואַרצע גליענדיקע אויגן,
וואָס האָבן אַזש געטוקט זיך אין אַ רויטקייט,
מיט פייערדיקע אויפליצן. געווען איז ער
מער ווי געוויינטלעך זויבער און זיין הילוך,

קיין שפּרינקעלע איז ניט געווען צו זען
אויף זיין סורדוט, וואָס האָט געגרייכט אים ביז די קניען,
דאָס וויס־געפּרעסטע העמד אויף אים, — געבלאַנקט,
געליוכטן מיט די ווייסע שפּיצן אויף די קלאַפּעס
פון שוואַרצן ראָק. די שטיוול — שפּיגלדיק געפּוצט.
(קיין וואונדער ניט: זיין ווייב דאָס אשת־חיל
האָט ניט געזשאַלעוועט פאַר אים דאָס לעבן
און האָט אים אָפּגעהיט, געפּיעשטשעט ווי אַ קינד).
און אַז ער פלעגט אַראָפּוואַרפן פון קאָפּ
דעם ברייטן רונדן קאַפּעליושביים שיעור
און בלייבן אין דער לייכטער יאַרמולקע —
האָט אויפגעבלאַנקט אַ הויכער ווייסער שטערן
מיט טיפע ווינקלען צוויי, און שוואַרצע לאָקנס
האָבן אַרויסגעשאָטן זיך אין ווייכע רינגען.
זיין דרך אינם לערנען איז געווען: פּשטות,
מיט רש״י און מיט תוספות׳ן, אָן פּלפּול.
זיין כח־ההסבר איז געווען גאָר גרויס
און אָפט, גאָר אָפט, האָט ער מיט זיך פאַרטראָגן
דער גאַנצער כתה מיט זיין לעבעדיקן שמועס,
אין לומדישן האַלב־אידיש, האַלב־אַראַמיש,
אַזוי פאַר צוויי שעה צייט. ס׳איז ווי געווען דעם בחור,
וואָס האָט אַמאָל פאַרחושט זיך דורכן שיעור
און ניט פאַרטיפט זיך אין דער סוגיה ווי געהעריק;
ער האָט געהאַט אַ שאַרפן טרוקענעם הומאָר,
וואָס פלעגט אַריינפאַלן אין אַ סאַרקאַזם —
און פּלוצים, אין געדיכטעניש פון שווערער סוגיה,
וואַרפט ער אַריין אַ וואָרט דעם שטאָקלישקער,
צי דעם גודלעווער — אַ מין מאמר מוסגר —
אַז די קאַלירן בייטן זיך אין יענעמס פּנים.
אַ האַלב־שעה צייט האָט מען געלערנט מוסר,
(ס׳באַרימטע ספר „מסילת־ישרים״
פון איטאַליענישן מקובל און פּאָעט
ר׳ משה חיים לוצאַטו פון פּאַדואַ).
אַזוי צוויי מאָל אַ טאָג מיטביידע כתה׳ס,
פרימאָרגנס און נאָכמיטאָקס. נאָכן צווייטן שיעור

פלעגט ער זיך וואַקלען פון די פיס פאַר מידקייט —
ער פלעגט אַוועקשלייכן מיט קליינע שטילע טריט
צו זיך אַהיים, אַ צוויי־דריי געסלעך פון ישיבה,
זיך אָפּצורוען.

אָפּגעדאַוונט מעריב,
פלעגט ער זיך שטעלן אויף דער בימה מיט אַ ספר —
די בליצלאָמפּן הענגען אַראָפּ פון באַלקן,
אין קלויז איז היימלעך טומלדיק, ס׳גייט דאָס געזאַנג
פון יונגע קלינגענדיקע שטימען אין גמרא־נגון,
אין כל־המינים צושפּילן און וואַריאַציעס,
אַט — קלאַגנדיק און נאַגנדיק, ער כלות הנפש,
און אַט — מיט טראַציקייט און מיט נצחון.
די שטענדערס וויגן זיך און וואַרפן זיך,
און ער שטייט שטיל און רואיק אויף דער בימה —
פאַרזונקען ס׳פּנים אין די בלאַסע דלאָניעס,
מיט איילנבויגנס אָנגעשפּאַרט אָן „שולחן״ —
ער איז, דוכט זיך, פאַרטראַגן און פאַרטיפט אין ספר,
זיין אויג אָבער איז וואַך, זיין אויער — שאַרף.
אַזוי ווי דער גוטער דיריגענט פון אַן אָרקעסטער
דערשפּירט די מינדסטע פאַלשע נאָטקע פון אַ שפּילער —
אַזוי פלעגט ער דערשפּירן, ווען אַ בחור׳ס קאָפּ
איז ניט ביים לערנען. פלעגט אַראָפּקומען
די דריי־פיר טרעפּ פון בימה, שטיל און לאַנגזאַם,
אַרויפגערוקט די ברילן אויפן הויכן שטערן,
מיט קליינע טריט געדרוקט זיך מיט אַ זייט
צווישן ביינק און שטענדערס; צוגעקומען —
פאַרפירט אַ שמועס מיטן בחור,
פאַרבראַכט מיט אים אַ שטיקל צייט, אים אויסגעמוסר׳ט,
געמוטיקט אים אין זעלבער צייט צו לערנען;
און טאַקע באַלד דערנאָך — האָט יענעם בחור׳ס קול
געקלונגען פול און אויפריכטיק, באַקומען תקון.

פונקט זיבן אינדערפרי, סיי זומער און סיי ווינטער,
האָט מען געשטעלט זיך דאַוונען אינם שטיבל

ביים זייט פון שול. די שול פון דער ישיבה
איז ברייטער פיל געווען ווי לאַנג — מיט שטיבלעך צוויי
צו דרום און צו צפון: אין דער דרום־שטוב —
פלעגט פאַרקומען דער שיעור פאַר די תלמידים,
און אין דער צפון־שטוב פלעגן מיר דאַווענען.
דאָס דאַווענען פלעגט אַרויסקומען באַטעמט און האַרציק,
ער פלעגט ניט מאריך זיין, אַרויסגעבראַכט
די ווערטער שאַרף און קלאָר, — מאַנטיקס און דאַגערשטיקס
ביים לייענען — פלעגט ער זיך נוהג זיין צו נעמען „הגבה".
און איינעם פון די בחורים געגעבן „גלילה".
(איך בין אַ עדות דאָ, אַז יענער בחור,
וועמען דער רבי האָט דעם כבוד אָנגעטאָן,
איז יענעם טאָג געווען ביי זיך ביז גאָר געהויבן).
קיין צופיל צייט האָט מען מיט דאַווענען ניט פאַרנומען —
דער טראָפּ איז דאָ געשטעלט געוואָרן מער אויף לערנען,
איידער אויף פרומקייט. באַלד נאָכדעם געגאַנגען עסן.
איין שעה פאַר פרישטיק און איין שעה פאַר מיטאָק —
דאָס אייגענע פאַר אָוונטברויט — דעם גאַנצן טאָג,
ביז נײַן אַזייגער אין דער נאַכט, געלערנט,
געלערנט אונטער דער השגחה פונם רבי'ן,
געחזר'ט דאָס געלערנטע און צוגעגרייט
אַ לייעניש פאַר מאָרגנדיקן שיעור.

אַ פיר ביז פינף מנינים יונגע אינגלעך
פון נאָענטע און פון ווייטע שטעטלעך פון דער ליטע.
און איצטער, נאָך אַ העלפט פון אַ יאָרהונדערט,
ווען כ'שרייב די שורות, קומען זיי צום לעבן,
און כ'שפּיר מיך אין דער בחינה פון אַ מחיה־מתים:
דער גוטער און תמים־דרך און דער וויצלינג,
מיט פשטות איינגעבוירענער און שאַר־רוח,
דער פלינקער שאַרפער קאָפּ, דער עלוי,
דער שלעכטער און פאַרביסענער, דער מיזאַנטראָפּ,
וואָס קען ניט גלייך דיר קוקן אין די אויגן;
דער קמצן און די פרייע האַנט, דער ביטערער פוקס
דער פלאַפּלער און דער טומלער און פאַרכאַפּער,

דער ניט־פאַרגינער און דער פוסטער בעל־גאווה,
און ס'שטילע צניעות'דיקע אינגל, תמיד גרייט
זיך טיילן מיט אַ חבר מיטן לעצטן ביסן:
אַ העלפט פון הויפן אַרבעט, אַ געפרוירן עפּעלע,
געקויפט פון באָב־אידענע פאַר זיין לעצטן גראָשן.
געווען אויך צווישן אונדז פּראַצענטניקעס —
אַנטליען דיר אַ קאָפּיקע, אַרויסגעריסן צוויי,
געננוי ווי ביי די גרויסע. עס איז אַנגעגאַנגען
דער בלוטיקער דער גרויסער קאַמף פאַר קיום.
געווען אויך אַ פּאָר אינגלעך גבירישע
מיט ראָזע בעקלעך, אויגן ריין פון דאגות,
אין גוטע מאַנטלען וואַרעמע, מיט פוטער־קאָלנערס,
מיט בלישצנדיקע נייע וואַרעמע קאַלאָשן —
נאָר די זיינען געווען אַ פאָלק פאַר זיך,
ניט אויסגעמישט זיך מיטן ברייטן עולם.
די מערהייט איז געקומען פון דער אָרעמקייט:
די בגדים זייערע — אַ לאַטע אויף אַ שמאַטע
די שיך האָבן געקוואַטשעט אָן פאַדלאָגע
אין רעגן צי אין שניי, די פּנים'ער — פאַרמאָרעט
און פון די אויגן האָט אַרויסגעווײנט דער דלות.

אַ לעבן פון האַלב־הונגער, עלנט, בייגקשאַפט,
אָן דער השגחה פון אַ גוטער מאַמע —
ניט אַלע מיר האָבן געהאַט די פולע „טעג",
און אויך ניט אַלע „טעג" האָבן געגעבן
גענוג צום עסן דעם פאַרשמאַכטן אינגל.
דאָס ביסן ביי דעם פרעמדן טיש, איז על־פּי־רוב,
דעם שעמעוודיקן אינגל ניט אין קריפּט געגאַנגען,
האָט זיך געשטעלט אים פּאַפּערעק אין האַלדז.
די מאַמעס פון די נאָענטע שטעטלעך און ישובים
האָבן די לעבנס פון די אינגלעך אויפגעהאַלטן
מיט צושיקן זיי פּעקלעך פון דער היים:
אַ שטיק געטריקנט קעז, אַ טעפּל הינערשמאַלץ,
אַ מאָל אויך אַ פּאָר גילדן אויף הוצאות.
אין די באַשטימטע טעג ווען די פורמאַנעס קומען

פון שטעטלעך פון אַרומיקע — אַז ס'האָט אַ ייִנגל
מיט ליידיקן צוריקגעקערט זיך פון אכסניה —
איז ניט געווען צו קוקן אין זיין פנים.
נאָך ערגער איז געווען מיט יענע ייִנגלעך
וואָס זיינען פון דער ווייט געקומען לערנען.
די פעלנדיקע „טעג" האָט אויסגעפילט די רבי'צן,
דעם ראש־ישיבה'ס ווייב, די „אשת־חיל" —
זי האָט געהאַט אַ בעקעריי. געבאַקן
די גרויסע שווערע ראָזעוואַנע ברויטן
מיט טונקל־ברוינע קימלדיקע רוקנס,
מיט גרויסע „שישקעס" אויף די ברייטע זייטן;
און דורך די אונטן — די פיינע קוכנס,
געררויטלט און פאַרפלאַמט, מיט שוואַרצן מאָן,
און צוויבל־קוכנס און געבריטע בייגל.
זי האָט געקאָכט אַ „קעסל" פאַר די בחורים
וואָס האָבן ניט, צי ס'האָט זיי אויסגעפעלט אַ „טאָג".
ווי היינט, געדענק איך די דריי מאָלצייטן אַ טאָג
פאַר זיבן קאָפּיקעס, דאָס ברויט מיט טיי פאַר פרישטיק,
מיט איינס אַ קרישקע צוקער, און פאַר מיטיק —
דעם שווערן טעלער האָבערגריץ מיט בולבעס,
אַמאָל אַ גוטן באָרשט פון זויערקרויט,
מיט די קאַרטאָפליעס אין די פעלצן. וויעטשערע —
ציקאָריע, ווידער מיט איין קרישקע צוקער,
איין קוכן, נאָר די ראָזעוואַנע שטיקער ברויט,
וויפיל נאָר ס'האַרץ געלוסט. קאָוונער קצבים
פלעגן אַרויסהעלפן די קיך מיט ביינער
און אָפּטמאָל אויך מיט לונגען און מיט לעבערס,
און דעמאָלט איז געווען די שמחה גרויס:
ווי נאָר דו טרעטסט די שוועל אַריבער פון געוועלב
דערלאַנגט אַ שלאָג אין פנים דיר דער ריח
פון איינגעדעמפטן גוטן לונג־און־לעבער,
אַז ס'קומען אַלע וואַסערן אין מויל אַרייַן.

דאָס איז געווען די צייט ביים סוף יאָרהונדערט
און אָנהייב פון דעם היינטיקן, דעם צוואַנציקסטן,

פון אַלע זייטן, אומבאַוואוסט פון וואַנען,
האָבן גענומען בלאָזן נייע ווינטן.
פון אויבן־אויף איז אַלץ געווען נאָך ווי געוועזן:
דאָס דורות׳דיקע פרומע אידיש לעבן
איז אַנגעגאַנגען אויף זיין אַלטן שטייגער.
אין אַלע שולן און אין בתי־מדרש
האָט מען געשמאַק געדאַוונט פון אַ שפּראָץ אויף טאָג
ביז שפּעט אין נאַכט אַריין, אַ מנין נאָך אַ מנין,
געדאַוונט פרום, מיט דבקות און התלהבות.
דאָס קול פון תורה האָט נאָך הויך געקלונגען —
און אין די אָוונטן, אונטער די בליצלאָמפּן
צי ביי סטאַרין־ליכט, ווי אין אַ בית־מדרש,
זיינען געזעסן און געלערנט, ענג־געפּראָפּט,
אַרום די דעמבענע, די ברייטע לאַנגע טישן,
די חברות פונם בלאַט גמרה אין משניות,
פון „חיי־אדם" און „עין־יעקב" און פון מוסר.
די לומדים מיט די פיינע בערד און שטערנס
האָבן געשאַרפט די קעפּ און זיך געפּלפּולט,
געגלעט מיושבדיק די בערד, געקנייטשט די שטערנס
איבער אַ האַרבן „קצות" און אַ „נתיבות".
וואָר פיל פון זייערע זין און אייניקלעך
זיינען געזעסן שוין אין קאַוונער געלער טורמע —
און אויך מיט חשק און התלהבות זיך געפּלפּולט
איבער אַ שטיקל ביז גאָר האַרבן קאַרל מאַרקס.
כלאַבאַדקע האָט געקלונגען נאָך מיט מוסר,
מיט פייניקן און אָפּטויטן אין זיך דעם חומר,
מיט איין אַ יאוש׳דיק געשריי אין די פאַרנאַכטן,
ווען שאָטנס פילן אָן די שול מיט מורא:
„חשיבנו ה׳ אליך ונשובה!"
און זיך געקלאַפּט מיט דאַרע האַרטע פויסטן
אין הערצער און אין קעפּ. ר׳ יוזיל „בעל־החורים",
אָט דער ר׳ יוזיל פון באַרימטן זאָג: „ניטאָ
קיין זאַך קיין גאַנצערע ווי אַ געבראָכן האַרץ" —
איז נאָך געזעסן איינגעשפּאַרט אין בוידים־שטיבל
אונטערן דאַך פון קלויז פון זעגערשן;

האָט אויסגעמייסטרעוועט צווי לעכער אין דער טיר,
פּאַר מילכיקס איינס, פּאַר פליישיקס איינס (דערפון דער נאָמען:
ר׳ יוזיל מיט די לעכער) כדי זיך אָפּצוצאַמען
אין גאַנצן פון דער דרויסנדיקער וועלט.
און ניט באַדאַרפן קוקן אויף די ווייבער,
וואָס פלעגן אָפּהיטן צו ברענגען אים טאָג־טעגלעך
אַ טעפּל וואַרעמס און אַ „מוציא״ ברויט.
אָבער די גרויסע ביבליאָטעק אויף מאַפּו׳ס נאָמען
אין לאַנגער גאַס איז יעדן אָוונט פול געווען
מיט די ישיבה־בחורים פון אַלע קלויזן —
גאָר פיל פון זיי אין לאַנגע קאַפּאָטעס
מיט לאַנגע פּיאות׳ן, וואָס האָבן פון געוואוינהייט
געשאָקלט זיך ,פאַרטיפטע אין די ביכער,
מיט בלאַסע פּנים׳ער און גליענדיקע אויגן.
מען איז געזעסן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס,
פאַרטראַגן, אָנגעשפּיצט מיט אַלע חושים,
זיי ביי אַ הייליקער עבודה. וואָרהאַפטיק:
צו וואָס קען מען פאַרגלייכן יענע תקופה?
צו אַ פאַרגליוערטן פאַרשמידטן טייך,
וואָס ליגט פאַרשטאַרט סוף ווינטער, וויסט און טויט,
נאָר אונטן ריזלען שוין די פרילינג שטראָמען,
עס גייען ווינטלעך וואַרעמע פון אויבן —
אָט־אָט — און ס׳וועט אַ פּלאַץ טאָן, ס׳וועט אַ שלאָג טאָן,
דאָס וואַסער דאָס באַפרייטע וועט אַ טראָג טאָן
אין ברייטע, שנעלע, לעבעדיקע שטראָמען
מיט אימפּעט און געשריי.

דאָס איז געווען די צייט,
ווען ס׳האָט די בלויע בלום צעבליט זיך אין די הערצער
און האָפענונגען, קיינמאָל אַפריער ניט געאַנטע,
האָבן גענומען שטרעקן זיך צו לופט, צו ליכט,
צום לעבן און געדייען. דער פאַרשטיקטער תחום
איז פּלוצים ענג געוואָרן פאַרן יונגן אידן.
פונוואַנען האָט זיך יענע קראַפט גענומען?
וואָס פאַראַ שכרות האָט די הערצער אָנגעפילט?

די פויסטן האָבן זיך געביילט פאַר גבורה,
די אויגן — זיך געצונדן פון מרידה —
געגאַנגען קיין סיביר געשמידט אין קייטן
געגאַנגען האַפערדיק און שטאָלץ צום קנופּ פון תליה:
„לתקן עולם במלכות שדי" אָן דעם אַלטן
פון דורות אויסגעפּרואווטן „שמע־ישראל".
וואָס פאַרא שטראָמען האָבן אויפגערודערט
די גאַס די אידישע פון יענער צייט
און זי צעטרייסלט ביז די טיפסטע גרונטן?
דער אַלטער טויטער און פאַרדאַרטער מאַנדלשטאַק
האָט איבערנאַכט צעבליט זיך, ווי אין חומש,
און זע, ער האָט אין גאַנצן זיך צעגרינט,
זיך אָנגעגאָסן און אַרויסגעגעבן בליעכץ.
דער אַלטער חלום האָט באַקומען לעבן,
זיך אָנגעקליידט אין פליש און בלוט און פרישע כחות,
האָט זיך צעפלאַטערט ווי אַ פאָן און זיך צערוישט
און זיך צעשפּילט מיט אַלע פאַרבן פונם מזרח —
פון מערב איז דער גרויסער רוף געקומען
און הערצער האָבן זיך אַ קער געטאָן צום מזרח —
דאָס איז דער אויסדערוויילטער פונם פאָלק געקומען,
ווי שאול אין זיין צייט, פון פלייצע העכער
פון גאַנצן פאָלק — און האָט זיין רוף געוואָרפן
און זיין צוואה פאַר די קומענדיקע דורות:
„איר דאַרפט נאָר וועלן — איז דאָס ניט קיין חלום!"

די ישיבה האָט זיך אָפּגעצאַמט פון גאַס,
האָט זיך פאַרשפּאַרט אין אירע דלת אמות,
עקשנות'דיק געשיצט זיך פאַר די שטאַרקע ווינטן —
אָבער די דרויסנדיקע אויפגעברויזטע כוואַליעס
האָבן געשלאָגן און געקלאַפּט זיך אָן די ווענט,
און שטאַרקע צוג ווינטן האָבן געריסן זיך
דורך אַלע פענסטער און דורך אַלע טירן.
דער ראש־ישיבה האָט געהאַלטן זיין אויג אָפן,
געשטאַנען ווי אַ גוטער שומר אויף זיין וואַך —
ער האָט געזוכט זיינע תלמידים צו פאַרהיטן

פון דער השפּעה פון דער אויפגעברויזטער גאַס.
ער האָט געהאַלטן אין איין רייניקן
דעם אים פאַרטרויטן יונגן „ווייַנגאָרטן" —
און ניט באַוויזן דאָס. ער האָט אַפילו
זיין אייגן „ווייַנגאָרטן" ניט איינהיטן געקענט:
אין פינפטן יאָר איז אויך זיין זון ראובן
געפאַלן דורכגעלעכערט פון קאָזאַצקע קוילן
בשעת אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פונם „בונד",
און מיט דער רויטער פאָן אין האַנט. (ווײַ־ווײַ,
וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין שטאָט,
אַז זינט דער פּטירה פון דעם אַלטן גאון
האָט קאָוונע ניט געזען אַזאַ לויה —
מ'האָט די מיטה אויף די הענט געטראָגן
דעם לאַנגן וועג, אַרויפצו מיטן „גרינעם באַרג",
ביז צו דעם אַלטן און פאַרפלאַכטענעם בית־עולם.
די גאַנצע שטאָט, אין טויזנטער און טויזנטער,
האָט ווי אַ טייך אַ מעכטיקער געשטראָמט, געפלייצט —
און נאָכן „צדוק־הדין", נאָכן טאַטנס קדיש
איבערן פרישן, נאָר וואָס אָנגעשאָטן בערגל,
האָט הילכיק אויפגעשאַלט די בונדישע שבועה
און רויטע פאָנען האָבן זיך צעוויקלט —
און פון מצבות און פון קאָמבלען פון דיביימער
האָבן געדונערט שטימען, מעכטיק, צאָרנדיק,
גערעדט איבער די קעפּ פון דעם געדיכטן עולם,
צום קאַמף גערופן און געמאָנט נקמה
פאַר דעם פאַרגאָסן בלוט). די קליינע ביכלעך
האָבן פאַר'גנב'עט זיך אונטער די גמרא'ס
און זייער כח האָט ווי מיט מאַגנעט געצויגן
די יונגע פרישע לעכצנדיקע הערצער.
אַ סך האָבן געשמאַק געלערנט דורך די נעכט
תנ"ך און דקדוק און אַפילו רוסיש.
אַ יונגע פרילינגסצייט! ס'איז גוט געווען
אַפילו אין דער גרויסער שווערער אָרעמקייט,
אַפילו אין דער האַרבער שווערער שמירה,
ס'איז גוט געווען אַ דאַנערשטיק־בייַנאַכט

צו זיצן אויף אַ גאַנצע נאַכט אין „משמר״ —
אַ גרופּע יינגלעך, אין די צאַרטע יאָרן,
ביז האַלבע נאַכט געלערנט בחברותא —
געבאַקן בולבעס און געבראָטן הערינג.
און זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן אָפּצופרישן —
די וועלט איז שטיל און ווייס און אויסגעשטערנט,
די קעלט איז שאַרף און פריש און שמעקענדיק,
און מיר, די איינציק לעבעדיקע אין דער שטילקייט,
פאַר׳שכור׳טע פון פראָסטיקער און שטאַרקער לופט,
מיר ראַנגלען זיך, פאַרוואַרפן זיך מיט שניי,
און ס׳ווערט דער אַלטער שול הויף אויפגעהילכט
פון יונגער צאַפּלדיקער פרייד. די צווייטער העלפט
פון לאַנגער ווינטערדיקער נאַכט — געלייענט ביכלעך,
פאַרטראָגן זיך אין ווייטע, ווייטע וועלטן.
בלויז די וואָס האָבן אין די יונגע יאָרן
געלייענט אין ישיבה ביי אַ משמר
די ווערק פון מאַפּו און סמאָלענסקין און יל״ג —
בלויז די קענען פאַרשטיין די איבערלעבעניש
פון משמר דאַנערשטיק ביינאַכט.

אינמיטן ווינטער
פלעגט פאַרקומען די יערלעכע סעודה
פון דער ישיבה. אַלע פרושים פונם קלויז
און בחורים, וואָס האָבן שוין געלערנט „פאַר זיך״ —
זיינען געווען פאַרבעטן צו דער שמחה.
די שמחה פלעגט מען פראַוועו אין דעם רבינס הויז
איבער דער לענג-און־ברייט פון בעקעריי.
מ׳האָט געבראַכט פון שול די לאַנגע טישן,
וואָס האָבן דאָ באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים:
געדעקט מיט ווייסע און געפּרעסטע טישטעכער,
געגרייט מיט טעלער און מיט גאָפּל־מעסער;
מיט לייכטער פריש־געשייערטע, וואָס פינקלען
מיט ברענענדיקע ליכט; די גרויסע „שטריצלען״
פאַרבאַקן אין אַ גלאַנציקן געשמאַקן ברוין.
דאָס בייכיקע פאַרשוואַרצטע פעסל־ביר

שטייט גרייט שוין אויף אַ בענקל ביי דער זייט
מיט צאָפּן מיטן מעשענעם אַריינגעשרויפּט.
די רבי'צן, תמיד פאַריאָגט, פאַרמעליקט,
האָט אויך אַצינד אַן אַנדער מראה: אויסגעפּוצט
אין שוואַרצן אַטלעס־קלייד און ווייסן שירץ —
האָט זי מיט נאָך אַ פּאָר באַהעלפערקעס
געסאַרווערט ביי די טישן פלינק און רירעוודיק,
אַ שמייכל צוגעוואָרפן, אַ גוט וואָרט.
די סעודה איז געווען כיד־המלך,
ווי צו אַ גרויסן און פאַראַדנעם קנס־מאָל:
דער אידיש־ליטווישער געשמאַקער „קלאָפּס",
וואָס אַן אים הייבט זיך גאָרניט אָן קיין שמחה,
און קאַלבספלייש ברוין־געדעמפּט מיט זיין געפילעכץ,
און רייז־קאַשע מיט שאַרפן יויך באַטעמט,
און שאַר־ירקות, ווי געזייערט קרויט און אוגערקעס,
וואָס ברענגען אַן אַ זומערדיקן ריח
אין סאַמע האַרץ פון ווינטער, און די גלעזער ביר
און דער קאָמפּאָט פון ראָזשינקעס מיט פלוימען,
מיט טיי און לעקעך קאָרענעם אויף צו פאַרבייסן.
צוערשט איז שטיל געווען אין גרויסן צימער —
געזעסן דרך־ארץ'דיק, צוריקגעהאַלטן,
נאָר שפּעטער האָט די שמחה זיך צעוואַרעמט,
ווען אויף דער בלאַסקייט פון דעם רבינס פּנים
זיינען אַרויסגעטראָטן ראָזע פלעקן
און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן
און אויפגעשפּילט מיט רויטע פלעמלעך,
פון גלעזל ביר און פון דער שמחת־מצוה.
עס האָט זיך אויפגעשטעלט דער יאַנישקער,
וואָס פייפלעך האָבן אים געשפּילט אין האַלדז,
האָט אָפּגעהוסטלט זיך, גענומען זינגען
דאָס „שיר־המים" פון דעם ספרדי בן־גבירול —
אַן איינציק לוסטיק ליד פון אַלטן דיכטער,
וואָס איז באַליבט געווען ביי די ישיבה־בחורים —
אַ מעשה מיט אַ איד אַ קמצן, אַ ר' משה,
וואָס האָט פאַרבעטן מענטשן צו אַ שמחה

און במקום ווייַן געגעבן זיי צו טרינקען וואַסער;
און ווען עס איז געקומען צו די פּערזון
וואו דער פּאַעט באַקלאַגט זיך, מיט פיל חן,
אַז אַט ווערט ער מגולגל אין אַ פראַש
וועט עפּענען זיין מויל און נעמען קוואַ־קען,
פון צופיל טרינקען וואַסער — איז שוין אמת׳דיק
געוועז שוין זיך צו האַלטן ביי די זייטן:
דער בחור האָט געקוואַקעט ווי אַ פראַש
און אַלע טישן האָבן מיטגעהאָלפן.
עס האָט זיך אויפגעשטעלט דער בייסעגאַלער,
אַ שאַרפער בחור מיט אַ שאַרפער צונג,
און האָט גענומען זאָגן פון פּאַפּיר אַרויס
אַ צוגעגרייטן דרוש אין נוסח און אין נגון
פון פייערלעך יום-טוב׳דיקן „מי־שברך״,
אין שפּילעוודיקע טשאַקעדיקע גראַמען,
האַלב־אידיש, האַלב גמרא־לשון, וויץ און שפּיץ,
געהאַט אַריינצוזאָגן עפּעס יעדן איינעם,
אַריינגעטראָפן ביז אין סאַמע פּינטל
מכח אַלץ וואָס איז פאַרלאָפן אין ישיבה
אין לעצטן זמן, האָט ניט געשוינט אַפילו
דעם ראש־ישיבה גופא, אָנגעוואונקען
אויף אַלע שוואַכע זייטן פון הנהגה —
און אַלץ אין גראַם, צום גרויסן נחת־רוח
פון אָנגעשפּיצטן און צעפּלאַמטן יונגן עולם.
דערנאָך האָט מען געזונגען בחברותא
אברהם דוב מיכאַילישקער׳ס אַ שיר
פון קבצן פונם לוסטיקן, וואָס אים איז גוט,
מחמת אים שלאָפט זיך רואיק דורך די נעכט,
ניט ווי דעם עושר, ווענען ס׳דרייט דער קאָפּ
און ס׳לאָזט ניט ס׳געלט אים צומאַכן אַן אויג.
און גאָרדאָנס ליד: „מיט יונג־און־אַלט וועלן מיר גיין״ —
דאָס ליד פון טרייסט און רחמים פון דעם שטרענגען דיכטער,
אַ הימנע צו דער אייביקייט פון אַלטן פאָלק,
געשריבן נאָך די בלוטיקע פּאָגראָמען
פון איין דור פריער, פון די יאָרן אַכציקער, —

דאָס האַרץ פון ווײמוטיקן דיכטער ברויזט מיט פּײן
און איטלעך וואָרט איז וואָגיק, דורכגעגליט:
„עס רוישט דאָס געוויטער, די ווינטן ברומען,
„דאָס שטורמיקע וואַסער צום האַלדז איז דערקומען —
„אַל תירא יעקב, ניט ציטער — זײַ קאָנען
„ניט אויס׳שחט׳ן מענטשן אין די מיליאָנען״ —
דער דיכטער ווענדט זײַן פּנים צו אַמעריקע,
אין נײַער וועלט צו זוכן רו, און זאָגט:
„פון שטורעם רופט גאָטיס קול און שאַלט:
„פּאַראויס, פּאַראויס, מיט יונג און אַלט!״
און באַלד דערנאָך די צאַרטע שטילע תּפילה
פון מאַנע׳ס יונג קראַנק האַרץ, זײַן אַוונטליד,
אין לעכצנדיקער בענקשאַפט נאָך אַ היילונג
און אויפלעבונג צוריק אין אַלטן מזרח —
אין לירישע און רײַנע פּערזן, ווי אַ וויגליד.
מ׳האָט געזונגען מיטן פולן מויל, התלהבות׳דיק,
די אויגן ברענען, פּנים׳ער — צעצונדן,
ביז שפּעט אין נאַכט אַרײַן — ביז ס׳האָט דער רבי
אַ פּאַטש געטאָן אין טיש; ס׳איז צײַט צו בענטשן!

# ישיבה־יאָרן

די „סטאַנציע" וואָס די מאַמע האָט פאַר מיר געקראָגן,
געווען איז אין אַ זייט פון גרויסן מויער,
וואו אַלע פענצטער האָבן זיך געקערט צום הויף.
דאָס דרום־פענצטער האָט אַרויסגעקוקט צום שפּייכלער,
וואו ס'האָט די וואָג דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט,
געקרעכצט אונטער דער שווערער משא פון די זעק
מיט קאָרן און מיט גערשטן. אין די וואָכעדיקע טעג
איז פול געווען דער הויף מיט וועגענער און שליטנס
און פויערים מיט שמעקנדיקע ליולקעס —
מ'האָט געדונגען זיך, געפּאַטשט זיך אין די הויפּנס;
די „מאַנאָפּאָלקעס" האָבן מיט אַ זעץ אין דלאָניעס
אַרויסגעשאָסן מיט אַ נאַסן „פּלאַפּ" די קאָרקעס
און ס'האָט די ווייסע משקה שאַרף געגאָרגלט
זיך גיסנדיק אין העלדזער. דורך די נעכט —
האָט פונעם שטיבל, וואָס אַקעגנאַיבער „סטאַנציע"
געטראָגן זיך אַ שכור־טומלדיק געזאַנג;
דער לאָמפּ איז אומגעשוואומען אין אַ נעפּל
פון שטאַרקער אָנגערויכערטער מאַכאָרקע
און ס'האָט געשמעקט מיט שענק. ס'איז אויפן הויף
געשטאַנען אַ געשמאַקער זאַטער ריח
פון איינגעשטאַנען קאָרן און פון גערשטן,
מיט אַ געמיש פון פערדיש מיסט און בעז.
אַמאָל פלעגט צוקומען אַ דינער אַראָמאַט
פון גרינע ווינטער־עפּל, „האַזנקעפּ",
פון טיפסטן ווינקל ביי אַ וואַנט פון שליטן,
דורך דיקע ווענט פון שטרוי. און דורך די טעג
פלעגן צונויפפליען זיך טויבן, גאַנצע טשאַטעס,

און כמאַרעס פייגל פון דער גאַנצער סביבה —
געקומען אויפקלייבן דעם „לקט" פון די זעק,
וואָס האָבן אויסגעשאָטן קערנער אויף דער ערד
און אויפן שניי פון הויף; געפּיקט, געריהעט זיך,
געטענצלט און געגראַגערט און געוואָרקעט,
זיך אויפגעהויבן מיט אַ שאַרפן פלאַטער,
געדרייט, געקרייזט זיך איבערן הויף,
און ווידער זיך אַראָפּגעלאָזט צו פּיקן.

ר' לעמל, באַלעבאָס פון הויף און שפּייכלער,
איז שוין געווען ביי יענער צייט אַ ייד אַ זקן,
אַ תלמיד אברהם מאפו'ס אין די יונגע יאָרן,
אַ משכיל פון דעם אַלטן שניט און גרויסער למדן.
דאָס פּנים זיינס — אַ געלער אתרוג, אין אַ ראָם
פון אַ געשוירן גרוי־און־שפּיציג בערדל,
מיט ברילן גילדערנע אויף שטילע בלויע אויגן.
און מחמת ער איז קליין געווען ביז גאָר אין וואוקס —
האָט ער פונווייטנס אויסגעזען: אַ יינגל.
ער איז געווען די ערליכקייט אַליין —
די פּויערים וואָס ברענגען צו אים תבואה
האָבן געטרויט אים אויפן וואָרט, געהאַט אמונה,
אַז ס'וועט דער אַלטער „לעמקע" זיי ניט נאַרן
און ניט באַ'עולען זיי אין וואָג און מקח,
הגם אין גאַנצן זיך נישט דינגען — איז ניט שייך.
ער איז געווען שוין שטיל און אויסגעלאָשן,
אַ גרויסער שווייגער, זיינס אַ וואָרט — אַ רענדל.
נאָר אין דעם נייעם בית־המדרש' אויף דער נאַכט,
ביים טיש פון יידן־לומדים, ביי דעם בלאַט גמרא,
האָט ער באַקומען לשון און באַקומען לעבן —
די ברילן זיינע האָבן חשיבות'דיק געגלאַנצט
און ס'האָט די קייט די גילדערנע וואָס אויפן וועסטל
געשפּילט נגידות'דיק און שעמערירט.
און מחמת ס'איז זיין ווייב געווען שוין טויט
און ס'האָט אַ פרעמדע אַנגעפּעלצטע יידענע
געפירט פאַר אים דאָס הויז — האָט ער באַדאַרפט

פאַר פרייליכקייט דורך נעכט צי פאַר די פרעמדע מיילער,
אַ מענטשן האָבן וואָס זאָל שלאָפן אינעם זאַל,
אַ מחיצה צווישן אים און ווייטער קיכשטוב.
דאָס איז געווען אַן איינגעשטעלט אַלט־גביריש הויז
מיט שווערע אומעטיקע שטיקער מעבל,
מיט שאַנקען גלעזערנע פאַר זילבער און קרישטאָל.
נאָר איך האָב שוין דאָס זילבער ניט געזען —
דאָס זילבער איז געלעגן איינגעפּאַקט
איז דעם געשמידטן קופערט פון זיין שלאָפצימער.
בלויז דאָס קרישטאָל האָב איך געזען אין קיכשטוב:
אַן איבערפלוס פון וואַזעס, גלעזער און באָקאַלן,
פון סאַמע גרעסטע ביז די סאַמע קלענסטע
פון פיין־געשליפענעם קרישטאָל, און די קרעדענצן
פון גוטן פאַרצעליי — דאָס אַלץ האָט זיך געהורבעט
פאַרשטויבט, אין שפּינוועבס־נעצן, אויף די פּאָליצעס
ביז סאַמע באַלקן פון דער טונקעלער קיך.
די שאַנקן האָט ער אָנגעפילט מיט ספרים,
אַ וועלט מיט ספרים: „בבלי" „ירושלמי",
משניות'ן, מדרשים און אגדות,
מיט חקירה־ספרים פונם גאַנצן מיטלאַלטער,
מיט די „מאספים" פון דער ערשטער תקופה
פון דער גאַליצישער און דייטשישער השכלה;
און משה דעסויער'ס תנ"ך אין דייטש,
און געגנג פון געטע'ס און פון שילער'ס שריפטן;
לוצאַטו'ס „מגדל־עוז" און ווייזל'ס „שירי־תפארת",
ר' נחמן קראָכמאַל'ס „מורה נבוכי הזמן"
און סאָקאָלאָווס „האסיף'ס" פון די נייע;
און יאָרגענג פון „לבנון" און „המגיד"
געבונדן אין די גרויסע בענד, ווי די גמרות,
און נאָך, און נאָך.

אין יענעם ערשטן ווינטער,
אַביסל שפּעטער נאָך דער גרויסער סעודה —
איז פאָרגעקומען עפּעס אין ישיבה,
וואָס האָט אונדז אַלעמען אַריינגעוואָרפן
אין טיפן שוואַרצן טרויער. ס'האָט דער טויט

באַוויזן זיך גאַר פּלוצים, אומגעריכט,
און ס'איז זיין האַק געפאַלן אויף אַ בחור,
אַ ליבלינג פון ישיבה, דעם ראַגאַלער,
אַ פריילעכער געזונטער בחור, ווי אַ דעמב,
מיט בלאָנדע האָר און לאַכעדיקע אויגן —
אַ בחור אַ פאַרשוין. ר' שמואל חיים,
אַ גרויסער מקפיד אויף דער ריינלעכקייט
פון די תלמידים זיינע — האָט געהאַט אַ מנהג:
נאָך שחרית, פרייטיק אינדערפרי, אַרומצוגיין
פאַרטיילן פרייע צעטלעך אויף צו גיין אין מרחץ.
אין איינעם אין אַ פרייטיק — האָט דער בחור
ניט ווי געהעריק אָנגעטאָן אין גרויסן פראָסט,
צוריקוועגס פון דער באָד זיך צוגעקילט —
געלעגן אַ טאָג צוויי אין זיין אכסניה,
מ'האָט אים צוגענומען אין דעם קהלש'ן „בקור־חולים",
ער האָט געברענט אַ פאָר מעת־לעת אין בעטל,
און איז פאַרברענט געוואָרן.
ס'איז געווען
אַ ליכטיקער סוף־ווינטערדיקער טאָג,
ווען מיר זיינען געגאַנגען צום שפּיטאָל.
אין די געדיכטע ענגע אַלטשטאָט־גאַסן
האָט שוין געשמעקט מיט ערב־פּורים; פון די דעכער
האָבן רעשיק, ליכטיק, פון דער זון געצונדן
אַראָפּגעשטראָמט די זינגעוודיקע שטראָמען;
דער הימל האָט זיך אויפגעהויבן און געבלויט
אין פרישן נייעם בלוי, און פון אַ פענצטער
האָט זיך געטראָגן דאָס געפילדער פון אַ „חדר"
אין פריילעכן באַהאַרצטן נגון פון מגילה.
נאָר פון דערווייטנס נאָך פון אומעטיקן הויף
האָט אונדז באַגעגנט שוין דאָס ביטערע געוויין
און הימל־שפּאַלטנדיק געשריי מיט טענות.
דאָס איז געווען אַ משפּחה־האָרעפּאַשניקעס,
די מילכיקער און די גערטנירער פון אַ ישוב:
די ייִנגלעך — מיט צעשפּאָלטענע פאַרגרעבטע הענט,
די מיידלעך — מיט צעפלאָשעטע מיט געלע האָר,

מיט ווינטערדיקע שווערע טיכער אויף די קעפּ.
די מאַמע האָט געשלאָגן קאָפּ אָן ארון,
האָט איינגעלעגט דעם הויף מיט אירע טענות,
געשריען פון איר אייגענער עקדה;
דער טאַטע — מיט פאַרשטאַרטע רויטע אויגן,
וואָס זעען נישט די וועלט פאַר זיך — האָט ניט גערעדט,
האָט בלויז געריטשעט ווי אַ שטומער אָקס
אין גרויסן בראָך; און מיר, די ייִנגלעך און דער רבי,
זיינען געגאַנגען אין אבלות נאָכן ארון
דעם גאַנצן וועג, אַרויפצו מיטן „גרינעם באַרג"
און ביז דער געלער גרוב אין ווייסן שניי.
די ישיבה איז געוואָרן יענעם טאָג אַנטשוויגן,
פאַרזונקען אין אבלות; מ'האָט יענעם טאָג
קיין שעור ניט געזאָגט און ניט געלערנט.
נאָך מעריב ערשט, האָט זיך צעקלונגען דאָס געוויין
פון מתמיד נחמן איבער זיין גמרא.
(אויך ער איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויסגעגאַנגען,
אַ קרבן פון דער שווינדזוכט) און געברום
פון יונגן פּרוש מיטן בלאָנדן בערדל,
מיט גרויסע טרערן אויף די בלויע אויגן,
וואָס האָט געוואָרפן זיך, געוויגט זיך אין זיין לערנען
אין עפּעס אַ זיס־ביטערער פאַרצווייפלונג,
געשלאָגן מיט די פויסטן אין דעם שטענדער
מיט אַלע זיינע כוחות, ביז צו ווייטיק,
און זיך פאַרגאַנגען אין עקסטאַז פון כליפּן.

די ישיבה האָט געהאַלטן פון דעם כלל:
„קויף איין זיך דיר אַ חבר אויף צו לערנען",
כדי איינער זאָל מזרז זיין דעם צווייטן —
מיין חבר איז געווען דער זעזמעדער.
און היינט, ווען כ'טראַכט פון יענע ווייטע יאָרן
טויכט אויף פאַר מיר דאָס בילד פון יונגן חבר:
אַ פלינק און רירעוודיק און בויגיק ייִנגל
מיט אַ ציגיינערש־טונקעלן אָוואַלן פּנים,
און מיט דער שאַרפער נאָז מיט דער געהויקערטער

איבער דער ליפּ דער אויבערשטער. גרויס חן
האָט זיך געניעסטלט אין די ווינקלען מויל
און אין די שוואַרצע אויגן מיטן פייערל,
וואָס האָבן ניט אַ מינדסטע קלייניקייט פאַרקוקט.
ער האָט פאַרמאָגט אַ גוטן שאַרפן חוש
דאָס קאָמישע און דאָס גראָטעסקע אָנצוטאַפּן,
דאָס אויסשטעלן און מאַכן צו געלעכטער.
ער האָט געהאַט אַ פלינקע שאַרפע צונג
און קיינעם נישט געבליבן שולדיק מיט אַן ענטפער.
געשטאַמט האָט ער פון אַ משפחה גרויסע לומדים
מיט שאַרפע קעפּ — דערפון, זיין איינגעבוירן גאוה.
אים איז ניט אָנגעשטאַנען עסן „טעג" —
האָט ער געשפּייזט זיך פון זיין מאַמע׳ס פּעקלעך,
און פון די פּאָר געציילטע גילדנס במזומן,
וואָס זי פלעגט אָפּרייסן פון דער משפחה.
ער האָט אַליין זיך איינגענייט אַ קנעפּל,
געלעגט אַ לאַטע וואו ס׳האָט זיך געבעטן —
געווען אַ פאַלנער זעלבסטשטענדיקער מענטש.
מיר האָבן דריי־פיר יאָר געלערנט בחברותא,
אין לייב־און־זעל, געקריגט זיך אָפט, געאַמפּערט,
און שלום באַלד געמאַכט. גערעכט, צי אומגערעכט,
זיך אָנגענומען איינער פאַרן צווייטנס קריוודע.
געלערנט צייטנווייז מיט חשק און התמדה,
אַזוי, אַז ס׳פלעגט דער רבי ביי דעם שעור
אַזש אויפהויבן די אויגן איבער די רעמלעך
פון זיינע ברילן און אונדז אָנקוקן מיט חידוש;
נאָר אָפּטער, פלעגט ער זיך אויף אונדז אַ קרים טאָן,
אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף אונדז מיט ביטול.
און שפּעטער מיט אַ צייט, ווען ס׳האָט ר׳ שמואל חיים
געכאַפּט אים מיטן „התועה" אונטער דער גמרא
און האָט דערפאַר, ניט אויסגערעדט זאָל זיין,
אַרויסגעוואָרפן אים פון דער ישיבה —
בין איך מיט אים צוזאַמען מיטגעגאַנגען,
אַוועק אין „גלות" אין דעם קלויז דעם סוחרישן,
וואו ס׳איז געווען ר׳ משה כוהן ראש־ישיבה.

אַ הויכער שיינער ייד געווען, אַ הדרת־פּנים,
אַ מענטש אַן גאַל, האָט קיינמאָל ניט געבייזערט זיך, —
האָט אָבער ניט געהאַט ר׳ שמואל חיים׳ס האַנט
און די תלמידים האָבן אים געטאָן אַ טובה
ווען זיי זיינען געקומען צו דעם שעור.
אַ שיף אָן רודער. האָט אַ בחור ביי דעם שעור
געפּלוידערט סתם, ניט צוגעגרייט אפריער,
פלעגט ער בלויז שאָקלען מיט דער פיינער באָרד,
פון רעכטס אויף לינקס און ווידער אויף צוריק,
און סמאָטשקען מיט די ליפּן: „פּלאי־פּלאים!״
ר׳ משה׳ס וואָרט האָט ניט געהאַט קיין האַפט,
וואָס איינעם איז געפעלן — דאָס געטאָן.
אַ קליינער טייל בלויז פון די ייִנגלעך האָט געלערנט,
די מערסטע אָבער האָבן שטאַרק גע׳בטל׳ט
און זיך אַראָפּגעדרייט די קעפּ. זיך ניט געפוילט,
געלאָזט זיך איבער אַלע מיסטקאַסטנס פון שטאָדט
צונויפקלייבן אַרויסגעוואָרפענע קאָנווערטן —
די פּאָסטמאַרקעס די אָפּגעשטעמפּלטע געררייניקט
מיט וואַרעם ברויט געטונקט אין קעראָסין,
אין זודיק וואַסער זיי דערנאָך געבריט,
געטריקנט זיי, באַשמירט מיט גומעראַביקע,
ביז ס׳איז אַרויס מהודר׳דיק אַ נייע מאַרקע,
אַ לעבעדיקע מאַרקע, ווי פון קיסר׳ס פּרעס.
(דערפאַר האָט מען געשריבן אָפטע בריוו אַהיים,
און לאַנגע בריוו, און מיט דער ברייטער האַנט,
פאַרגונען זיך די בריוו צו שיקן געסטראַכירט.
און ניט איין טאַטע האָט אודאי זיך גע׳חידוש׳ט
וואָס שמערל, אָדער חיים, פּטר׳ט געלט אומזיסט
און רייסט אַרויס זיך ס׳לעצטע ביסן פונעם מויל.)

דער זעזמערער און איך האָבן גאָר גיך באַנומען,
אַז ס׳איז דער בייט געווען אַ מקח־טעות,
אַז וואָס ס׳איז שייך לערנען — איז ניט דאָ דאָס פּלאַץ,
קיין מר־בר־רב־אשי׳ס וועט מען דאָ ניט ווערן.
דערווייל אָבער איז זומערלעב געווען אין לאַנד

מיט לאַנגע זוניקע און בלויע טעג —
און ווער איז דאָס מחויב קלערן פון אַ תכלית?
דאָס סוחרישע בית־מדרש איז געשטאַנען
ניט ווייט פון דער ווילדע. אָפּגעגעסן פרישטיק —
אַוועק אַהין צום ברייטן שפּיגלדיקן וואַסער
אַ ביכל מיטגענומען אויף צום לייענען,
און הי־געלעבט. די בלויע שטראָמען מורמלען
און רונצלען זיך אין בלויקייט און אין גאָלד.
מיר גייען טבילת־שחרית, ווי די ערשטע חסידים, —
אַ פרעסטל גייט אַדורך דורך אַלע גלידער,
ס׳פאַרכאַפּט דעם אָטעם אַזש פון גרויסער פרישקייט,
מיר לייגן קלאַפּטער, מאַכן לאַנגע נורעס,
און באַקן זיך פאַר לאַנגע שעה׳ן אויף דער זון.
אַנטקעגן ליגט סלאַבאָדקע. קינדער שפּילן זיך
אויפן ווייסן זאַמד פון ברעג. אַ צווילינג־טשאַלנעס
שווימט אויפן טייך און ציט אַ נעץ אינמיטן;
פון בלויער ווייט דערציט צום נאָז געלייטערט
דער בלאַסער ריח פון מאַכאָרקע־ליולקעס.
ס׳איז גוט, ס׳איז הייס און ליכטיק, ס׳שמעקט מיט פיש.
(ס׳איז אייגנטליך אַ שאָד צוריקצוגיין אין שטאָדט —
נאָר גיי און העלף זיך, אַז דער מאָגן מאָנט.)
פאַרנאַכטצו ערשט ווערט די ווילדע אויפגעלעבט
מיט קולות און געשרייען און מיט גרויס געדרודער —
עס קומען אָן די טראָטוועס מיטן שטראָם,
די פליטן פון געהילץ, וואָס גייט קיין פרייסן.
די גרויסע פראַכט פון ליטע׳ס שטאַרקע וועלדער,
די דעמבעס און די סאָסנעס הונדערטיעריקע,
געלאָזן מיטן שטראָם אין ווייטער פרעמד.
דאָס שטעלן זיי זיך אָפּ דאָ איבערנאַכט:
די לאַנגע גראָבע שאַרף־פאַרשפּיצטע פלעקער
מיט די קאָרדזעלעס אַנגעבונדן אָן דעם פליט.
אין די פאַרברוינטע שטאַרקע הענט פון בחורים —
זיי גראָבן זיך אין שטייניקן און האַרטן גרונט,
כדי די שווערע טראָטווע צו פאַרהאַלטן
און זי פאַראַנקערן. אַ זון שרייט צו צום טאָטן,

וואָס שטייט ביים שווערן רודער פונעם פּליט:
„טאַ־אַ־טע, פאַרברעך דעם קאָפּ צום ברע־ע־גן!״
דעם קאָפּ פון פּליט, הייסט עס. עס נעמט ניט לאַנג
און ס׳איז דער פּליט פאַרפעסטיקט און פאַראַנקערט
לענגאויס פון ברעג, און פייערלעך זיינען צעלעגט
אין סאַמע מיטן פון דעם לאַנגן פּליט.
(געווען אויף יעדן פּליט אַ ביידל וואו צו שלאָפן
און אַ פּירעקיק פּלאַץ פון איינגעברענטן ליים,
אַביסל אויפגעהויבן איבער די קלעצער,
אויף אָפּצוקאָכן וואַרעמס.) יידן־טראַפּטניקעס
מיט אַרבע־כנפות׳ן איבער די העמדער,
מיט פלודערן פאַרקאַטשעט איבער די קניען,
געזונטע יידן דעמבענע, ווי דאָס געהילץ
וואָס זיי האָבן געטריבן שטראָם־אַרונטער,
זיי פאַרען זיך אַצינד אַרום די פייערלעך —
די פּנימער פאַרברענט פון זון און וואַסער
מיט שוואַרצע און מיט ברוינע שטאַרקע בערד;
עס בליצן בלויז אַרויס פון דער פאַרברענטקייט
די אויגן-ווייסלעך און אַ בליאַסק פון ציינער.
עס האָט געצויגן דורך דער פרישער לופט
מיט אַ געבראָטן הערינג און קאַרטאָפליעס
און ס׳האָט פאַרשמעקט מיט הייס און שאַרף געקעכטס.
דער מערב ברענט, און אין פאַרגייענדיקער זון,
וואָס פאַלט משופּע אויפן בלויען וואַסער,
באַקומט אַלצדינג אַ פרעמד, אַן אַנדער אויסזען:
די ברעגעס ליגן איינגעטונקט אין בלוי
און ס׳שפּילט די ברייטע ברוסט פון טייך אין רויט.
און אויך די מענטשן אין די אַרבע־כנפות׳ן,
וואָס זיצן רעדלעכווייז אַרום די קוילן
און שעפּן מיט די לעפל פון טשוהון —
זיי זיינען לופטיק, גליאיק און בלוי־שאָטנדיק,
ווי פון אַן אַנדער וועלט. ס׳ווערט שטיל און קיל.
דאָס וואַסער פליעסקעט אָן די שווערע קלעצער
און מורמלט ווייך און שלעפּערדיק און וויגט זיי.
אַ לאַנגער טאָג געווען. ס׳פאַלט צו די נאַכט.

און איצט, אין קילקייט, שפּירסטו ערשט דעם גלי
פון הייסן אָנגעהייצטן טאָג אין אַלע גלידער,
דאָס פּנים ברענט און הויכט מיט היץ און פרישקייט
פון טרייער זומערנאַכט.
אַהיים אויף שבת —
בין איך אַ גרויסער גאַסט. די שוועסטער גאָלדע
באַגעגנט מיך מיט גאָר אַ פיינעם „ברוך־הבא":
„וואָס מאַכט עפּעס דער שומר?" — זי וויל וויסן
ווי וועט ר' לעמל זיך באַגיין אָן מיר
דורך די צוויי נעכט פון פרייטיק איבער שבת?
איר אויג איז שאַרף. זי פרעגט מכלומרשט אומשולדיק:
ווי קומט עס, וואָס דאָס סוחרישע בית־מדרש
זאָל גאָר קיין דאַך ניט האָבן איבער זיך,
אַז די תלמידים נעבעך ברענען זיך אין זון?
און גיי און ענטפער אויף אַזעלכע שאלות.
די מאַמע פרעגט זיך נאָך אויף מיינע „טעג"
און ווי באַנעמען זיך צו מיר די באַלעבאָסטעס —
הגם זי קען זיי יעדע איינע אויסגעבונדן
און וויס פאָרויס פון אַלע זייערע פּאָסטעמקעס,
ווער ס'האָט אַ ברייטע האַנט און ווער ס'איז, במחילה,
אַ דבר־אחרטע, קומט אָפּ מיט „שהיה־פּהיה".
זי האָט אַ טרעפליך וואָרט פאַר יעדער איינער
און טאַדל ווי אין לויב — ווי אָנגעמאָסטן.
זי קען זיך אויס אויף מענטשן. האָט הנאה,
ווען כ'גיב איר אָפּ אַ גרוס פון „מיטוואָך" מיינעם —
דער מאַמעס לייבלעכע געשוועסטער־קינדער.
דאָס איז געווען ביי אַ משפּחה בעקער:
די יידענע — אַ שווערע ברייטע באַלעבאָסטע
מיטן גרויסן רינג פון שליסלען אויפן פאַרטעך,
איז צוגעלאָזט ביז גאָר, און פיל מ'זאָל ניט עסן
איז מען פאַר איר ניט יוצא: „ס'טייטש, אַ מענטש דאַרף עסן!"
דער מאַן איז אויך, קיין עין־הרע ניט ברייטביינערדיק,
פאַרמעליקט און צופלויגן און פאַרטראָגן —
ער פליט אַריין אין קיך און פליט אַרויס פון קיך,
דאָ מיט אַן עמער וואַסער אין דער האַנט,

דאָ מיט דער פּאָמעלע, דאָ מיט דער קאָטשערע.
אַ האַלב טוץ קינדער, קלענערע און גרעסערע,
זיי גוואַלדעוועז און טומלען, קערן וועלטן.
ס'וועט זיין געננוג צו שילדערן איין פּרישטיק:
די מיידלעך אין די אוניפאָרמעס פון גימנאַזיע,
אין ברוינע קליידלעך מיט די שוואַרצע שירצן,
מיט שיפּלעך־היטעלעך שוין אויף די קעפּ —
זיי שטייען אויף איין פוס און פּיקן פון די קערבלעך
די אָנגעשטעלטע אויפן טיש מיט די געבעקסן,
ווי יענע פייגל פון די קערב פון „שר־האופים" —
אַ פּיק, אַ שמעק, אַ לעק פון ביסל קאַווע — פּאַרטיק.
די יינגלעך דאַרף מען ערשט אַרויסטרייבן אין הדר.
דער טיש איז אָנגעשטעלט מיט כל מעדני מלך:
מיט גאַנצע שיסלען פּוטער, קעז און סמעטענע,
מיט היפּשע פענדלעך אָפּגעקאָכטע אייער,
מיט דעם געוויכערטן געשמאַקן הערינג
און גוטע צוגעברויגטע פּוטעדקוכנס.
עס הושעט, פייפט דער סאַמאָוואַר אויף איין זייט טיש
און ס'גאָרגלט זיך די קאַווע אויף דער צווייטער —
אַן אמת'ער שבועות אין אַ מיטן מיטוואָך!

דער טאַטע אָבער איז ניט גאָר צופרידן,
מיטן בייט פון די ישיבות. ביי דעם שבת'דיקן טיש,
רופט ער זיך אָן געלאַסן, אויף זיין שטייגער:
„ילמדנו רבנו" — פרעגט ער מיט אַ בתמיהה —
„למאי דאָס הליפין, וואָס וועט דאָס מיר געבן?
„איך וויל ער וויסן, צי איך האָב שוין אויסגעלערנט
„ר' שמואל חיים'ס גאַנצע תורה אויף איין פוס,
„דערימער, נייטיק איך מיך אין אַ נייעם רבי'ן?
„ס'איז וואָר: ר' משה איז אַ ייד אַ למדן,
„פון דעם איז אָפּגערעדט, לית מאן דפליג,
„עס דאַרף דאָך אָבער זיין אַ שכל פאַר דעם בייט,
און סתם, ווי פרעגט זיך ניט אַ יינגל ביי זיין טאַטן?"
דאָ שפּרינגט אַריין די שוועסטער מיט איר ענטפער:
„היות, ווי כ'קלייב מיך ווערן גאָר אַ גרויסער סוחר,

„דריבער, ציט מיך ס'האַרץ צום סוחרישן בית־מדרש".
די מאַמע שאָקלט מיטן קאָפּ: „אַ סוחר דאָך!
„נאָר וואָס באַדאַרף מען דאָ אַ סך „גאַוועגדזשען"
„אָמער, וועט ער אַליין אונדז באַלד מזכה זיין
„אונדז לאָזן הערן ווי די מעשה איז, און שוין".
כ'פּאַרצייל די מעשה מיטן זעזמערער,
מיטן „התועה" אונטער דער גמרא,
מיטן רבי'נס שאַרפן פּאַטש און דורכטרייבן
דעם בחור פון ישיבה. (עס פאַרשטייט זיך ,
אַז כ'לאָז אַדורך, דערמאָן ניט מיט אַ וואָרט,
ר' משה'ס שוואַכע זייט פון דער הנהגה
און פון דער מאַרקע־וועשעריי.) דער טאַטע שווייגט
און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער טעלער
און ביי דער מאַמען צינדן זיך די אויגן
אין איר געָרעכטן צאָרן: „מ'דאַרף דאָס האָבן
„אַ טאַטערש האַרץ — מאַכט זי — מבייש זיין
„אַן אָרעם יינגל בפני עם ועדה,
„און פרעג פאַרוואָס פאַרוועז, פאַר לייענען אַ ביכל.
„דו הערסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגן — מיט אַ פּאַטש אין טיש —
„כ'האָב פיינט גאָט'ס סטראַפּטשעס!"
נאָך יום־טובים —
זיינען דער זעזמערער און איך געגאַנגען,
זיך אָפּגעזעגנט מיט דער סוחרישער ישיבה,
אַרויס אין אייגענעם רשות, צו לערנען פאַר זיך.
פאַרזעצט זיך אין אַ קליינער שטילער שול,
פאַרשטעקט טיף אין אַ הויף פון יאַטקע־גאַס.
אינדרויסן, פאַרן טויער, האָט געקאָכט, געָרעש'ט,
און דאָ איז שטיל געווען און אָפּגערוקט פון טומל.
אַ קליין בית־מדרש'ל מיט ווייניק לערנער,
אַ חנ'עוודיקס, באַשיידנס, אין זיין אָרעמקייט.
ס'איז וואָרעם דאָרט געווען, געמיטליך, ווינטער —
און זומער, ביי דעם פענצטער דעם צעעפנטן,
האָט אַ בעריאָזע־בוים געזוואָרפן שאָטנס
אַריינגעשאָרכט אין שול מיט זיינע בלעטער.
מיר האָבן איינגעשטעלט פאַר זיך אַן אייגן סדר:

געלערנט אַ פּאָר שעה אין טאָג תנ״ך
מיט רש״י און מצודות׳ן, אַ פּאָר שעה גמרא;
און אויב אַ סוגיה איז געווען צו האַרב —
פלעגט איינער פון די פּרושים מסביר זיין,
אונדז געבן צו פאַרשטיין. דער טאַטע פלעגט אַמאָל
אַריינפאַלן צו אונדז גאָר אומגעריכט
און אָנטאַפּן דעם דופק ווי מיר האַלטן
און אָפּזיצן מיט אונדז אַ האַלבן טאָג.
אַ גימנאַזיסט, אַ בחור אין אבלות,
וואָס האָט דעם „קדיש״ נאָך זיין טאַטן אָפּגעהיט,
האָט פאָרגעשלאָגן זיך אונדז לערנען רוסיש,
און מיר, פאַרשטייט זיך, האָבן אָנגעכאַפּט זיך
אָן דעם מיט ביידע הענט: געלערנט רוסיש,
געחזר׳ט שטאַרק די כּללים פון גראַמאַטיק,
געמייסטרעוועט די רוסישע חבורים.
ס׳קצבישע בית־מדרשל האָט ניט געשערט,
מיר האָבן זיך געשפּירט ווי אין דער היים,
געפּראַוועט כּל־המינים שטיפעריייען,
זיך אויסגעלערנט רויכן פּאַפּיראָסן —
די צוויי־דריי פּרושים איבער די שטענדערס
האָבן פאַרטראָגן אונדז מיט אַ פאַרגיביק שמייכל:
„עט, יינגלעך מוזן שטיפן״. דורך דער צייט
איז ניט געווען קיין ווינקל אין דער שטאָט,
קיין אָפּגעלייגטע געגנט אויסן שטאָט,
וואו מיר זיינען נישט אויסגעווען. מיצקעוויטש־טאָל
מיט זיינע ריזיקע און שאָטנדיקע דעמבעס,
מיט זיינע לעבעדיקע שנירלעך זילבער־שטראָמען
אין שאָטן און אין ליכט פון זומערדיקע טעג.
די אַלעקסאָטער בערג איבערן נעמאַן,
פון וועמעס הייכן ס׳וויקלט זיך פאַנאַנדער
דאָס אויג־פאַרכאַפּנדיקע בילד פון שטאָט,
וואו ס׳גיסן זיך צונויף די בלויע וואַסערן
פון ביידע טייכן אירע: נעמאַן און ווילע.
און די סלאַבאָדקער נידעריקע בריק
אויף אונדזערע שפּאַצירן צו די „ווילדע מענטשן״,

די מוסרניקעס, הייסט עס, אין פאַרנאַכטן,
מיט זייערע פאַרצווייפלטע געשרייען
און קלאַפּעניש פון פויסטן איבער הערצער,
אין מורא׳דיקער פינצטערניש פון שול.

אָבער מחוץ די אַלטע ווענט פון די ישיבות
האָט זיך אַ פרילינג אַ צעשטורעמטער געטראָגן
איבער דעם ברייטן און צעשפּרייטן צפון־לאַנד —
און פרילינג האָט געבליט אין יונגע הערצער.
דאָס לעבן איז געקומען צו אַ שייד־וועג:
די אַלטע לאַנגע ווינטערדיקע תקופה
געלעגן איז פאַרשטאַרט, פאַרשוואַרצט, אַהינטער,
און פאַר די פּנימער האָט אויפגעשיינט אַ פרילינג
מיט גרינע פרישע האָפנונגען און צוזאָגן
פון גאולה און באַנייאונג. עס האָט אויפגעקלונגען
דאָס קול פון אונדזער טויב, פון ברומענדיקער שכינה,
איןביידע שפּראַכן אונדזערע. די אַלטע שפּראַך
איז פּלוצים יונג געוואָרן, זיך באַנייט,
די סטרונעס אירע האָבן זיך צעציטערט
אין גאָלדיקן און פרישן קלאַנג. און זי:
זי האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון איר אַש און שטויב
און האָט אַ בלענד געטאָן מיט גאָר איר צירונג,
ווי קיינמאָל נאָך אַפריער אין דעם צפון־לאַנד.
ס׳איז אויפגעגאַנגען ביאַליק׳ס זון אין גבורה
און ס׳האָט זיין ליד זיך איינגעברענט אין האַרצן
מיט אַלע פייערן פון שיין און פון נחמה,
געכשופט און געבלענדט. די שפּראַך פון אונדזער צונג —
ס׳איז אויך אויף איר אַ נייער גייסט געקומען,
האָט אויפגעגרינט און אויפגעבליט אין יוגנט,
און אַלע לעבנס זאַפטן זיינען זי אַדורך,
געוואָרן בויגעוודיק, עלאַסטיש, קלינגענדיק,
האָט אויפגעהויבן הויך איר קאָפּ, מיט אַלע חנ׳ען.
די אַלטע מייסטערס זיינען נאָך געשטאַנען
און פולע רייפע שעפערישע כוחות —
און באַלד זיינען די „בני־הנביאים” אויפגעקומען

מיט יוגנטלעכן ברען און רייץ און וויזיע,
אין אַ געזאַנג צום ליכטיקן פרימאָרגן.

די יוגנט האָט געזונגען. מיידלעך־גימנאַזיסטקעס —
נעקראַסאָוו׳ס ברייט געזאַנג פון מאַמע-וואָלגאַ,
פון טרויער וואָס פאַרפלייצט די גרויסע ערד;
און נאַדסאָנ׳ס ליד פון טרייסט אין יענער צייט
„צום פריינט, צום מידן ליידנדיקן פריינט און ברודער";
און אָרעם־בחורים אויף זייערע שפּאַצירגענג —
דאָס אָוונטליד פון מאָנע׳ס ווייַ און בענקשאַפט
און טשערניכאָווסקי׳ס יונג, ניט אויסגעצייטיקט, ליד:
„ לאָך זיך אויס פון מיינע טרוימען".
פרוגס „זאַמד און שטערן", ראָזנפעלד׳ס „דער מאַי".
און יונגען בעלי־מלאכה ביי דער אַרבעט:
„אין געזאַלצענעם ים פון די מענטשלעכע טרערן",
און רייזינ׳ס: „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן".
אָט — טשעסלערס צוויי ביים אויפשטעלן אַ הויז:
אַ טאַטע מיט אַ זון. דער טאַטע — אויבן,
אין אַרבע־כנפות מיטן היטל אויפן קאָפּ,
לעגט שינדלען אויפן דאַך און שלאָגט די טשוועקעס
און ברומט דעם אַלטן נגון פון די „יעלות" —
און אונטן הובלעוועט דער זון אין זיין שוואַרץ העמדל
אַ ברעט, אַ לייסט, אַ טיר, און זינגט דאָס זייבּיקע,
צעגיסט זיך אויפן הויכן קול. אַ שטייגער:
„דער אָרעמאַ־אַ־ן וואוינט אין קעלער —
„טריפן טריפט עס פון די ווענט;
„און דער אָרעמאַ־אַ־ן
„באַקומט רומאַטעס־פעלער
„אין די פיס און אין די הענט".
און באַלד אין טאָן פון „איכה" און „דובינושקאַ"
מיט גרויס כונה און מיט פיל מתיקות —
(עס וואַרפט זיך זיין טשופּרינע האָר, ווי לעבעדיק,
צום טאַקט פון הובל זיינעם אין דער אַרבעט):
„דער פּראָלעטאַריאַט,
„וואָס האָט ניט קיין ברויט צו זאַט —

„ער הויבט שוין אָן צו פילן און צו ווי־י־סן;
„מיט זיין בלוטיקן שווייס
„מאַכט ער די וועלט רייך און גרויס,
און אַליין טוט ער גאָר ניט געני־י־סן!!
אַ, יעדער איינער מיט זיין ליד.

אין פרילינג

פון דריטן יאָר, זמן שמחתנו יום־טוב־פסח —
ס'איז דער באַרימטער, פרילינג מיט זיין צווילינג" —
האָט זיך דער בליץ דער טויטליכער צעשפּילט
און ס'האָט אַ קלאַפּ געטאָן פון ריינעם קלאָרן הימל
דער קעשענעוער דונער. (אַנזאָג און סימבאָל
פון גאַנצן טרפה'ן בלוטיקן יאָרהונדערט,
וואָס איז געשטאַנען דעמאָלט אויפן שוועל
אַ ריינס אָן אומשולדיקס, דאָס ערשטע מאָל
אַביסל איינגעריכט, פאַרשמירט אין יידיש בלוט.)
ס'איז דאָס זעזאַנג געוואָרן איינגעהאַלטן,
געבליבן שטיין אין קעל, פאַרקלעמט פון ווייטיק
און אָנמעכטיקן צאָרן. נאָר די פויסטן
האָבן געקרעמפט זיך און געביילט זיך אין באַהעלטעניש
און שרפות האָבן זיך געצונדן אין די אויגן.
דאָס אַלטע יידישע געשריי פון דורות:
„שמים בקשו רחמים עליו!"
האָט אויסגעבראָכן איבער אונז אין אַ געבריל
פון אַ פאַרוואונדיקט לייב אין זיינע קראַמפן,
ווען יעגער רינגלען אים אַרום פון אַלע זייטן;
און דאָס, וואָס ס'האָט געקאָכט פאַרפרעסט, געזאָטן
מיט קללה און מיט ווי צו דער „ממשלת־זדון"
אין האַרץ פון פאָלק — דאָס האָט געפונען אויסדרוק
אין דיכטער'ס צאָרנדיק און גליאיק וואָרט:
„זאָל עקבערן ס'בלוט ביז די תהום'ען —
„דאָס בלוט זאָל אין טיפעניש גראָבן זיך, שטראָמען,
„און פרעסן אין פינצטערניש, איינלייגן אונטן
„די צעפוילטע, די ערדישע גרונטן".
דאָס איז געווען אַ זומער פון אבלות,

אין לאַנגער „בין המצרים״ פון אַ זומער,
ווי די דריי וואָכן צווישן די תעניתים
אין זכר פון דעם חורבן.
אַביסל שפּעטער —
ווי נאָכן טרויערדיקן שבת פון „חזון״
קומט אַן שבת־נחמו מיט טרייסט פון גאולה —
אַזוי האָט דורכגעשניטן, ווי אַ שטראַל פון ליכט,
די גרויסע הערליכע געשטאַלט: טעאָדאָר הערצל,
דער ניט געקרוינטער מלך פון ישראל,
ביי זיין התגלות אין פאַרשטיקטן תחום.
די אַלטע ווילנע האָט געברומט, געשטורעמט,
אויף אירע טויזנטער און צענער טויזנטער.
דער בנין פון דער ווילנער יידישער קהלה,
די „צדקה־גדולה״ איז געווען באַלאַגערט —
מ׳האָט באַגעגנט אים ווי מ׳באַגעגנט מלכות:
ר׳ שלמה׳לי הכהן, ראש פון די רבנים,
האָט אים באַגעגנט מיט דער ברכת־כהנים
בשם ומלכות און געוויינט מיט טרערן,
האָט צוגעטראָגן אים אַ ספר־תורה —
דעם גרעסטן כבוד נאָר וואָס יידן קענען געב;
צו זייער אויסדערוויילטן זון. (דאָס איז געווען
דער לעצטער טראָפּן נחת אין זיין כוס פון לייד
אין לעצטן יאָר פון פרי־פאַרשניטן לעבן.)
אין קאָוונע איז אַדורך אַ קלאַנג, אַז הערצל
וועט דורכפאָרן אַ זייגער צוויי ביינאַכט
מיטן עקספּרעס־צוג צו דער דייטשער גרעניץ —
אַ יענע ווייטע נאַכט פון חודש אָב —
די שטאָט האָט פּלוצים אויפגעלעבט אין האַלבער נאַכט,
געלאָזט זיך צום וואקזאַל. דאָס איז געווען
אַ פייערלעכער גאַנג אין שטרענגער שטילקייט:
פון פּלאַץ־פּאַראַד אַרונטער מיט דער לאַנגער גאַס,
מיט ברייטן„ נייעם פּלאַן״ צום רוסישן „סאָבאָר״,
פון דאָרט, דורך קאַרמעליטע, צום וואָקזאַל.
פון אַלע גאַסן וועלכע שניידן דורך די שטאָט
אַלץ נייע גייער אין דעם נאַכטיקן מאַרשרוט —

ווי שטראָמען וועלכע פֿאַלן אין דעם גרויסן טייך.
בעגאַנגען: אַלטע יידן מיט די גרויע בערד,
וואָס האָבן נאָר וואָס אויפגעהויבן זיך
פון בענקל פונעם תקון־חצות און אַשעס;
געגאַנגען מיטליעריקע אין פעסטן טראָט —
די סוחרים און די קרעמער און די פּועלים,
און די ישיבה־בחורים פון אַלע קלויזן.
און דורך די טונקעלע מלבושים פון די מאַנסלייט
האָבן געווייסלט זיך אין פינצטערניש
די קליידער פון די פרויען און די מיידלעך;
עס האָבן אויפגעפלעמלט דאָ און דאָרטן
די רויטע פייערלעך פון פּאַפּיראָסן;
מ׳האָט בלויז געהערט דאָס קלעפּלען פון די קנאָפּל
און שאַרך פון זוילן אויפן טראָטואַר.
אַ לאַנגער שוויגנדיקער שטראָם פון טויזנטער,
וואָס ציט דורך נאַכט און פינצטערנ׳ש אין גאַנג,
צום טאַקט פון זייער טראָט. אויפן וואָקזאַל —
די שווייגנדיקע מאַסע איז געשטאַנען
צונויפגעדריקט, זיך אויסגעשפּרייט געדיכט
אין גאַנצער לענג־און־ברייט פון דעם פּעראָן.
און אַט דערהערט זיך פון דער נאַכט אַן אויפטרייסל —
אַ ריטמיש קלאַפּן פון די רעדער איבער שטאָל;
אַ ציטער גייט אַדורך איבער די רעלסן,
און ס׳גייט אַ ציטער דורך דורך אַלע הערצער:
פון וויטן, פון דער שוואַרצער נאַכט אַרויס,
דאָס רויטע אויג פון דעם ציקלאָפּ־לאָקאָמאָטיוו
וואָס כאַפּט זיין וועג פאַרויס מיט סנאָפּעס ליכט;
די רעדער קלאַפּן ריטמיש — נענטער, נענטער —
דער צוג האַלט איין, פאַרקלענערט זיין געלאָף,
אַט גליטשט ער זיך אַריין מיט אַ געקלאַנג
און אַ געבראַזג פון קייטן און טאָרמאָז:
עס סאָפּעט כראָפּעט דער לאָקאָמאָטיוו,
צעהיצט, צעגליט אין רויט. דער צוג בלייבט שטייך.
די פענצטער פון די שלאָפוואַגאָנען זיינען בלינד,
קיין פיצל ליכט איז נישט צו זען. און פלוצים

ברעכט אויס פון האַרץ פון דער קאָמפּאַקטער מאַסע,
זיך ניט צונויפגערעדט, ס׳גיזאַנג פון דער „התקוה״ —
די מיילער זינגען שטורמעדיק ס׳געזאַנג
און אויגן גליען איינגעשפּאַרט, אַריינגעשטאָכן
אין שטומען שוואַרצן צוג. אָ, אפשר, אפשר...
עס עפענען זיך אויף פאַרמאַכטע פענצטערלעך
און קעפּ שטעקן אַרויס זיך, נייגעריק —
נאָר ניט דער שטאָלצער קאָפּ פון יענעם מאַן,
יואס מיט די טרוימערישע גרויסע אויגן
און שוואַרצער באָרד, אַסירישער. דער צוג
שטייט נאָך אַ רגע, קלינגט און נעמט זיך רירן,
ערשט שפּעטער שוין האָט קאָוונע זיך דערוואוסט,
ער וואַרעמט איין זיך, וואָס אַ רגע שנעלער,
און אָט האָט ער זיך שוין פאַרביי געטראָגן.
פאַרשלונגען אין דער נאַכט. נאָר אַלע אויגן
האָבן פאַרקלעמט געהאַלטן זיך אָן שוואַרצן צוג
כל־זמן עס האָבן נאָך געוואונקען פון דער שוואַרצקייט
די רויטע פייערלעך פון הינטערשטן וואַגאָן.

צוערשט פּאַמעליך, שווער — טראַ־טאַ, טראַ־טאַ —
אַז אויף דער „עצה״ פון דעם ווילנער גובערנאַטאָר
האָט הערצל אומגעביטן זיין מאַרשרוט
און זיך פאַרנומען איבער „וואַרשע־קראָקע...״

# צעשיידונג

צום נאָרד־אַמעריקאַנער האַרבסט — אַ לויב, אַ ליד׳
אַ שענסטע און געבענטשסטע צייט פון יאָר —
עס שטייען ליכטיק־דורכזיכטיק די טעג און קלאָר
אין וואַרעמען און צאַרטן בלוי. די לאַנדשאַפט גליט
אַ פריידיקע, אַ פולע, אין דיין עפלפעלד.
דער פלאַכער ברייטער טאָל — אַ גרינער עמעראַלד,
וואָס הויכט מיט וואַרימקייט און שפריצט מיט גאָלד
און מיניעט זיך אין שאָטן און אין ליכט און קוועלט.

אַ צייט פון רייפקייט, אויסברוך פון דער פולער קראַפט,
וואָס ליגט אין דער קאָמפּאַקטער פרוכט פאַרשפּאַרט —
אין רויטע גלאָבוסן פאַרחתמעט, שטייף און האַרט,
וואָס טוי און זון האָבן אָנגעגאָסן פול מיט זאַפט.
די זייט פון עפל וואָס אַקעגן זון איז רויז
און די, וואָס אין דער בלעטערנעץ, געווענדט צום שטאַם,
איז בלאַס און איידלגרין. אַ בוים אין פלאַם —
פון ברייטן שירעם זיינעם ביז אין גרינעם גראָז.

די צווייגן בויגן זיך אין אַ געשפּאַנטן בויג —
אין גרויסער לאַסט, אַן עפל צו אַן עפל אָנגערייט,
אין דיקע שווערע פלעכטן, לאַנגע עפלקייט
געשנירלט רויט אין גרין, דערפרייט דאָס אויג.
און אויף דער ערד — אין פולן היקף פון דעם בוים,
ליגט אָנגעוואָרפן אינעם גראָז דער עפלפאַל —
אַ רונדער גליענדיקער טעפּיך, בליץ און שטראַל,
און בוים נאָך בוים, ביז אין דעם וויטן בלויען רוים.

ס'איז שטיל און גוט. אַ זשומען פון אַ שווערער בי'ן
שנײַדט דורך די שטילקײַט, שווימט אַהין־און־קריי,,
אַ פליגל־פלאַטער פון אַ פײגל־קלײן: פּיק־פּיק —
דאָס טענצלט אויפן טעפּיך, אינעם רויט פון גרין,
אַ פּיק אַהער, אַ פּיק אַהין. אַ ווייסער רויך
פון קופּעס ברענענדיקע בלעטער ציט אין לופט
און מישט צונויף זיך מיטן צאַרטן עפּלדופט,
דערטראָגט אַהער זיין שאַרפן ביטערליכן הויך.

אַ נאָרד־אַמעריקאַנער גרויסע שטאַרקע ערד
אין דער געבענטשטער שפע פון דײַן רײַכן האַרבסט —
מיט לויב און ליד צו דיר איז אָנגעפילט מײַן האַרץ.
גיב גאָט, דײַן גרויסע שלוה זאָל ניט זײַן פאַרשטערט
אויף אייביק און אויף אייביק. כ'ווער ניט מיד
דײַן שטאַרקע פּראַכט צו זינגען, פרוטכבאַרקייט און זעט —
אײן תּפילה טראָג איך אין מײַן האַרצן, אײן געבעט,
אַז דײַנע עפּל זאָלן שמעקן פון מײַן ליד.

דאָ, אינעם עפּל־שפּײַכלער פון דעם שטאַט ניו־יאָרק,
אין גרויסער ליכטיקייט וואָס רינגלט מיך אַרום
אין רײַכער האַרבסטיקער פאַרפילונג פונעם יאָר —
בין איך געגליכן צו דער אַלטער בעלת־אוב,
וואָס מישט די קרײַטעכצער אין בלעזלדיקן קעסל,
און פּרעפּלט מישנדיק, און רופט אַרויס
די טויטע פון די קברים. און אויך איך —
איך רוף אַרויס פון בית־הקברות פון זכרון
די פּנימער און די געשטאַלטן פון אַמאָל.
די ליפּן קאָרטשען זיך אין אַ פאַרשטיקט געוויין:
מיט פּסוקים פונעם תּהלים און פון „איכה"
און מיט דער תּפילה פון הזכרת נשמות:
„אל מלא רחמים". דער קאָפּ וויגט אום זיך
אין טרויער־ריטם פון אַלט־יידישער אבלות,
וואָס זיצט אין שוואַרצן אויפן „שבעה־ בײַנקל",
און פון די צוגעמאַכטע אויגן רינען טרערן
און בריען מיר דאָס פּנים. טויטע מײַנע —

די טויטע מיינע זיינען אַלע יונג נאָך,
ווי ווען כ'האָב מיך מיט זיי געחברט אין דער יוגנט,
אין ערשטן יוגנטליכן אויפבלי, איידער ס'האָט
דאָס רשעות פון דער וועלט צעטראָטן זיי
און זייער דם־התמצית אויסגעגאָסן
און אָפּגעווישט פון פּנים פון דער ערד.
זיי ציען דורך פאַר די פאַרמאַכטע אויגן
אַן וואָרט, אָן קלאַנג, אין אַ כאַנמאַם־פּראָצעסיע —
די יינגלעך — מיטן ערשטן פוך אויף באַקן
אין אָרימקייט פון זייער שבת'דיקן בגד,
מיט די פּאַפּירענע מאַנישקעס אויף די הערצער;
די מיידלעך — פריש און ליכטיק, שבת'דיק פאַרפּוצט
אין ווייסע לייכטע זומערדיקע קליידלעך,
מיט רויטע און מיט בלויע שלייפלעך אַרום העלדזער,
מיט שווערע צעפּ, וואָס פאַלן איבער דינע טאַליעס
אין שוואַרץ און בלאָנד, מיט אויגן אויפגעשטראַלטע
אין ערשטן פרויען־רייץ. ס'איז שבת נאָכן טשאָלנט.
דאָס שטעטל רוט אונטערן בלויען הימל
אין גרויסער שלוה און אין היץ. די אַלטע דעכער
איבער די דורות'דיקע קלעצער־שטיבער,
געלאַטעט דאָ און דאָרט מיט נייע שינדלען,
זיי גלימצערן אין זונליכט; ס'זאַמד פון גאַס
איז ווייס און שימערדיק און שפּריצט מיט פונקען;
די לאָדנס פון די פענצטער זיינען צוגעשפּאַרט,
קיין פורל פאָרט ניט דורך. ס'איז שטיל, ס'איז שבת.
בלויז מיר, דאָס יונגוואַרג פונעם שטעטל, זיינען וואַך —
פאַראַנען באַלד, אַ טריט אַרויס פון שטעטל,
דאָס גרויסע רחבות און די גרויסע פרישקייט,
מיט גרינס און ביימער און מיט פינקלדיקע שטראָמען.
מ'שפּאַנט אַדורך דורך „מעזשעס" צווישן קאָרן
מ'פאַלט אַריין אין ברייטע גרינע לאָנקעס,
וואו ס'שמעקט מיט „דאָבעלעך", און היי. אַביסל ווייטער,
אונטער דעם הויכן גרינעם באַרג, צו צפון —
פאַראַן אַן אַלטער בוים, פאַרצווייגט און שאָטנדיק,
מיט ווילדע גרינע באַרעלעך; אַ ברייטער שירעם

צעשפרייט איבעדן קאָפּ מיט גרינעם שאָטן;
וואו ס'גראָז פון אונטן איז געדיכט און זאַפטיק,
און שטראַלן גילדערנע פון בלענדיק זונליכט
זיי שווינדלען אויפן גראָז אין שנעלן פלי,
גיט צו דערכאַפּן מיטן אויג. און מאָדנע איז,
וואָס נאָך אַזויפיל צייט פון לאַנגע יאָרן,
שטייט אַלץ נאָך פאַרן אויג דער אַלטער בוים —
אַן אַלטער פריינט — מיט צווייגן מיט צעקנאַדערטע,
מיט זיינע צוויטשערדיקע פלינקע ברוינע שוואַלבן.
נאָר אפשר איז דאָס גאָרנישט ניט קיין וואונדער:
אונטער דעם דאַזיקן פאַרצווייגטן באַרנבוים,
אין ליכטיקער, אין שבת'דיקער שטילקייט,
אין דער מסיבה פון חברים־יינגלעך
און מיידלעך אין דעם ערשטן יוגנט־אויפבלי —
זיינען די ליכטיקע און דורכזיכטיקע פערזן
פון פושקין און פון לערמאָנטאָוו, און אַנדערע,
געפאַלן ווי די גוטע זריעה אינעם האַרצן
מיט זייער ליכט און קלאַנג, מיט זייער גרויסער שיינקייט.
און אונדזער אייגנס: בלוט פון אונדזער בלוט
און פלייש פון אונדזער פלייש: „שלמה ר' חיים'ס",
פון אַלטן מייסטער־גאָלדשמיד, פון ר' מענדעלין;
שלום־עליכם'ס הילכיק היילנדיק געלעכטער,
מיט רחמים און מיט ליבשאַפט און גוט־אויג
פאַר אונדזער אָרעם לעבן מיט זיין לייד און פרייד;
פאַרטיפטע ליריק פון דעם אייביק־יונגן פרץ,
וואָס האָט געצילט ביז צו די העכסטע הייכן,
און — „אויב נישט נאָך העכער"; און די פלעיאַדע
פון פרישע נייע שעפערישע כוחות,
וואָס זיינען אויפגעקומען „ביי יעדן פרימאָרגן"
אין יענער טייערער געבענטשטער צייט.
אָ, בלויע העפטן פונעם וועכנטלעכן „יוד"
און גרינע ביכלעך פונעם מאָנאַטלעכן „השלח"!
ווי היינט געדיינק איך אייער יוגנט־חסד
און אייער גוטס איז אויפגעהיט אין האַרצן.
צי קען איך דען פאַרגעסן יענעם ווייטן שבת,

וועו מיר האָבן אונטערן בוים געלייענט
דעם העלדן־עפּאָס פון די „מתי־מדבר״ —
די שבת׳דיקע שטילע וועלט אַרום אונדז
האָט אָנגענומען דאָן אַן אַנדער אויסזען:
דאָס ליכט פון טאָג איז ליכטיקער געוואָרן,
די גרינקייט — גרינער און די בלויקייט — בלויער;
אין זומערדיקער לופט פון צפון׳דיקן לאַנד
האָבן אַ פאָך געטאָן די פליגל פון לעגענדע,
אַלט־יידישע לעגענדע פון דעם הייסן מזרח —
דער מיטאָס פון אַ פאָלק אין זיין באַגינען.
אונטער דעם דאָזיקן פאַרצווייגטן אָרנבוים
האָב איך דערשפירט דעם ערשטן זיסן ציטער,
דעם אויפשפּראָץ און דעם אויפגאַנג פון אַ ליד,
און רויע פערזן פון גרין ליד האָבן געשטאָמלט
אין זייער דראַנג נאָך פולקייט און נאָך שלימות.

...איך בין צוריק אַהיים. געגוג פאַר מיר
זיך וואַלגערן איבער די קאָוונער קלויזן.
די שטיבער זיינען עפּעס נידעריק געוואָרן,
געוואָרן איינגעשרומפּן מערער ווי געוועזן.
דו קענסט אַזש אָנרירן די שוואַרצע דעכער
מיט שפּיצן פינגער. טרעטסט אַ שוועל אַריבער —
גיב אַכטונג, בויג זיך בעסער איין — אַניט,
וועט אויפשפּראָצן אַ בייל דיר אויפן שטערן.
אַן אומעט ווייענט אַרויס פון אַלע פענצטער
און פון דער יעשנדיקער שוואַרצער בלאָטע.
די פּנים׳ער, באַקענט מיר פון די יינגסטע יאָרן,
זיינען פאַרגרויט, פאַרחושכט און פאַרעלטערט.
די צייט איז שווער, פּרנסה איז געשלאָגן,
אין לאַנד איז אומרואיק, מ׳ריכט זיך אויף פּאָגראָמען.
אין די פאַרנאַכטן פון די דאָזיקע שבתים
גייט אויף אין שול אַ מורא׳דיק געשריי,
אַ ביטערע יללה פון די תהלים־זאָגער —
ס׳איז כלו כל הקצין, ס׳איז עק וועלט.
אַפילו קליינע חדר־יינגלעך שטיפן ניט

אין אַט אַזעלכע גרויליקע פאַרנאַכטן —
זיי זיצן צוגעטוליעט צו די טאַטעס,
די אויגלעך גליען ווי די לעבעדיקע קוילן,
דורך אָנגעזאַפּט מיט אימה און מיט טרויער.
די ייִנגערע, געוואַגטערע, זיינען געלאָפן —
אַ גליק, די וועלט איז נאָך געשטאַנען אָפן —
צוערשט קיין לאָנדאָן, ווי אַ סטאַנציע פאַר ניו־יאָרק,
מחמת דאָס געלט האָט ניט געקלעקט. אַפילו
באַיאָרטע יידן אין די פּופּציקער
האָבן פאַרגעסן זייער עלטער, אויך געלאָזט זיך
צו זוכן זייער מזל אין דעם נייעם לאַנד.
געווייינטלעך, האָט אַ ייד אַזאַ, אין אַ באַגינען
אַרויסגעגנב׳עט זיך פון שטוב אָן וויב׳ס ידיעה —
פון יענער זייט פון גרעניץ ערשט געלאָזט איר וויסן,
וואו ער איז היינגעקומען. דאָרט, אין נייעם לאַנד,
האָט ער זיך אומגעדרייט, אַ פּועל־בטל,
אַ חודש דריי, צי פיר, ביז ער האָט איינגעזען:
אַמעריקע איז ניט פאַר זיינע כוחות,
און אויסגעדרייט דעם דישל אויף צוריק.
די קרובים זיינע אין דעם נייעם לאַנד
האָבן צונויפגעלעגט זיך די פאַר טאָלער,
געקויפט אַ שיפסקאַרטע מיטן „צווישנדעק״,
אים אָפּגעשיקט אַהיים צוריק בכבוד גדול.
די ערשטע דריי־פיר טעג נאָך זיין צוריקקער,
פלעגט ער בחדרי־חדרים זיך באַהאַלטן —
ערשט פרייטיק־צונאַכט נאָך „לכו־נרננה״
פלעגט ער זיך האַלב־פאַרשעמט אַריינשטעלן אין שול,
פאַרנומען זיין פאַר׳יתומ׳ט פלאַץ און שטענדער —
גרויסוועלטיש אָנגעטאָן אין האָרטן קעסלהוט,
אין שיך מיט ברייטע נעז, אין די געשטרייפטע הויזן.
(געקויפט אודאי אַ מציאה פון אַ שטופּ־וועגל
אין דעם באַרימטן מאָדע־צענטער: אָרטשאַרד סטריט.)
כ׳האָב דאָס געפיל געהאַט: ס׳וואָלט זיין ניט מער ווי פאַסיק,
אַז נאָך קבלת־שבת, פאַר דער תפילת־מעריב,
זאָל שמואל שמש אויף זיין הייזעריקן קול,

זיך אויפשטעלן, אַ פּאַטש טאָן אויפן שולחן,
און אויסרופן צום עולם: „גייט אַנטקעגן אבלו!"

און אויך אין שטוב ביי אונדז איז שטיל געוואָרן,
ניטאָ די פריערדיקע גוטע פריילעכקייט
און אויפגעלעגטקייט פון אַמאָל. די שוועסטער גאָלדע
האָט חתונה געהאַט, און ס'יונג פּאָר־פאָלק
האָט זיך אַרויסגעצויגן אין אַ פרעמדער שטאָט.
די מאַמע בייקט, געפינט זיך אַזש קיין אָרט ניט —
ס'איז אומעטיק אין שטוב. דאָס לאָזט זיך שפירן
ביים שבת־יום־טובדיקן טיש, פיל מער
ווי דורך די וואָכעדיקע טעג פון אַרבעט.
עס פעלט איר האַרציק קלינגענדיק געזאַנג —
די זמירות קומען ניט אַרויס געראָטן.
דער טאַטע קוקט אַריין אין „מדרש־רבה",
פאַרהאַלט זיך מיט זיין בליק אַ לאַנגע צייט
אויף איין־און־זעלבער שורה פונעם ספר.
ס'איז שטיל ביים טיש. ס'ווערט פריילעכער אַביסל,
ווען ס'עפנט זיך די טיר און סקומט אַריין
דער שוועסטערס גוטע חבר'טאָרין באַשל.
די מאַמע ווערט גאָר אויפגעלעגט און פריידיק,
די אויגן ווערן אויפגעבליצט — אַ שמחה —
און וואָס אַ וואָרט: רק באַשינקע און באַשינקע:
„נעם, באַשינקע, פאַרזוך אַ שטיקל קוגל,
„ס'אַ מאכל מלכים; הערסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגן?
„ס'איז אומעטיק אָן גאָלדקע'ן, באַשינקע!"
דער טאַטע אויך: פאַרקנייטשט אַ בלעטל אין זיין ספר
און זיינע אַנגעשטרענגטע אויגן שמייכלען.
ס'זעט אויס, אַז באַשינקע בייקט אויך: ווייל ניט אומזיסט
קומט זי אין שטוב צו לויפן תיכף נאָכן עסן —
פון קינדווייז אָן אַן אייגן קינד אין שטוב.
די באַשל איז אַ האַרציקע נשמה,
אַ גוטמוטיקע, פריילעכע און טרייע,
איין לייב־און־זעל געווען מיט שוועסטער גאָלדע'ן —
אַפילו זייער טויט געטיילט אינאיינעם.

צ ע ש י י ד ו נ ג

**אויף קאָוונער ניינטן פאַרט צוהאַמען אומגעקומען...**

...ס׳איז שטיל אויף דער ווערענדע וואו איך זיץ —
די שטילקייט קלינגט אין אויער אויסגעצויגן, שאַרף,
ווי ס׳קלינגט אַ לאַנגער באַנגער נאָכציטער פון האַרף;
די זון שטייט הויך אין דרום, אין איר פולן בליץ.
די לאַנדשאַפט גליט. די בערן־בערג אין ווייט
זיי ציטערן אין ווייכע נעפלען פון פּיאָלעט
און שווימען, דוכט זיך, אום אין לופט; דאָס רויזנבעט
ביים אַלטן פאַרם־הויז, וואָס ליגט ביים זייט,

וואַרפט קליינע סאַמעטענע רויטע בלעטלעך אָפּ
און שפּרייט זיי אויפן גראָז. אַ ווינטל גייט
און ווייט מיט הייסן רויזנדופט און ווייט מיט פרייד
איבער דעם מידן און צעפּייניקטן און גרויען קאָפּ
אין אַלטער יוגנט מיינער. ס׳איז מיר טרויערדיק
און גוט אין זעלבער צייט; אַ זיסע ביטערקייט
ציט דורכן האַרצן און געביין; אַ גרוס פון צייט
מיט גאָר זיין לייד און גאָר זיין פרייד און גליק...

...אין יענע יעשנדיקע גרויע טעג —
איז דאָס בית־מדרש וואָס אַקעגן אונדזער שטוב
דאָס בעסטע פּלאַץ פאַר לייענען און חלומ׳ען.
א קאלטער רעגן קלאַפּט זיך אין די פענצטער
און שווייבקט די שויבן מיט די מוטנע שטראָמען —
און דאָ איז וואַרעם־אויסגעהייצט. פון נאָכן דאַווענען
ביז מנחה־מעריב איז דאָ קיינער ניט פאַראַנען.
ס׳איז שטיל און שאַ. דער אַלטער וואַנטזייגער
אין הויכן שמאָלן רויזקאַלירטן קאַסטן
גייט זיין פאַמעלעך־גאַנג: טיק־טאַק, טיק־טאַק,
געמאָסטן, איינגעהאַלטן. ס׳איז אַ טייער פּלאַץ דאָ
צו שרייבן וועגן טויט פון דעם ישיבה־יינגל,
און פונעם טייך דורך זומער און דורך ווינטער,
און פון דעם אַלטן סאָסנע־וואַלד איבערן טייך,
וואָס זעט זיך דורך די פענצטער פון בית־מדרש

אַן איינגעוויקלטער אין גרויען שווערן נעבל.
און מחמת איך בלייב אומצופרידן מיטן „יינגל" —
איך כאַפּ מיך, עס דערמאָנט צופיל אַן „מתמיד",
באַדאַרף מען גאָר דעם מתמיד איבערזעצן.
איך זיץ איבער דער אַרבעט ביים משניות־טיש
און שרייב און מעק, זוך גראַמען און שרייב איבער.
דער טאַטע קומט אַריין, פאַרהאַלט זיך ביי מיין טיש,
טראָגט צו אַן אָנגעשריבן בלעטל צו די אויגן:
„אויב יאָ שרייבן, וואָס שרייבסטו ניט אין לשון־קודש?"
הייבט אויף פון טיש דאָס ביכל ביאַליקס „שירים"
און קוקט אַריין אין זיים אין דער צעעפנטער,
און שטייענדיק אַזוי ביים טיש, פאַרלייענט זיך,
מישט איבער בלאַט נאָך בלאַט אין טיפער שטילקייט
און נעמט די אויגן ניט אַרויס פון ביכל.
ער זיפצט זיך אָפּ — אודאי זיך דערמאָנט
אָן זיינע יונגע יאָרן און התמדה,
אָט ווי דער אַלטער ראש־ישיבה אין פּאָעמע
און גייט פּאַמעלעך צו זיין פּלאַץ. ביינאַכט,
נאָך וועטשערע, ווי ס'איז געווען זיין שטייגער,
זיך צוצושפּאַרן ביי דעם טיש אויף דער קאַנאַפּע
מיט אַ ספר אין דער האַנט — רופט ער זיך אָן:
„כ'וואָלט זיין אַ בעלן איצט אַריינקוקן אין ביכל".

דערפאַר, ווען ס'שטעלן זיך די ערשטע פרעסט —
ווערט ס'לעבן אויפגעלעבט און אָפּגעפרישט.
ס'האָט אָנגעטראָגן שניי. די וועלט ליגט ווייס
און ליכטיק־בלוי צעשטראַלט און שמעקנדיק
אין גרויסער פרישקייט. די פאַרנאַכטן גליען
און ברענען רויז און רויט אויף בלויע פּלאַכן.
אַ ווייטע ווייסע ווינטערדיקע נעכט —
עס קריצט און זינגט דער שניי אונטער די פיס:
דער וועג איז בלויליך־ווייס און שפּריצט מיט פונקען
דער הימל בלוי פול אָנגעזעצט מיט שטערן,
נאָענט איינער צו דעם צווייטן אין דער בלויקייט —
אַזעלכע הייסע לעבעדיקע שטערן,

וואָס ווינקען איבער זיך און גיסן איבער זיך
אין שאַרפן גרין און רויט. אַ ווייסע וועלט,
כמעט אַ לעגענדאַרע וועלט. די יונגע פנימער
פון ייִנגלעך און פון מיידלעך בליען פּראַסטיק,
צערויטלט, פלאַמענדיק; די אויגן גליען
מיט רויטע און מיט גרינע אָפּשפּריצן
פון שטערן און פון שניי. עס זיינען שיין
די ווייסע ווינטערדיקע נעכט פון ליטע;
דער גאַנג פון יאָרן האָט ניט אָפּגעווישט
די שיינקייט אייערע און ליכט פון האַרצן.
אין אָט אַזעלכע ליכטיקע שבת־צו־נאַכטן
איז גוט געווען אַרויסצופאָרן אויף שפּאַציר.
אַ צען־צוועלף ווי'אָרסט פון שטעטל ליגט אַ קרעטשמע,
וואו ס'וואוינט אַ גרויסע יידישע משפּחה
מיט מיידלעך און מיט בחורים פון אונדזער עלטער.
דאָס פערד איז אויסגערוט פון איבער שבת,
דער באַלעגאָלע — גוטמוטיק און אויסגעשלאָפן.
דער ברייטער שליטן, אויסגעבעט מיט היי,
איז אָנגעפּאַקט מיט יונגוואַרג, קאָפּ אויף קאָפּ,
און ס'שפּריצט מיט שטיפעריי און פריילעכקייט
אין דער געדיכטער ענגשאַפט. ס'פערדל פליט —
דער וועג איז שטאַרק און שאַרף און איינגעפראָרן;
אַ שאַרף, אַ פּראָסטיק ווינטל פּאַטשט אין פּנים
און שטשיפּעט אין די באַקן און די אויערן.
אָט פליט אַנטקעגן אונדז דער אַלטער וואַלד,
אַן אַלטער סאָסנע־וואַלד אין ווינטער־פּראַכט
מיט צווייגן — אונטן גרין און אויבן — זילבער
איבער דער פולער ברייט פון וועג. געשליפן זילבער.
האָסט נאָך קיין צייט געהאַט זיך אומצוקוקן —
און שוין — די נידעריקע ברייטע קרעטשמע
ליגט אָפּגעזילבערט, אָפּגעפרישט און ביי
אויפן בערגל ביי דער זייט פון וועג. אַנטקעגן ליגט
דער איינגעשמידטער ווינטערדיקער טייך
מיט בלוליך־גרינע גרודעס אייז און שניי
און דער לבנה־שיין. וואָס פאַר אַ שמחה,

וואָס פאַר אַ האַרציקייט ס'באַגעגנט אונדז —
ר' לייב, דער באַלעבאָס פון אַלטער קרעטשמע,
זיצט איבערן „עין-יעקב" אין זיין יאַרמולקע,
אויך זי, די באַלעבאָסטע, איז נאָך שבת'דיק.
דאָס יונגוואַרג איז צוערשט אַביסל פרעמדליך,
נאָר שפּעטער מישן זיי זיך אויס מיט אונדזער עולם.
און תוך כדי דבור זינגט דער סאַמאָוואַר
און באַלד פאַרשמעקט אין ברייטער נידעריקער שטוב
מיט בולבע-לאַטקעס אינעם געגנשמאַלץ —
אַ סקאַווראָדע אַרויף, אַ סקאַווראָדע אַראָפּ:
„עסט מיינע ליבע געסט!" — „אַ לעבן אויף אייך
ווי איר האָט אונדז דערפרייט!" און אמת'דיק:
די אַלטע ברייטע נידעריקע שטוב,
וואָס ליגט אַוועקגעוואָרפן אויפן ברייטן טראַקט
אַן איינזאַמע, פאַרגעסענע, אַ גאַנצע וואָך
די עלנטסטע פון עלנטע, פאַרשמוצט, פאַרטוכלעט
אין פרעסנדיקן רויך פון כנופיה'ס פויערים,
מיט שכורע געשרייען און געשלעגן —
די לופט פון הייז איז אָפּגעפרישט אַצינד,
ווי ס'וואָלט אַ גוט פריש ווינטל דורכגעגאַנגען
פון ליכטיקער און איבעריכטיקער פרייד
פון יינגלעך און פון מיידלעך אין דער ערשטער יוגנט...

...ס'נעמט אונטן. דער מערב ברענט אין רויט.
די שפּיצן ביימער גליען. ס'שטייט דער מאָד
פאַרוויקלט איצט אין אונטשיין און גנאָד,
אין אומבאַוועגליך, שטיל. דער מזרח בלויט
אין פרישן טונקלבלוי. דער יונגער מולד־דין,
אַ האַלבע רייף, קלאָר־זילבערדיק, וואָס גליט,
אַריינגעשניטן אין אַ שאַרפן דינעם שניט;
און אונטער אים — אַ שטערנדל, אַ גאָלדיק־גרין.

וואָס שאָקלט זיך הין־און־צוריק און ווינקט.
די גרויסע שעה פון רחמים און פון בענקשאַפט ציט
איבער דעם עפּלפעלד מיט גוטע שטילע טריט,

געשלייערט רויט און בלוי. די שטילקייט זינגט
מיט שקיעה און מיט נאַכט אין מידן האָרץ.
דאָס אויג ווערט פייכט, ווי ס'ווערט דאָס גראָז אויף דר'ערד,
וואָס פינקלט אין דעם אונט־טוי, פאַרטרערט,
אין גוטער שעה פון דעם געבענטשטן האַרבסט...

...דאָס לעצטע בילד פון מיין צעשיידונג מיט דער היים
שטייט אויף פאַר מיר מיט גאָר זיין פיינלעכקייט
און שאַרפן ווי: ס'איז אַ מיטזומערדיקער טאָג —
די זון שטייט הויך אין הימל, ברענט און שרפה'ט;
די געאַרגינע־פלאַנץ אין אונדזער גערטל,
דער מאַמע'ס ליבלינג, וואָס זי צערטלט און היט אָפּ,
שטייט שמאַכטנדיק אין פלאַקערדיקער זון;
די ברייטע רויט־צעעפנטע בוקעטן
זיי בויגן אָנמעכטיק די קעפּ. די מאַמע וויינט
און קלאָגט אין צער, ווי מען באַוויינט אַ טויטן —
כ'געזעגן מיך אויף אייביק מיט דער היים.
דער טאַטע נעמט מיך אָן ביים האַנט און פירט מיך,
אַט ווי מען פירט ביים האַנט אַ קינד אַ פּיצלס,
צום קליינעם אַלטן היימישן בית־מדרש.
מיר גייען שטיל, מיט קליינע טריט, פּאַמעליך, —
אַרויפגעשטיגן אַט די דריי־פיר טרעפּלעך
צום עזרת־נשים, דורכגעשניטן זי אין ברייט,
אַראָפּגענידערט דריי־פיר טרעפּלעך אין דער שול,
אַדורכגעשפּאַנט פאַרביי דער בימה צונעם מזרח,
געבליבן שטיין ביים עמוד לעבן ארון־קודש.
אין שול איז שטיל און קיל און שאָטנדיק,
דאָס ליכט — געדעמפּט. ס'איז שטיל און שאָטנדיק.
דער טאַטע האַלט מיך ביי דער האַנט. ער שטייט
אַביסל איינגעבויגן און די פּלייצעס צוקן.
איך קוק אויף אים פון זייט: צום ערשטן מאָל —
באַנעם איך: ס'איז דער טאַטע אַלט געוואָרן.
די פיינע באָרד — כמעט אינגאַנצן ווייס,
דער שטערן איז צעקאַרבט אין טיפע קנייטשן,
די אָנגעשטרענגטע אויגן פול מיט צער.

דער טאַטע רעדט אויף אַ געבראָכן קול,
שטעלט אָפּ זיך אין דער מיט, נעמט ווייטער רײדן,
בלחש'דיק געבראָכן; דורך דער גאַנצער צייט
לאָזט ער מיין האַנט פון זיינער ניט אַרויס.
און איך — כ'האָב מורא אויפצוהויבן מיינע אויגן —
אַט וועל איך אויסברעכן אין אַ געיאָמער
אין שטרענגער שטילקייט פון דער אַלטער שול.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין דעם ברויזיקן ניו־יאָרק,
ווען איך האָב ווידעראַמאָל דורכגעלעבט
אַט יענע פיינלעכע מאָמענטן פון צעשיידונג —
האָב איך געפּרוּפט פאַרקריצן יענע רגע
אין קורצע און בלחש'דיקע פערזן —
איך וועל מיט זיי פאַרענדיקן מיין ליד:

איבער מיר האָבן דורות געוויינט:
...מיין קינד, דו זאָלסט בלייבן אַ ייד.
זאָל דיין טאַטנ'ס ירושה און לייד
„אין דיין האַרצן טיף ווערן געהיט.

„כ'בין מיט גאָלד ניט געוואָרן געשטראָפט,
„נאָר מיט גייסט האָט באַשאָנקען מיך גאָט;
„איך טראָג דורות און דורות אין האַרץ —
„ער פאַרמיידט ניט פון אונדז זיין גענאָד.

„איך בין מיד, איך בין אַלט, דו ביסט יונג —
„גיי פאַרויס, גאָט באַשירעמט מיין קינד;
„און דיין זעל זאָל געלייטערט אַרויס
„דורך נסיונות פון לעבן און זינד.

„ניט פאַרגעס אונדזער גאַנג איבער וועלט —
„זיי אַ ייד...״ — ער האָט מער ניט גערעדט;
נאָר זיין בליק האָט געלויכטן, געגליט,
מיט בטחון און שטילן געבעט.

ס'האָט אין שול דער נר־תמיד געצאַנקט
מיט זיין ציטערדיק טרויערדיק ליכט —
כ'האָב מיט יראה און אַנגסט זיך געבויגן,
אין פּרוכת פאַרהילט מיין געזיכט.

קיו־גארדענס, ניו־יאָרק
נאָוועמבער, 1951.